DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13680

Baranów Sandomierski Memorial Book

Sefer-yizkor Baranov

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:

Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer-yizkor Baranov / 'orekh, N. Blumental.
IMPRINT	880-02 Yerushalayim : Yad va-shem, 724 [1964]
DESCRIPT	236, xvi p. : ill., facsims., port. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Baranów Sandomierski.
	Baranów Sandomierski (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Baranów Sandomierski.
ADD'L NAME	Blumental, Nachman.
ADD'L TITLE	Yizkor Baranow; a memorial to the Jewish community of Baranow

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

ספר־יזכור בארנוב (ברניב)

ספר־יזכור בארנוב

(בארניב)

עורך: נ. בלומנטל

יד ושם
ארגון יוצאי בארנוב
ירושלים, תשכ״ד

Printed in Israel
נדפס בדפוס ג׳רוסלם פוסט, ירושלים
1964

התוכן

נענינו לפניית יוצאי בארניב (בארנוב) וסייענו להם בעריכת "ספר יזכור בארניב" ובהוצאתו לאור. אנשי בארניב אספו ומסרו לנו את זכרונותיהם, את רשימותיהם, את התעודות המעטות שהיו בידיהם וגם את הצילומים, ואנו ערכנו את החומר, הוספנו פה ושם הערה קצרה, וגם הקדמנו רשימה קצרה על העבר הרחוק, החורג מזכרונותיהם של אנשי עיירה זו בני דורנו, כדי שהקורא יקבל תמונה שלמה — אם כי לא ממצה ומפורטת — של תולדות יהודי היישוב הזה, מהתחלתו עד סופו המר.

לא להיסטוריה מדעית על כל פרטיה התכוונו אנשי בארניב, ניצולי השואה, וגם מערכת "יד ושם" — לא זו היתה המטרה שלה, בעריכתו של ספר זה. רעיון משותף היה לנו: להציל מן הנשייה את העבר הקרוב של עיירה זו, עד כמה שניתן הדבר ברגע זה באפשרויותינו הדלות. אין כמעט חומר תעודתי (מקורות) לתולדות עיירה זו, על אחת כמה, שלא לכל החומר הקיים "בעולם", יש לנו גישה. אבדו פנקסי הקהילה וכל המסמכים והפרוטוקולים של הקהילה ושל מוסדות יהודיים, שהתקיימו במשך שנים רבות במקום זה. שריד לא נשאר בהם — לא מן הזמנים שלפני המלחמה ולא מן התקופה האחרונה: מלחמת העולם השנייה.

המקור היחיד שנשאר, הם הזכרונות של האנשים שניצלו בנס מן התופת הנאצית, או שלמזלם לא היו בכלל בעול הכיבוש, ועם כל ההסתייגויות שיש לנו כלפי זכרונות אישיים, אין לנו ברירה אלא לשאוב מהם ולבנות עליהם את הידיעה שלנו על תקופות מסוימות של יישוב פלוני אלמוני. ואנו עדים, שאנשי בארניב רשמו את זכרונותיהם ברגש מיוחד, במלוא ההכרה של האחריות הרובצת עליהם כלפי הדורות שקדמו להם, ובמיוחד כלפי הדור האחרון שנעקר מאתנו בלא עת ובלא צפוי. אנשים אלה אין חלקם בין כותבי היסטוריה או סיפורים. עדיין הם חיים במציאות של אז: בשבילם עוד חיה העיירה. ברושמם את רשימותיהם, הם נותנים פורקן לזכרונותיהם שמעיקים עליהם ולרצון ולצורך להנציח מה שהיה לנו ונחרב. ואחריות זו, ההרגשה הפנימית של כל אחד ואחד, היא ערובה לאמיתות הכתוב המיועד להוצאה פומבית, ובפרט שהכותבים מדברים בעניינים, הידועים בדרך כלל לשאר בני העיירה, או לחלק מהם והניתנים לביקורתם.

עם כל זאת אין כמובן להתעלם מן העובדה, שכל אחד רואה את המציאות בעיניו הוא, ולא כל אחד יכול להשתלט על ההרגשות הסובייקטיביות בעת שהוא כותב על דברים הקשורים

בחוויות הפנימיות ביותר. אך אנו משוכנעים, שאם פעם נמצא (וספק גדול הוא אם נמצא) תעודות לתולדות עיירה זו, הן לא יכחישו מה שכתוב כאן על סמך הזכרונות.

רוב החומר אנו מביאים ביידיש, בשפת דיבורם של האנשים שנספו ושל אלה שניצלו. ידיעה (טובה) של שפה אחרת היתה לרוב יהודי עיירות פולין, נדירה מאוד. ואנו השתדלנו להביא את הדברים כמו שנאמרו או נכתבו, בלי תיקונים יתרים, בלי "ליטראליזאציה". השארנו את הביטויים העממיים שלהם, את הפתגמים שהיו שגורים בפיהם — גם זה חובה עלינו להנציח.

מכל העדה היהודית שהיתה בעיירה זו לפני פרוץ המלחמה, נשארו בחיים מעטים ורובם ככולם היגרו לאחר השחרור מפולין. נשאר בפולין רק איש אחד מאנשי בארניב, וגם הוא לא גר בעיירתו. מכל בית הקברות של העיירה, שעמד במשך מאות בשנים, שרדה רק מצבה אחת. וכך נשארה העיירה בלי יהודים ובלי כל זכר שיעיד עליה, שאמנם היו בה יהודים, שחיו ופעלו בה למען העיירה כולה, למען הקהילה היהודית ולמען אחיהם בעולם במשך דורות.

מערכת "יד ושם"

הקדמה

אחים ואחיות — אנשי בארניב והסביבה !

בשעה טובה יוצא לאור הספר על עירנו בארניב. אבן כבדה נגולה מעל לבנו — ובאנחת רווחה וסיפוק אנו הופכים עתה את דפיו.

קטנה ודלה יחסית היתה קהילתנו. אך גדולה היתה בתורה וחכמה, בחסידות ובשאיפה לדעת, בצדקה ובגמילות חסדים, בעממיות שרשית, בחריצות־כפיים ובעמל.

הנוער בבארניב, בניו ובנותיו, מוניטין יצאו להם בגאליציה המערבית כנוער צמא־דעת, בעל חוש מפותח לעזרה הדדית וספוג מידות טובות ודרך־ארץ.

אוצרות של רוחניות ופשטות עממית עברו מדור אל דור — עד שבאה השואה והכול נחרב, הכול הושמד, הכול נעקר.

כמו עלים טרופים בסערה משתוללת, נשארנו מתי מספר, אודים מוצלים מאש התופת, ובשארית כוחותינו התחלנו לטוות את החוט המקשר אותנו עם קהילתנו השדודה.

שנים חולפות ועמהן מתחלפים הדורות. הדור החדש, הבנים והנכדים של יוצאי בארניב בישראל ובתפוצות, יודע מעט על עברה של קהילת אבותיו, ואילו בני הדור הישן — מספרם הולך ומתמעט ברבות השנים.

ראינו אפוא חובה קדושה להנציח את זכרם של יקירנו, שמתו על קידוש־השם בלהבות כבשני בלז'ץ.

דל כוחנו מלהקים לקדושינו מפעלי הנצחה והיכלי זיכרון, ולכן החלטנו במאמץ משותף להנציח את קהילתנו בספר צנוע זה אשר לפנינו.

ארגון יוצאי בארניב

העיירה ויהודיה

די שטאט און אירע יידן

נחמן בלומנטל

בארניב — קווים לתולדותיה

[א] סקירה היסטורית

מתי קם היישוב, לא ידוע לנו. על כל פנים יודעים אנו, שעוד במחצית הראשונה של המאה הי״ב נבנתה כאן מצודה בצורה. קירבת הנהר הגדול, ויסלה, פתחה לתושבי המקום פתח להתקדמות כלכלית. בנהר — דרך המסחר החשובה ביותר באותם הימים — היו מביאים דגן עד לדאנציג שבים הבאלטי.


להתפתחות היישוב סייעה הפריווילגיה של המלך קאזימיר הגדול, שהעניק לו מעמד של עיר (1353).[1] דבר זה משך למקום תושבים, שעסקו במסחר ובמלאכה. התיישבו כאן במספר ניכר גם ״בעלי אמונות אחרות״, לא־קאתוליות, ויסדו קהילה של קאלוויניסטים, וב־1604 אף ערכו כאן ועידה (׳סינוד׳). במאה הי״ז הוקם כאן בית־דפוס, שבמשך השנים 1628–1648 הוציאה לאור כמה וכמה ספרי דת (קאתוליים) ואף ברוח פרוטסטאנטית.

המלחמות שתכפו במיוחד במאה הנ״ל — מרד הקוזאקים, פלישת השוודים והסכסוכים הפנימיים — החריבו את העיר ואת המצודה. אמנם שוקם הכול במרוצת הזמן, אך זוהרה מלפנים לא חזר עוד לעיר לעולם. במצודה, שבניינה חודש כמה פעמים, היו מבלים מלכי פולין בשעתם, כגון קאזימיר הגדול הנזכר למעלה, סטפאן באטורי (המאה הט״ז) ועוד. כאן היה גם מקום מושבם של אדוני המקום — ביניהם משפחת בארנובסקי (מכאן שם היישוב) — שנתחלפו במשך השנים. משנשרפה המצודה כמה פעמים בזמנים שלאחר מכן, נבנה על מקומו ארמון יפה, העומד עד היום הזה.

בפולין הישנה (עד לחלוקה של 1772) היתה בארניב כלולה במחוז צויזמיר. לאחר שכבשוה האוסטרים נספחה על מחוז טרנוב (גאליציה), בשנת 1860 — במחוז מיליץ, ואחר־כך — בנפת טארנובז׳ג. לאחר התפוררות האימפריה האוסטרית (1918) נכבשה גאליציה בידי הפולנים ושטחה של בארניב נכלל במחוז לבוב. כך היה עד פרוץ מלחמת העולם השנייה, שאז צירפו הגרמנים את העיר למחוז דמביץ, חבל קראקא, ב״גנראל־גוברנמאן״ — אותו חלק מפולין שלא סופח ל״רייך״. היום שייכת בארניב למחוז החדש ריישא (ז׳שוב).

ראשית התיישבות היהודית בבארניב לא נתבררה; על כל פנים מוקדמת היא מאוד (המאה

[1] M. Baliński i T. Lipiński: Starożytna Polska, II., Województwo Sandomierskie: Baranów, Warszawa 1845; Słownik Geograficzny 1881, Baranów



הטירה — דער שלאָס

הי"ד). היהודים קיבלו לידיהם את מסחר התבואה, השתכנו בעיר מסביב לכיכר השוק, בבקתות של עץ. גם בית־כנסת יפה היה, בנוי עץ. השריפות שהיו תדירות כאן — מן הגדולות שבהן אירעו ב־1890 וב־1896 — מחו את הכול מעל פני האדמה, והבתים החדשים, בתי־האבן, נתנו למקום מראה של עיר חדשה למדי.

מעטות הידיעות שהגיעו אלינו על יהודי בארניב לפנים. היתה זו עיירה כשאר העיירות ולא נבדלה מהן בהרבה.

בימי מלחמת העולם הראשונה נכבשה העיירה בידי הרוסים, והדבר גרם בהלה אצל היהודים. רבים ברחו ולא חזרו עוד לבארניב לעולם.

חלק מיהודי בארניב שירתו בצבא האוסטרי ולאחר התפוררותו חזרו לעיירה. הללו שמרו במקצת על היהודים מפרעות וממעשי שוד, שפרצו באותם הימים — נובמבר–דצמבר 1918 — בהשראת החוגים הריאקציוניים הפולניים, שכבר אז שאפו לפולין עצמאית, בלי יהודים. בעת הפרעות הוכו יהודים עד זוב־דם, וכמה וכמה חנויות נפרצו ונשדדו. המיליציה העירונית — כרגיל במקרים כאלה — עשתה עצמה כלא־רואה, אך נכנסה לפעולה וירתה במיליציה היהודית, כאשר זו הוזעקה ואצה להציל חיי יהודים ורכוש יהודי [2].


גם ב־1919 אירעו התנפלויות על יהודים, והפעם מידי חיילים פולנים מחילו של האלר, ובסיסמא ה"פאטריוטית": "מלחמה בבולשוויזם" [3]. אך בכלל נפטרה העיירה בלי נזק חמור. ייצוב השלטון הפולני הקדים לבוא כאן והסדר הושב על כנו. לכאן הביאו כבני ערובה, לאחר הפרעות בלבוב (22 בנובמבר 1918), ארבעה מחשובי המנהיגים הציוניים בגאליציה המזרחית:

[2] Jakob Krausz: Martyrium. Ein Jüdisches Jahrbuch, p. 54, Wien 1922

[3] שם, עמ' 45.

ד״ר מיכאל רינגל, ד״ר אלכסנדר הויזמן, ד״ר ליאון רייך ומ״א טננבלאט, עורך העיתון ״יידי־שער טאגבלאט״, והחזיקו אותם 4 שבועות. דבר זה צריך היה לשמש ״ערובה״, שיהודים לא יתערבו במאבק שבין הפולנים לאוקראינים, ושלהבא יהיו ״נאמנים״ לפולין. לאחר שחרורם — בהתערבות המשלחת האנגלית — יצאו ד״ר ליאון רייך וד״ר מיכאל רינגל מבארניב לצרפת לוועידת השלום בוורסאי [4].

מאז מלחמת העולם הראשונה הלך היישוב היהודי הלוך ושקוע. המצב הכלכלי של היהודים הלך ורע. סייעו לכך המגמות האנטי־יהודיות, הן של ממשלת פולין, הן של החוגים הריאק־ציוניים הפולניים. הרבה יהודים נאלצו לעבור לערים אחרות, יותר גדולות, או — עד כמה שהתנאים אפשרו זאת — להגר לארצות אחרות.



בית־המדרש

לפי שאלון שהעביר ה״ג׳וינט״ מיד אחרי המלחמה בדבר מפעלי תעשייה יהודיים בפולין ב־1921 היו בבארניב באותו זמן 31 מפעלים קטנים כאלה. מספר המועסקים בהם — 48 בסך־הכל! ב־26 מן המפעלים עבדו בעליהם לבדם, כלומר בעל־המלאכה עצמו, ולפעמים בסיוע אחד מבני המשפחה (האשה או הילד הבכור) — סך־הכל 7 כאלה. רק ב־5 מפעלים הועסקו פועלים שכירים (״שוליות״), בסך־הכל 10, דהיינו 2 לכל מפעל בממוצע. בתוך הפועלים השכירים היו 6 גברים, 2 נשים ו־2 ילדים! כל המועסקים ב״תעשיה״ היהודית היו יהודים.

[4] יוסף טננבוים: גאליציע, מיין אלטע היים, בואנוס איירס, 1952, עמ׳ 219.

והרי רשימת המפעלים[5]: אבן־עפר־וכדומה (עושה מצבות?) — אחד, עם פועל אחד (בעל המפעל); תעשיית מתכת (עושה פמוטות?) — אחד, עם פועל אחד (כנ"ל); מכשירים־מכונות (שען?) — אחד, פועל אחד (כנ"ל); תעשיית ההלבשה והקישוט — 17, עם 26 פועלים (17 הבעלים, בן־משפחה אחד ו־8 שכירים); תזונה — 8, עם 16 פועלים (8 הבעלים, 6 בני משפחה ו־2 פועלים שכירים); מפעל בניין אחד, פועל אחד (בעל המפעל); מפעלי־ניקיון — 2, עם 2 פועלים (כנ"ל).



קטע מכיכר השוק (1960)   אַ טייל פון מארק (רינעק)

מתוך רשימה זו אנו רואים, שלא היתה בארניב מרכז־תעשייה גדול, אף־על־פי שהמספר 48 של יהודים פרודוקטיביים אינו קטן לפי הערך.

וממה התפרנסו שאר היהודים? בעיקר ממסחר בכל צורותיו. אך היו גם פקידים, עגלונים, בעלי מקצוע חופשי (רופא), מלמדים, מורים, "כלי־קודש", וכן — יש להטעים דבר זה — היו יהודים בעלי גינה משלהם, ואפילו כברת שדה שעיבדוה בעצמם, ובהמה "יהודית", כלומר — עז חולבת. היו גם יהודים אביונים, שהתפרנסו ממה ששלחו להם מחוץ־לארץ — בעיקר קרובים, אך גם מוסדות. כך שלח ארגון יוצאי בארניב בניו־יורק שנה־שנה 400 דולאר, תמיכה בביתם הישן[6]. מלבד זאת עזרו, כמובן, לעניים גם מבפנים. אך בכל זה לא היה די לסלק לגמרי את המחסור.

אף־על־פי־כן התנהלה העיירה כתיקנה: היה ועד קהילה, מפלגות — בזה לא נפלה מאחיו־

[5] Żydowskie przedsiębiorstwa w Polsce według ankiety z 1921 r. T.V., VI., Małopolska, opracowane pod kierunkiem Eliezera Hellera, Warszawa 1923, p. 133, 116 LXXV, LXXVIII p.

[6] לפי "די יידישע לאנדסמאנשאפטן פון ניו־יארק", ניו־יאָרק, 1938.

תיה. ולא חסרו גם מחלוקות, שהדיהן אף הגיעו לעיתונות היהודית. כך למשל מספר לנו העיתון הלבובאי בשפה הפולנית "כווילא" (מיום 2.8.1928), שבבארניב היו בחירות לוועד הקהילה. ומכיוון שהציונים זכו ברוב קולות, אין מושל המחוז מאפשר את הקמת הוועד וזומם למנות קומיסאר במקום הנציגים הנבחרים, כשם שנעשה בערים אחרות. הנהלת הקהילה לא האריכה ימים, שכן כבר ב־1931 אנו מוצאים שם בחירות חדשות, שבהן נבחרו: 3 ציונים, 4 בעלי־מלאכה ("יד חרוצים" ?) ואחד דתי בלתי מפלגתי ("היינט" מיום 27.5.1931).



בתי יהודים (1960) יידישע הייזער

ושוב, על סכסוכים בתחום הכלכלה בין יהודים לבין עצמם, אנו קוראים בעיתון הווארשאי "היינט" מיום 3.3.1927 ומ־23 בו — סכסוכים שהיו שכיחים גם בשאר ערים ועיירות של הימים ההם, תוצאה מהירידה הכלכלית של יהודי פולין.

אנו מביאים את הכתבה מן התאריך הראשון מאת מאיר ויינרב בנוסחה המלא והאופייני: "חברי העירייה, היהודים המתבוללים (!), האדונים ברל (!)[7] בליצר, שלמה הולנדר וירמיהו לייבוביץ' הציעו בעירייה הצעה לסלק מן השוק את ארבעת הדוכנים של רוכלים יהודים, מפני שהם בני תחרות לחנויות (של שלושת חברי העירייה). חברי העירייה הנוצרים קפצו על המציאה. רק זכותו של חבר העירייה הנוצרי הליבראלי סטויאנובסקי הועילה לדחות את ההצעה לזמן־מה, ולהציל את ארבע המשפחות היהודיות, המחזיקות בדוכנים זה חמש שנים".

על זה משיב אחד מחברי העירייה הנזכר למעלה, ירמיהו לייבוביץ', בגליון מיום 23.3.27, שאין הוא "מתבולל", אלא אחד מראשוני "השוקלים והנודבים למטרות לאומיות"; הוא הצביע בעד ההצעה — כך הוא כותב — לא מפני שיש לו אינטרס אישי בעניין (הוא שייך לענף אחר), "אלא מפני שהדוכנים יש בהם משום התחרות קשה לסוחרים אחרים בעלי חנויות, החייבים לשלם שכר־דירה הרבה יותר ומסים גבוהים יותר".

[7] כבר משמותיהם של חברי המועצה היהודים אנו למדים שהם היו רחוקים מ...התבוללות, שכתב העיתון מאשים אותם בה.

מסים גבוהים אלה ושאר תחבולות של השלטון, הם־הם שהרסו ביותר את המסחר היהודי בעיירות הקטנות של פולין ועוררו מרירות בין היהודים לבין עצמם.

גם על התקופה האחרונה בהיסטוריה רבת השנים של יהודי בארניב אין שפע של תעודות היסטוריות. הקהילה היהודית נמחתה מעל פני האדמה. גם בעניין זה לא נבדלה בארניב משאר עיירות הסביבה ומשאר שטחי הכיבוש הנאצי בפולין ובמזרח אירופה.

לאחר שכבשו הגרמנים את העיר ירדו על היהודים גזירות מגזירות שונות: היו חוטפים לעבודה, בוזזים את בתי היהודים, או סתם מכים ורוצחים יהודי שנקרה בדרך. ובכל זאת השתדלו היהודים להסתגל לתנאים הקשים החדשים, סבלו בנפשם מן העלבונות של הגרמנים, סבלו בגופם: מחסור ורעב ממש, אך לא איבדו את צלם אלקים. הם עבדו, התאמצו לצלוח את הזמנים הקשים בדרכים ליגאליות ו״אי־ליגאליות״, האמינו בסוף מהיר וטוב של המלחמה ועודדו זה את זה. גם השתדלו לעזור לאלה שסבלו ממחסור יותר מאחרים. אורגן ועד עזרה (״דלגאטורה״), שהיה קשור במרכז הקראקאי של ״יידישע סאציאלע אליינהילף״ (עזרה עצמית יהודית). חבריו היו: מאיר־חיים הויזר, ירמיהו לייבוביץ׳, מיכאל שיינדורף, זיסקינד רוטנ־שטרייך וישראל מאיר. הם עשו מאמץ להמעיט את סבלם של הנצרכים בנדבות שאספו בתוך המקום ובמעט שקיבלו מן המרכז (במאי 1941 — 300 זהובים). אך בשום אופן לא יכלו להספיק, בגלל דרישות הגרמנים שהלכו וגדלו, שהלכו והחמירו באכזריותן, וגם משום שלבארניב הוגלו יהודי הכפרים הסמוכים, ולבסוף גם שארית יהודי טארנובז׳ג. עד שהגיע היום (ו׳ באב תש״ב — 20.7.1942), שבו העמיסו את כל יהודי בארניב על קרונות רכבת והביאום לעיר המחוז שלהם, דמביץ, ששם קיבצו את יהודי העיירות הסמוכות. כאן הבדילו את הבריאים והעבירום למחנה העבודה פוסטקוב ולמחנות אחרים. השאר, והם הרוב, הובלו ישר למחנה המוות בלז׳ץ. (בתשעה־באב תש״ב דווקא עלה בגורל יהודי המחוז ההוא למות במחנה).

וכל זה נעשה בשקט ובשלווה... יהודים הלכו. וכי כיצד יעלה על דעתם שהולכים הם לעקדתם־שלהם? אדרבה — זמן רב היו היהודים משוכנעים, שבבארניב בטוחים הם מכל רע. והראיה: הרי מביאים לכאן גם יהודים אחרים... אף הופצה ידיעה רשמית, שעתידים להביא לכאן 2 משלוחי יהודים — כאלף נפש מן השטחים המזרחיים של הרייך [8]. זה חיזק את אמונתם של יהודי המקום, שלהם אין סכנה נשקפת. הרי הם עומדים להיות ה״בעלי־בתים״, שיקבלו יהודים זרים ויעזרו להם להסתדר... ובשעה שהם כבר מובלים למוות, עדיין סברא היא אצל היהודים שמובלים הם... לעבודה! רק על סף האבדון, כאשר רגליהם דורכות כבר על מפתן תאי הגאזים, מתברר להם שאבודים הם...

גם הגברים הנבחרים, הבריאים והצעירים, שעדיין נזדקק להם הייצור המלחמתי הגרמני, ושלא ניתן להם להיות יחד עם משפחותיהם מחשש מרד, גם הם הומתו בהדרגה, מי במוקדם ומי במאוחר, לאחר עבודת פרך ארוכה או קצרה ולאחר שנדלו כוחותיהם האחרונים. רק יחידים

[8] מכתב מאת ה״דלגאטורה״ בבארניב אל ״העזרה העצמאית״ בקראקא, מיום 20.2.1941; מיקרופילם בארכיון יד־ושם.

ניצלו — פלוני היה במחבוא אצל גוי טוב, פלוני השיג תעודות 'אריות' וחי כנוצרי, ופלוני ברח אל היער, כשהוא מחפש כאן מחסה ואפשרות להילחם ברוצחים הנאצים.

וכל זה נעשה בלי "חליפת מכתבים" מיותרת ובלי הכנות מיוחדות מצד התליינים הגרמנים. כי מה ערך יש לכמה מאות יהודים בתוך "מפעל" העשוי בשביל מיליונים? כך נמחתה העיירה בתוך מאורעות הימים ונטחנה בין גלגלי מכונת ההשמדה.

כך למשל כותב מקור גרמני [9] במלים מספר על הקמת מחוז דמביץ, הכולל את 3 הנפות הישנות (הפולניות): דמביץ, מיליץ וטארנובז'ג, שיש בהן 9 ערים (ובתוכן בארניב) ומספר היהודים במחוז החדש מגיע ל־15,000 (לעומת 293,000 פולנים, 1,500 גרמנים ו־200 שונים). מקור גרמני שני [10], שיצא לאור שנה לאחר מכן ואשר מתאר גם הוא את הערים והעיירות האלה ועוסק במספרים סטאטיסטיים, כבר חסרה בו לחלוטין העמודה "יהודים". לאן נעלמו 15,000 היהודים, אין זה מעניינם של המחברים. היו ואינם... רק בזכרונותיהם של אלה שהיו ושרדו בנס, נשאר זכרם. מקצת הזכרונות האלה יובאו להלן.

וראויים להיזכר הפולנים המעטים בני העיירה, שבצורה זו או אחרת עזרו ליהודים בימים ההם: פטרונלה קשמינסקא (Petronela Krzemińska) יוזפה קלארמאן (Józefa Klarman) ויוזף קוס (Józef Kos).

[ב] נתונים דימוגראפיים

המספר הרשמי הראשון ליהודים, תושבי בארניב, מוצאו מן המיפקד הכללי ליהודים, שנערך בפולין העצמאית בשנת 1764/5, במטרה לקבוע את הסכום הכולל של מס הגולגולת, שיהודי פולין־"הכתר" וליטא נתחייבו להכניס לאוצר המדינה שנה בשנה.

לפי מיפקד זה היו בבארניב — שהיתה אז שייכת למחוז צויזמיר ולנפת צויזמיר — יהודים מבן שנה ומעלה (שרק הם חייבים היו במס גולגולת) — 300, ובסביבתה (יישובים שלא היתה להם קהילה משלהם ושייכים היו לקהלת בארניב) — 135, דהיינו 435 יהודים מבן שנה ומעלה [11]. יש להוסיף על כך את מספר התינוקות עד גיל שנה, שלא הובאו בכלל המיפקד, המגיע באופן תיאורטי, לפי חישוביו של פרופ' מאהלר — ל־6.6% [12]. מלבד זה יש להוסיף לפי אומדן את מספר "הנפשות הסמויות", שלפי המחבר הנ"ל הוא מגיע ל־20% [13]. ס"ה לעיר בארניב גופה — 380 נפש, ולסביבה — 171 נפש; ז"א שלקהילת בארניב היו שייכות בשנים 1764–1765 — 551 נפשות, מספר לא קטן בתנאים של אז.

כדי לעמוד על ערכו האמיתי של מספר זה, יש להביא בחשבון שהאוכלוסיה היהודית בכל פולין באותו זמן הגיעה — לאחר התיקונים הנ"ל במספר הרשמי — בפולין־"הכתר" ל־548,777 נפש. בליטא ל־201,191 נפש. ס"ה — 749,968 נפש.

9 Du Prel: Das Generalgouvernement, Krakau 1942, p. 258

10 Karl Baedekers: Das Generalgouvernement, Leipzig 1943

11 רפאל מאהלער: יידן אין אמאליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן, ווארשא 1958; טבלא III, 11.

12 שם, טבלא I, וכן מסקנות המחבר בעמ' 31–33.

13 שם, עמ' 37 ואילך.

ולפי החשבון של 4.3 נפשות למשפחה יוצא, שבאותו זמן היו בבארניב כ־88 משפחות יהודיות. את אחוז יהודי בארניב מכלל תושבי העיר אפשר לשער על־פי הידיעה, שהאוכלוסיה היהודית במחוז צויזמיר היתה באותה שעה כ־23 אחוז מכלל אוכלוסיית המחוז[14]. נמצא שמספר כל תושבי העיירה בארניב (היהודים והנוצרים) הגיע בערך ל־1,650 נפש. יחד עם המספרים של האוכלוסיה היהודית בבארניב לשנים שלאחר־מכן, אפשר לנו להעמיד טבלא זו :

שנה	מספר היהודים	כלל האוכלוסיה	אחוז היהודים
1764/5	380	1,850	23
1860 [15]	585	—	—
1880	1,155	2,002	57.5
1890	1,491	2,371	62.9
1900 [16]	918	1,817	50.5
1921 [17]	745	1,794	41.5
1931 [18]	—	1,815	—
1939	680 [19]	—	—

לפי המיפקד השני של 1931 היו בכל נפת טארנובז׳ג, שגם בארניב נכללה בה — 6,333 בני הדת היהודית, בתוך אוכלוסיה כללית של 73,000 נפש. מלבד שתי הערים — בארניב וטאר־נובז׳ג — נכללה בנפה זו גם העיירה רוזוואדוב, בעלת אוכלוסיה יהודית ניכרת, וכמה כפרים שמספר היהודים היה קטן בהם באותה שעה.

הערות אחדות למספרים המובאים למעלה :

מספר היהודים פחת בבארניב במידה ניכרת בשנים 1907–1921. דבר זה מוסבר — כמו שנראה עוד מן הזכרונות שיובאו להלן — במאורעות המלחמה בשנים 1914–1918 ובמאורעות של השנים הראשונות לאחר המלחמה. מקצת יהודים ברחו מפני הרוסים, מקצתם הלכו לצבא ולא הזרו, אחדים נרצחו בשנות המלחמה וגם אחריה.

אחרי המלחמה החלה הגירת היהודים, בעיקר לאמריקה, ועלייה לא״י. זה גרם שמספר היהודים כאן הלך ופחת. תהליך זה נמשך עד פרוץ מלחמת העולם השנייה. פרטים מדויקים לעניין זה אין בידינו ברגע זה.

[14] שם, עמ׳ 64.

[15] על־פי ״יווריסקאיא אנציקלופדיא״, ערך ״בארנוב״.

[16] המספרים לשנים 1880, 1890, 1900 — לפי Dr. Stanisław Gruiński: Materjały do kwestyi żydowskiej w Galicyi, Lwów 1910, Tablica X

[17] על־פי המיפקד הראשון בפולין המשוחררת מ־9.12.1921. כרטסת ב״יד ושם״.

[18] על־פי המיפקד השני מ־9.12.1931. ראה : V: Statistisches Gemeindeverzeichnis des bisherigen polnischen Staates; Berlin 1949, p. 92

[19] E. Podhorizer-Sandel: O zagładzie Żydów w dystrykcie krakowskim; Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego Nr. 30, 1959, p. 87

אשר לתוצאות המיפקד משנת 1921, יש בידינו מספרים של תושבי העיירה, שהצהירו שהם יהודים על־פי דתם — 745, ועל־פי לאומיותם (שפת־אם: יידיש או עברית) — 731, ז"א שלמעלה מ־98% מיהודי העיירה היו יהודים לאומיים, ורק מתי מספר, יחידים, אפשר היה לראותם כמתבוללים. אם אמיתיים אם מדומים — אין לשפוט מתוך סטאטיסטיקה יבשה.

מימי הכיבוש הגרמני יש בידינו עוד מיפקד שנערך ב־1.3.1943, שלפיו היו באותה שעה בבארניב רק 1,325 נפש — פחת של 500 בהשוואה לשנת 1931. זוהי תוצאה מחסרון היהודים, שהמיפקד אינו מזכיר אותם בכלל ואשר באותה שעה כבר היו מחוסלים. יחידים עוד התחבאו אי־פה אי־שם, בעיר או במקום אחר, או אולי עוד "חיו" במחנה גרמני.

גם סביבותיה של בארניב (הכפרים הסמוכים), שב־1931 היו שם 7,787 נפשות (יהודים ונוצרים יחד), מנו ב־1943 רק 6,562 נפשות. גם פחת זה של כ־1,200 נפש יש לזקוף בחלקו לחשבון יהודי הכפרים הסמוכים, שהיו שייכים לקהילת בארניב ושנרצחו בידי הגרמנים.

כיום אין אפילו יהודי אחד, לא בבארניב גופה ולא בסביבתה הקרובה.

נחמן בלומנטל

באראנאָוו—שטריכן צו איר געשיכטע


[א] געשיכטלעכער איבערבליק

ווען דער ישוב איז אנטשטאנען, איז נישט באקאנט; אלנפאלס ווייסן מיר, אז נאך אין דער ערשטער העלפט פון 12־טן יאָרהונדערט איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן א באפעסטיקטער שלאָס. די נאָענטקייט פון דעם גרויסן טייך ווייסל האָט געגעבן די איינוווינער פון ישוב די מעגלעכקייט פון עקאנאמישער אנטוויקלונג. מיטן טייך נעמלעך — דער וויכטיקסטער האדלס־וועג אין יענע צייטן — האָט מען געפירט תבואה ביז קיין דאנציג, וואס איז אויפן באלטישן ים.

צוגעהאלפן צו דער אנטוויקלונג פון ישוב האט די פריווילעגיע פון קעניג קאזימיר דעם גרויסן, וואס האט דעם ישוב געגעבן די רעכט פון א שטאט (1354) [1]. דאס האט צוגעצויגן איינוווינער, וואס האבן זיך פארנומען מיט האנדל און האנדווערקעריי. עס האט זיך דא אויך באזעצט א גרעסערע צאל "אנדערש־גלויביקע" — נישט קאטאָליקן — און געשאפן א קהילה פון קאלוויניסטן, און אין 1604 אפילו דא אָפּגעהאלטן זייערן א צוזאמענפאר (סינאָד). אין 17־טן יאָרהונדערט איז אויך דא אנטשטאנען א דרוקעריי, וואס האט אין משך פון די יארן (1628–1648) ארויסגעגעבן א ריי ביכער רעליגיעזע (קאטוילישע) און אפילו אויך אין פראטעסטאנטישן גייסט.

די מלחמות, וואס זיינען געווען אזוי אפט — באזונדערס אין דעם יארהונדערט — דער קאזאקישער אויפשטאנד, דער שוועדישער אָנפאל און די אינערלעכע שטרייטיקייטן — האבן פארניכטעט די שטאט און דעם שלאָס. אמת, אז דאס אלץ איז דערנאך מיט דער צייט צוריק אויפגעבויט געווארן, אבער דעם פריערדיקן גלאנץ האט דער ישוב שוין נישט מער דערגרייכט. אין שלאָס, וואס איז עטלעכע מאל איבערגעבויט געווארן, האבן אין זייער צייט פארבראכט פוילישע קעניגן, ווי דער דערמאנטער קאזימיר דער גרויסער, סטעפאן באטארי (16. יאר־הונדערט) און אנדערע. דא איז אויך געווען דער זיצארט פון די אייגנטימער פון ישוב — דארונטער די משפחה באראנאָווסקי (פון דאנען דער נאמען פון ישוב) — וואס האבן זיך אין

[1] M. Baliński i T. Lipiński: Starożytna Polska, Tom II. Województwo Sandomierskie, Baranów; Warszawa 1845. Słownik Geograficzny, 1881, Baranów



טייך ווּיסלאַנק
הויף-גאס
צו די קליינע וואסערלעך
צו סאכאראוו
טארנאבזשעג 10 ק"מ

משך פון די יארן געביטן. נאכדעם ווי דער שלאָס איז אין די שפעטערדיקע צייטן עטלעכע מאל אפגעברענט געווארן, איז ער איבערגעבויט געווארן אויף א שיינעם פאלאץ, וואס עקזיס־טירט נאך ביזן היינטיקן טאג.

אין אמאָליקן פוילן (ביז צו דעם אויפטייל אין יאָר 1772) האָט באראנאָוו געהערט צו דער צוויזמער וואָיעוואָדשאפט. נאָכן איינגעמען די שטאָט דורך די עסטרייכער, איז זי צוגעטיילט געוואָרן צום טארנאָווער קרייז (גאליציע); פון י. 1860 צום מיעלעצער קרייז און שפעטער צום טארנאָבזשעגער פאָוויאט. נאך דעם צעפאלן זיך פון עסטרייך (1918) איז גאליציע איינגע־נומען געווארן דורך די פאלאקן און דער שטח פון באראנאָוו איז צוגעטיילט געווארן צו דער לוואווער (לעמבערגער) וואָיעוואדשאפט, צו וועלכער עס האט געהערט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די דייטשן ווידער האבן די שטאָט צוגעטיילט צום דעמביצער קרייז, קראָקעווער דיסטריקט, גענעראל־גווערנמענט. אזוי נעמלעך האט געהייסן דער טייל פוילן, וואס איז נישט איינגעשלאָסן געווארן אין רייך. היינט צו טאָג געהערט באראנאָוו צו דער ניי־אנטשטאנענער (נאך דער מלחמה) זשעשאָווער וואָיעוואָדשאפט.



בית הרב — דעם רב׳ס הויז

ווען די יידן האבן זיך באזעצט אין באראנאָוו — יידן האבן דאס גערופן "בארניוו" — איז אונז נישט באקאנט; ווארשיינלעך זייער פרי (14־טן יארהונדערט). זיי האבן איבערגענומען דעם מסחר מיט תבואה. זיי האבן זיך באזעצט אין שטאָט — ארום דעם מארקפלאץ — אין קליינע הילצערנע הייזלעך. פון האָלץ איז אויך געווען אויפגעבויט א שיינע שול. צוליב די אָפטע שריפות, וואס זענען דא אויסגעבראכן, — איינע פון די גרעסטע אין יאר 1890 און 1896, איז דאס אלץ אפגעמעקט געווארן, און די ניי אויפגעשטעלטע, געמויערטע הייזער האבן דער שטאט געגעבן דעם אויסזען פון א גאנץ נייער.

ווייניק ידיעות זיינען צו אונדז דערגאנגען וועגן די יידן אין בארניוו אין די אמאָליקע יאָרן — געווען א שטעטל ווי אלע אנדערע און ווייניק זיך פון זיי אונטערשיידט.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס שטעטל איינגענומען געוואָרן דורך דער רוסישער ארמיי, וואס האט גורם געווען א בהלה ביי די יידן. אסך האבן זיך עוואקואירט און מער שוין קיין בארניוו נישט צוריקגעקומען.

טייל בארניווער יידן האבן געדינט אין עסטרייכישן מיליטער און נאכן צוזאמענברוך פון דער עסטרייכישער ארמיי צוריקגעקומען אין שטעטל. זיי האבן דאס טיילווייז אפגעהיטן די יידן פון די פאגראמען און ראבונקעס, וואס זיינען אויסגעבראכן צו יענער צייט — נאוועמבער־דעצעמבער 1918 — וועלכע זענען אָרגאניזירט געוואָרן פון די פוילישע רעאקציאנערע קרייזן, וואס האבן שוין ביים סאמע אנהויב געשטרעבט צו אן אומאפהענגיקער פוילישער מדינה — אָן יידן. בעת די פאָגראָמען איז נישט איין ייד בלוטיק צעשלאָגן געוואָרן און א גאנצע ריי געוועלבער אויפגעבראָכן און אויסגעראבעוועט געוואָרן. די שטעטישע מיליץ האט דערביי — ווי געוויינלעך אין אזעלכע פאלן — געמאכט זיך נישט־זעענדיק, און ארויסגעטרעטן און געשאסן אויף דער יידישער מיליץ, ווען זי איז אלאמירט געווארן און געלאפן שיצן דאס יידישע לעבן, און יידיש האָב און גוטס [2].

אויך אין 1919 זענען פאָרגעקומען עקסצעסן קעגן יידן; דאָס מאָל פון פוילישע סאָלדאטן פון האלערס ארמיי, אונטער דער "פאטריאָטישער" לאזונג: "קאמף קעגן באלשעוויזם" [3]. אָבער בדרך כלל איז דאָס שטעטל ארויס פון דעם אָן גרעסערע שאָדנס. עס האט זיך דאָ פרי איינגעשטעלט די פוילישע מאכט און איינגעפירט ארדנונג. אהער האט מען אויך געבראכט, נאך די פאָגראָמען אין לעמבערג (22. נאוועמבער 1918), פיר פון די חשובסטע ציוניסטישע פירער אין מזרח־גאליציע: ד"ר מיכאל רינגעל, ד"ר אלכסנדר הויזמאן, ד"ר לעאָן רייך און דעם רעדאקטאָר פון "יידישן טאָגבלאט" מ. א. טענענבלאט — אלס ערובניקעס און זיי אָפּגעהאלטן אין בארניוו 4 וואָכן. דאס האט געדארפט זיין א "גוואראנציע", אז יידן זאלן זיך נישט מישן אין די פויליש־אוקראינישע קאמפן און להבא זיין "לאָיאל" צו פוילן. פון בארניוו זענען נאך דער באפרייאונג — א דאַנק דער אינטערווענץ פון דער ענגלישער מיסיע — ד"ר לעאָן רייך און ד"ר מיכאל רינגעל אָפּגעפארן קיין פאריז אויף דער שלום־קאָנפערענץ אין ווערסייל [4].

זייט דער ערשטער וועלט־מלחמה האט דער יידישער ישוב געהאלטן אין איין זינקען; די עקאָנאָמישע לאגע פון די יידן האט געהאלטן אין איין פארערגערן זיך. צוגעהאָלפן דערצו האָבן די אַנטי־יידישע טענדענצן סיי פון דער פוילישער רעגירונג, סיי פון די פוילישע רעאַקציאָנערע פארטייען. דאס האט געצווונגען פיל יידן אריבערצוטראגן זיך אין אנדערע, גרעסערע שטעט, אדער — אויף ווי ווייט די דעמאלסדיקע פארהעלטענישן האבן דאס דערלויבט — צו עמיגרירן קיין אויסלאנד. לויט אן אנקעטע, וואס ס'האט תיכף נאך דער מלחמה אדורכגעפירט דער

[2] Jakob Krausz: Martyrium. Ein jüdisches Jahrbuch, Wien 1922, p. 54

[3] דארט, זייט 45.

[4] ד"ר יוסף טענענבוים: גאליציע, מיין אלטע היים; בוענאס־איירעס, 1952, ז. 219.

דזשווינט וועגן יידישע אינדדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין פוילן אין 1921 יאר, האבן אין בארניוו צו דער צייט עקזיסטירט 31 אזעלכע קליינע אונטערנעמונגען. די צאָל באשעפטיקע, אין זיי האט באטראָפן — גאנצע 48 פערזאָן!

אין די 31 אונטערנעמונגען האָבן געארבעט — אדער בלויז די אייגנטימער (די בעלי־הבתים) אליין — אייגנטלעך דער בעל־מלאכה גופא — 31 אין צאָל אָדער ער האָט געהאט צו הילף נאך עמעצן פון דער משפחה — 7 אין צאָל (דאס אייגענע ווייב, אן עלטער קינד). בלויז אין 5 אנשטאַלטן זענען געווען באשעפטיקט פרעמדע לוין־ארבעטער („געזעלן") — 10 אין צאָל, ד. ה. דורכשניטלעך צו 2 אויף אן אנשטאלט. פון די לוין־ארבעטער זענען געווען 6 מענער, 2 פרויען און 2 קינדער (!). אלע 48 באשעפטיקטע אין דער יידישער „אינדוסטרי" פון שטעטל זענען געווען יידן.

די טאבעלע פון די אונטערנעמונגען:

1 שטיין־ערד־אדער דעסגלייכן (מצבה־שטעלער ?) — 1 ארבעטער (דער בעל־הבית);

1 מעטאל־אינדוסטרי (א לייכטער־מאכער ?) — 1 ארבעטער (בעל־הבית);

1 אפאראַטן־מאשינען (א זייגער־מאכער ?) — 1 ארבעטער (בעל־הבית);

17 באקליידונגס־און פוץ־אינדוסטרי — 26 ארבעטער (17 בעלי־הבתים, 1 משפחה־מיטגליד, 8 לוין־ארבעטער);

1 בוי־אונטערנעמונג — 1 ארבעטער (דער בעל־הבית);

2 רייניגונגס־אונטערנעמונגען — 2 ארבעטער.

פון דער דאָזיקער טאבעלע איז צו זען [5], אז קיין גרויסער אינדוסטרי־צענטער איז בארניוו נישט געווען, הגם פאַרהעלטנישמעסיק איז די צאָל 48 פּראָדוקטיווע יידן — נישט קיין קליינע.

פון וואס האבן געלעבט די איבריקע יידן? בעיקר פון האנדל אין אלע זיינע פאָרמען; געווען אָבער אויך אָנגעשטעלטע, בעלי־עגלות, פרייע בארופן (א „דאָקטער"), מלמדים, לערער, כלי־קודש, און — וואָס ס׳דארף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן — געווען יידן וואָס האָבן געהאט אייגענע גערטנער, אפילו א שטיקל פעלד, וואָס זיי האָבן אליין באארבעט, פארמאָגט א „יידישע" בהמה, ד. ה. א קאָזע וואס גיט מילך. געווען אויך יידן יורדים, וואָס האָבן געלעבט פון דעם וואָס ס״האבן זיי געשיקט פון אויסלאנד — בעיקר קרובים, אדער אינסטיטוציעס; אזוי האָט די בארניווער לאנדסמאנשאפט אין ניו־יאָרק אריינגעשיקט יערלעך 400 דאָלער שטיצע פאר דער אלטער־היים [6]. אחוץ דעם האָט מען אויך — פארשטייט זיך — געהאָלפן די ארימערע מיט אייגענע מיטלען, אבער אויף גענצלעך צו באזייטיקן די נויט האָט דאָס אָלץ נישט געקאנט גענוגן.

פונדעסטוועגן האָט זיך דאָס שטעטל געפירט ווי געהעריק: געווען א יידישע קהילה,

Żydowskie przedsiębiorstwa w Polsce według ankiety z 1921 r. T.V., VI. Małopolska [5] opracowano pod kierunkiem Eliezera Hellera, Warszawa 1923, 133 116 LXXVIII, LXXVIII p.

[6] לויט „די אידישע לאנדסמאנשאפטן פון ניו־יארק", ניו־יארק 1938.



יוסף גאנץ, ראש הקהילה הוותיק
לאנגיעריקער ראש־הקהל

פארטייען, — מיט לייטן גלייך — און ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין אינערלעכע רייבונגען, וועגן וועלכע עס האט אפילו געשריבן די יידישע פרעסע. אזוי למשל דערציילט אונז די לעמ־בערגער פויליש־יידישע צייטונג ״כווילא״ (פון 2.8.1928), אז אין בארניוו זענען פארגעקומען וואלן צו דער קהילה און אזוי ווי דעם רוב האבן באקומען די ציוניסטן, לאזט נישט צו דער קרייז־הויפטמאַן צו דעם קאנסטיטואירן זיך פון דער קהילה און וויל נאָמינירן — במקום די געוועלטע פארשטייער — א קאמיסאר, ווי דאָס איז געטון געוואָרן אין אנדערע שטעט.

לאנג האט די נייע קהילה־פארוואלטונג נישט געארבעט, ווייל שוין אין 1931 האבן מיר דאָרט נייע וואלן, אין וועלכע עס זענען דורכגעגאנגען: 3 ציוניסטן, 4 האנטווערקער (״יד חרוצים״ ?), און 1 רעליגיעזער אומפארטייאישער (״היינט״ פון 27.5.1931).

ווידער וועגן רייבונגען אויפן עקאָנאָמישן געביט צווישן יידן גופא לייענען מיר אין דעם ווארשעווער ״היינט״ פון 3.3.1927 און 23.3.1927 — רייבונגען וואס פלעגן פארקומען אויך אין אנדערע שטעט און שטעטלעך פון יענער צייט און וואָס זענען געווען א רעזולטאט פון דער עקאָנאָמישער ירידה פון די יידן אין פוילן.

מיר ברענגען דאָ די ערשטע קאָרעספאנדענץ פון מאיר וויינרעב אין איר פולן כאראקטעריס־טישן טעקסט: ״די היגע יידישע אסימילאטאָרישע (?! — נ. ב.) ראטמענער, די הערן בערל (!) [7]

[7] שוין פון די נעמען פון די ראטמענער גופא איז צוזען, אז זיי זיינען געווען ווייט, ווייט פון ... אסימילאציע, וואָס ס'וואַרפט זיי פאָר דער קאָרעספאנדענט.

בליצער, שלמה האַלענדער און ירמיהו לייבאָוויטש האָבן אין שטאָטראַט אריינגעטראָגן א פּראָיעקט, אָפּצורוימען פון מארק די 4 ביידלעך פון יידישע הענדלער, מחמת דאס איז א קאָנקורענץ פאר די געוועלבער (פון די דריי ראטמענער). די קריסטלעכע ראטמענער האָבן דאָס אָנגענומען ווי א כשרע מציאה. ערשט אדאנק דעם קריסטלעכן ליבעראלן ראטמאן סטאָיאַ־נאָווסקי איז געלונגען אָפּצולייגן דעם פּראָיעקט אויף א געוויסע צייט און אָפּצוראטעווען די 4 יידישע משפחות, וואס האָבן די בודקעס שוין 5 יאָר צייט".



חברי מועצת העיר — דער שטאָט־ראָט און שטאָט־פאַרוואַלטונג
עס זיצן פון לינקס: יאָסיע גאַנץ און ד"ר מעלער
עס שטייען פון לינקס: מאיר חיים הויזער (1־טער) און ירמיהו לייבאָוויטש (5־ער)

דערויף ענפערט איינער פון די אויבן אָנגערופענע ראטמענער ירמיה לייבאָוויטש אין דעם נומער פון 23.3.1927, אז ער איז נישט קיין אסימילאטאָר, נאר איינער פון די ערשטע "שוקלים און שפּענדער פאר נאציאנאלע צוועקן"; געשטימט האט ער פארן פארשלאג — ווי ער שרייבט — נישט ווייל ער איז אליין אין דעם פאראינטערעסירט (ער געהערט צו אן אנדערער בראנזשע), "נאר ווייל די בודקעס זענען א שטארקע קאָנקורענץ פאר אנדערע סוחרים, וואָס האָבן געוועלבער און מוזן צאָלן פיל מער דירה־געלט און גרעסערע שטייערן".

אָט די גרעסערע שטייערן און אנדערע שיקאנעס פון דער מאכט האָבן דאָס צומייסט רואינירט דעם יידישן האנדל און ארויסגערופן בייז בלוט צווישן די יידן גופא.

וועגן דער לעצטער תקופה פון דער לאַנגיעריקער געשיכטע פון יידן אין דער שטאָט באַרניוו איז אויך נישט פאַראַן קיין איבריק פיל היסטאָרישע דאָקומענטן. א גאַנצע קהילה יידן איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך און — שא, שטיל ... מ׳האָט קיין סך וועגן דעם נישט געשריבן; אויך אין דעם פרט האָט זיך באַראַנאָוו נישט אונטערשיידט פון צענדליקער אַנדערע שטעטלעך פון דער סביבה, און פון גאַנצן אָקופּירטן געביט אין פּוילן און אין מזרח־אייראָפּע.

נאָכן איינגעמען די שטאָט דורך די דייטשן, האָבן יידן געליטן פון פאַרשיידענע רדיפות: מ׳פלעגט כאַפּן צו אַרבעט, באַראַבעווען די יידישע הייזער, צי גלאַט שלאָגן און אומברענגען אַ צופעליקן ייד. אָבער פּאָרט האָבן די יידן באַמיט זיך צוצופּאַסן צו די נייע שווערע באַדינגונגען, געליטן מאַראַליש פון די דייטשע זלזולים, געליטן פיזיש: פּשוטע נויט און הונגער, אָבער נישט פאַרלוירן דעם צלם אלוקים — געאַרבעט, באַמיט זיך איבערצוקומען די שווערע צייט מיט לעגאַלע און ״אומלעגאַלע״ מיטלען, געגלויבט אין אַ גיכן און גוטן סוף פון דער מלחמה און קעגנזייטיק זיך געשטאַרקט. מען האָט זיך אויך באַמיט צו העלפן די מער נויטליידנדיקע. עס ווערט אָרגאַניזירט אַ הילפקאָמיטעט (״דעלעגאַטור״), אַנגעשלאָסן אין דער קראָקאָווער צענטראַלע ״יידישע סאָציאַלע אַליינהילף״, אין צוזאַמענשטעל פון: הויזער מאיר־חיים, לייבאָוויטש ירמיהו, שענדאָרף מיכאל, ראָטענשטרייך זיסקינד, ישראל מאיר. זיי באַמיען זיך צו לינדערן די נויט פון די באַדערפטיקע מיט די מיטלען, וואָס זיי זאַמלען צונויף אויפן אָרט און מיט דעם ביסל, וואָס זיי באַקומען פון דער צענטראַלע (אין מאי 1941 — 300 זל.), וואָס קען בשום אופן נישט גענוגן צוליב די אַלץ גרעסערע און גרויזאַמערע פאָדערונגען פון די דייטשן, בפרט אַז קיין באַראַנאָוו ווערן אויך איבערגעזידלט די יידן פון די אַרומיקע דערפער, און צום סוף אויך די נאָך איבערגעבליבענע יידן פון טאַרנאָבזשעג. ביז ס׳איז געקומען דער מאָמענט (ו׳ באב תש״ב — 20.7.1942), ווען מ׳האָט אַלע באַרניווער יידן פאַרלאָדן אין וואַגאָנען און געבראַכט אין זייער נייעם ראַיאָן־צענטער — דעמביץ, וואָהין מ׳האָט צונויפגעזאַמלט די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. דאָ האָט מען אָפּגעטיילט אַ טייל געזונטערע און איבערגעפירט אין אַרבעטס־לאַגער פּוסטקאָוו א. א.; דעם רעשט אָבער — און וועלכן ס׳איז געווען דער רוב — האָט מען אָפּגעפירט גלייך אין טויטן־לאַגער בעלזשעץ (פּונקט אין תשעה־באב תש״ב איז אויסגעקומען די יידן פון דעם קרייז אומצוקומען אין דעם לאַגער). און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי רואיק, שטיל ...

יידן זענען געגאַנגען, ווייל ס׳האָט זיי נישט געקאָנט קומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס גייען זיי צו זייער אייגענער עקדה; פאַרקערט אַ לאַנגע צייט זענען זיי געווען איבערצייגט, אַז אין באַראַנאָוו זענען זיי זיכער — אַ סימן: מ׳ברענגט אַהער אויך אַנדערע יידן ... ס׳איז געווען אַפילו אַן אָפיציעלע ידיעה, אַז ס׳דאַרפן אַהער אָנקומען אַ טויזנט נפשות פון רייך[8] ...

[8] בריוו פון דער באַראַנאָווער דעלעגאַטור צו דער יידישער ״סאָציאַלער זעלבסטהילף״ אין קראָקא פון 20.2.1941; אַרכיוו פון ״יד ושם״, מיקראָפילם.

דאָס האָט געשטאַרקט דעם גלויבן פון די היימישע יידן, אַז זיי דראָט גאָרנישט. זיי דאַרפן דאָך נאָך ווערן די בעלי־הבתים, וואָס נעמען אויף פרעמדע יידן און העלפן זיי איינאָרדענען זיך ... און דעמלט ווען מ׳פירט שוין ממש אויף טויט, הייסט דאָס נאָך אַלץ ביי די יידן, אַז מען פירט אויף ... אַרבעט! ערשט אויפן ראַנד פון אומקום, ווען זיי שטייען שוין אויף דער שוועל פון די גאַז־קאַמערן, ווערט די יידן קלאָר, אַז זיי זענען פאַרפאַלן ...

אויך די אויסגעוויילטע, געזונטע, יונגע מענער, אין וועלכע עס האָט זיך נאָך געניטיקט די דייטשע קריגס־פּראָדוקציע און וועלכע מען האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן צוזאַמען מיט די משפחות, מורא האָבנדיק פאַר אַ ווידערשטאַנד, זענען נאָך אַ קורצערער צי לענגערער קאַטאָר־זשנער אַרבעט און נאָכן אויסשעפּן זייערע לעצטע כוחות, אויך שטופנווייז אומגעבראַכט געוואָרן — ווער פריער ווער שפּעטער. יחידים נאָר איז געלונגען ניצול צו ווערן — ווער אויס־באַהאַלטנדיק זיך אין אַ בונקער ביי אַ גוטן גוי, ווער דעראָבערנדיק אַרישע פּאַפּירן און געבליבן לעבן ווי אַ קריסט, און ווער עס איז אַנטלאָפן אין די וועלדער, זוכנדיק דאָ שוץ און די מעג־לעכקייט צו קעמפן קעגן די רוצחישע נאַציס.

און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אָן איבעריקן „שריפט־וועקסל" און ספּעציעלע הכנות מצד די דייטשע תליינים, ווייל וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן עטלעכע הונדערט יידן אין אַ „אונטערנע־מונג", וואָס איז אויסגערעכנט אויף מיליאָנען ?! דאָס שטעטל פאַרשווינדט צווישן די גרויסע געשעענישן פון דער צייט און ווערט צעריבן אין די טריבעס פון דער גרויסער פאַרניכטונגס־מאַשין ...

אַזוי למשל שרייבט אַ דייטשער מקור [9] מיט געציילטע ווערטער וועגן שאַפן דעם דעמביצער קרייז, וואָס באַשטייט פון די פריערדיקע (פּוילישע) דריי פּאָוויאַטן: דעמביץ, מיעלעץ און טאַרנאָבזשעג, מיט 9 שטעט (דאַרונטער אויך באַרניוו) און די צאָל יידן אין דעם נייעם קרייז באַטרעפט אַרום 15,000 (אויף 293,000 פּאָלאַקן, 1,500 דייטשן און 200 אַנדערע). אין אַן אַנדערן דייטשן מקור, וואָס איז דערשינען מיט אַ יאָר שפּעטער, וואָס באַשרייבט אויך דיזעלבע שטעט און שטעטלעך און אָפּערירט אויך מיט סטאַטיסטישע ציפערן, פעלט שוין לחלוטין די רובריק „יידן" [10]. ווו די 15,000 יידן זענען אומגעקומען, אינטערעסירט נישט די מחברים — געווען און פאַרשוווּנדן ... געבליבן זענען וועגן זיי בלויז די זכרונות פון די יעניקע, וואָס זענען דאָרט געווען און על־פּי נס לעבן געבליבן. אַ טייל פון די זכרונות ווערן דאָ ווייטער געבראַכט. עס פאַרדינען דאָ דערמאָנט צו ווערן די ווינציקע שטאָטישע פּאָלאַקן, וואָס האָבן אין אַזאַ צי אַנדערער פאָרם געהאָלפן יידן אין יענע צייטן: פּעטראָנעלאַ קזשעמינסקאַ (Petronela Krzeminska), יוזעף קאָס (Józef Kos), יוזעפאַ קלאַרמאַן (Józefa Klarman), אַננאַ שעווץ (Anna Szewc) און יוזעף פּאָגאָדאַ (Józef Pogoda).

9 Du Prel: Das Generalgouvernement, Krakau 1942, p. 258

10 Karl Baedekers: Das Generalgouvernement, Leipzig 1943

[ב] דעמאָגראַפישע אָנגאבן

די ערשטע אַמטלעכע צאָל יידן וואָס וווינען אין באראנאָוו, שטאַמט פון דער אַלגעמיינער ציילונג פון יידן, וואס איז פאַרגעקומען אין אומאָפּהענגיקן פוילן אין די יארן 1764/5 און געדארפט באשטימען דעם אלגעמיינעם סכום פון קאָפּשטייער, וואס די יידן אין קרוין־פוילן און אין ליטע דארפן אריינטראָגן אין דער מלוכה־קאַסע יאָר־יערלעך.

לויט דער דאָזיקער ציילונג איז אין דער שטאט באראנאָוו — צו דער צייט צויזעמער וואָיע־וואדשאפט און צויזעמער פּאָוויעט — געווען יידן, עלטער פון א י ן י א ר, (ווייל נאר זיי זענען געווען פארפליכטעט איינצוצאָלן דעם קאָפּ־שטייער) — 300, און אין דער ארומיקער סביבה (ישובים וואס האבן קיין אייגענע קהילה נישט געהאט און געהערט צום באראנאווער קהל) — 135; צוזאמען הייסט דאס 435 יידן עלטערע פון איין יאר [11].

צו דעם דארף צוגערעכנט ווערן די צאָל זויג־קינדער, פאַרמעל ביז איין יאר אלט, וואס זענען נישט גענומען געווארן אין באטראכט ביי דער ציילונג און וואס באטרעפט — טעאָרעטיש גענומען, לויט די אויסרעכנונגען פון פראָפ. מאהלער — 6.6% [12].

אחוץ דעם דארף מען צוגעבן צו דער אָפיציעלער סטאטיסטיק די לפי־ערכ׳דיקע צאָל "פאר־לייקנטע נפשות", וואס באטרעפט לויט דעם דערמאנטן מחבר 20% [13]. צוזאמען מאכט דאס אלץ אויס פאר דער שטאט באראַנאָוו גופא 380 נפשות, און פאר דער סביבה — 171 נפשות, ד. ה. צו דער באראנאווער קהילה האבן אין די יארן 1764–1765 געהערט 551 נפשות, וואס איז לויט די דעמלסדיקע פארהעלטענישן א נישט קליינע צאָל. כדי צו באקומען דעם ריכטיקן באגריף וועגן דער ווערט פון דער צאָל, דארף גענומען ווערן אין באַטראכט, אז די גאנצע יידישע באפעלקערונג אין דעמלסדיקן פוילן האט באטראָפן — מיט די אויבן געבראכטע קאָרעקטורן צו דער אָפיציעלער צאָל יידן — אין קרוין־פוילן 548,777, אין ליטע 201,191, ס״ה 749,968 נפשות. נעמענדיק אין באטראכט, אז אויף איין באלעבאטישקייט איז אויסגעפאלן בערך 4.3 נפשות, קומט אויס, אז צו יענער צייט איז אין דער שטאָט באראנאָוו געווען בערך א 88 יידישע באלעבאטישקייטן (ראשי־משפחות).

די וואָגיקייט פון דער צאָל אין פארגלייך מיט דער אלגעמיינער צאָל פון דער באפעלקערונג אין שטאָט, קען מען זיך פאָרשטעלן, ווען מ׳נעמט אין אכט, אז די יידישע באפעלקערונג האט באטראָפן אין דער צויזמער וואָיעוואדשאפט בערך 23% [14], ד. ה. אז די אלגעמיינע צאָל פון דער באפעלקערונג אין באראנאָוו האט צו יענער צייט באטראָפן ארום 1,650 נפשות (יידן און קריסטן צוזאַמען).

[11] רפאל מאהלער: יידן אין אמאליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן; פארלאג "יידיש בוך", ווארשע 1958, 201 + 14 זייטן + טאבעלן־ביילאגע; זע טאבעלע III, 11.

[12] דאָרט טאבעלע 7, הי׳ אויך די אויספירונגען פון מחבר אויף די זייטן 30–33.

[13] דארט ז. 37 א. א.;

[14] דאָרט, זייט 64.

צוזאַמען מיט די צאָלן פון דער יידישער באפעלקערונג אין באראנאָוו, וואָס מיר האָבן פאר די שפעטערדיקע יאָרן, קען מען אויפשטעלן די פאָלגנדיקע טאבעלע:

יאָר	צאָל יידן אין שטאט	צאָל פון דער אַלגעמיינער	באפעלקערונג % פון יידן
1764/5	380	1,650	23
1860 [15]	585	—	—
1880	1,155	2,002	57,7
1890	1,491	2,371	62,9
1900 [16]	918	1,817	50,5
1921 [17]	745	1,794	41,5
1931 [18]	—	1,815	—
1939 [19]	680	—	—

לויט דער צווייטער פאלקסצייטונג פון 1931 יאָר, איז אין גאנצן טארנאָבזשעגער פאָוויאט, צו וועלכן אויך באראנאָוו האָט געהערט, געווען אויף דער אלגעמיינער באפעלקערונג פון 73,300 נפשות — 6,333 פון יידישן גלויבן. אחוץ די צוויי שטעט — באראנאָוו און טארנאָבזשעג — האט צו דעם פאָוויאט געהערט אויך דאס שטעטל ראָזוואדאָוו מיט א גרעסערער צאל יידן און א ריי דערפער, ווו די צאל יידן איז געווען צו דער צייט א קליינע.

א פאר באמערקונגען צו די אויבן געבראכטע ציפערן:

די צאָל יידן אין באראנאָוו האט זיך באדייטנדיק פארקלענערט אין די יארן 1907–1921, וואס לאזט זיך דערקלערן — ווי מיר וועלן דאס אויך זען פון די ווייטער געבראכטע זכרונות — מיט די מלחמה־געשעענישן פון די יארן 1914–1918 און די פאסירונגען פון די ערשטע נאך־מלחמה־יארן. א טייל יידן זענען אנטלאָפן "פאר די רוסן", א טייל זענען אוועק אין מיליטער און מער נישט צוריקגעקומען; אייניקע זענען אויך אומגעבראכט געווארן אין די מלחמה־יארן פון די רוסישע סאָלדאטן, וועלכע האָבן די שטאָט אָקופירט, און אויך אין די נאָך־מלחמה־יאָרן פון די היימישע פאָגראָמשטשיקעס.

נאָך דער מלחמה האט זיך אנגעהויבן אן אויסוואנדערונג פון די יידן — דער עיקר קיין אמעריקע און אן עליה קיין א״י; דאָס האָט אויך גורם געווען, אז די צאָל יידן דאָ האָט געהאלטן אין איין פאלן. דער דאזיקער פראצעס האט אנגעהאלטן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. גענויע אָנגאבן צו דער פראגע פעלן אונדז אין דעם מאמענט.

[15] לויט: יעווריייסקאַיאַ ענציקלאָפעדיא: באַראַנאָוו (רוסיש).

[16] די ציפערן פאר די יארן 1880, 1890, 1900 — לויט Dr. Stanisław Gruiński: Materjały do kwestyi żydowskiej w Galicyi, Tablica X. Lwów 1910

[17] לויט דער ערשטער ציילונג פון 9.12.1921 אין באפרייטן פוילן; קארטאָטעק אין "יד ושם".

[18] לויט דער צווייטער פאלקס־ציילונג פון 9.12.1931 v.: Statistisches Gemeindeverzeichnis des bisherigen polnischen Staates; Berlin 1949, p. 92

[19] E. Podhorizer-Sandel: O zagładzie żydów w dystrykcie krakowskim, Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego Nr. 30, 1959, p. 87

וואס שייך די רעזולטאטן פון דער פאלקסציילונג אין יאר 1921 האבן מיר אויך ציפערן, וויפל איינוווינער פון שטעטל האבן אנגעגעבן, אז זיי זענען יידן לויטן דת: 745, און וויפיל לויט דער נאציאָנאליטעט (מוטערשפראך: יידיש אדער העברעאיש): 731, ד. ה., אז העכער 98% יידן אין שטאט זענען געווען נאציאָנאלע יידן און בלויז איניקע, געציילטע, האט מען געקענט פאררעכענען צו די אסימילאטארן: אמתע צי פארשטעלטע — דאס לאָזט זיך פון א טרוקענער סטאטיסטיק נישט זען.

פון די דייטשער אָקופאציע־צייט האבן מיר נאָך א פאָלקסציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 1.3.1943, לויט וועלכער עס האט זיך דו יענער צייט געפונען אין באראנאָוו בלויז 1,325 נפשות — א פארקלענערונג פון 500 — אין פארגלייך מיטן יאָר 1931; דאס איז דער רעזולטאט פון די פעלנדיקע יידן, וועלכע די פאָלקסציילונג דערמאנט בכלל נישט, וואס זיינען שוין אין יענעם מאמענט געווען ליקווידירט; איינצעלנע האבן זיך נאָך ערגיץ־ווו אויסבאהאלטן אין שטאָט אדער אנדערש־ווו אדער אפשר נאָך "געלעבט" אין א דייטשן לאגער.

אויך די "לאנדגעמיינדע" (די ארומיקע דערפער) פון באראנאָוו, וואס האט אין 1931 געציילט 7,787 נפשות (יידן און קריסטן צוזאמען), ציילט אין 1943 בלויז 6,562. אויך דעם מינוס פון א 1,200 נפשות דארף מען לייגן טיילווייז אויפן חשבון פון די אומגעקומענע דאָרפס־יידן פון דער נאענסטער סביבה, וואס האָבן געהערט צו דער באראנאָווער קהילה.

אויף היינטצוטאג איז נישט פאראן קיין איין ייד — נישט אין דער שטאָט באראנאָוו גופא און נישט אין איר נאָענטסטער סביבה.

יוסף־מנחם האלענדער

א קדיש דיר, מיין שטעטעלע...

געהייליקט דעם אנדענק פון מיין פאטער הרב אברהם הכהן ז״ל



יוסף האַלענדער ז״ל

צווישן געדיכטע וועלדער און ווייט־ווייטע פרוכטבאַרע פעלדער, נאָענט צו דער אלטער שטאָט צויזמער, איז געווען א שטעטעלע מיטן נאָמען — באַראַנאָוו.

דאָס דאָזיקע שטעטעלע, אַמאָל די זומער־רעזידענץ פון פּוילישע פירשטן, האָט פאַרמאָגט א מיטלאלטערלעכן שלאָס — פלאי פלאים! דער שלאָס מיט זיינע פּרעכטיקע זאַלן, טייערע מאָלערייען, בונט־קאָלירטע פענצטער, איז געשטאַנען אין אַ גרויסן רייכן גאָרטן, מיט די שענסטע בלומען און איידלסטע געוויקסן. צופוסנס פון שלאָס האָט שטיל גערוישט און ווי פארחולמט געפלאָסן אַ טייך. ביינאַכט, ווען די לבנה האָט געשיינט און די שטערן האָבן געפינקלט, האָט עס דאָ אויסגעזען ווי א ווונדערלעכער טרוים; דער שלאָס און די ביימער האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין טייך צוזאַמען מיט דער לבנה און די שטערן.

דאָס שטעטעלע, מיט א גרויסן מאַרק, לאַנגע שמאָלע געסלעך, פאַרשלאָפענע הייזלעך, אַ קליין וועלטעלע, פאַרחולמט, פאַרכשופט און פאַרטיפט אין זיך זעלבסט, האָט געציילט בערך זיבן הונדערט משפחות, פיל מער יידן ווי גויים. פאַרשטייט זיך, דער מאַרק און די אַרומיקע געסלעך זענען געווען באַוווינט פון יידן, און הינטער דעם שטעטעלע האָבן געוואוינט די גויים.

יידן אין שטעטעלע האָבן געהאַט בשמים־געוועלבלעך, קרעמלעך מיט שניט־סחורה, שענקען; יידן האָבן געהאנדלט מיט תבואה, געפאָרן אויף ירידים, געגאַנגען איבער די דערפער קויפן פעלעכלעך; יידן זענען געווען מעקלערס אין פּריצס הויף, וואַלדשרייבער, בעלי־מלאכות, פורמאַנעס, פעלדשער, די איבעריקע זענען געווען כלי־קודש־יידן.

פונדעסטוועגן — איינס צום אַנדערן געהערט זיך נישט אָן: באַראַנעווער יידן זענען געווען בני תורה, חסידים, יראי שמים מיט אַ סך שכל, תמימות, גוטסקייט און פיינקייט, און די פילע קינדער זייערע, קיין עין הרע, — אַ ברכה פון גאָטס נאָמען! בחורים עלויים, זעלטענע קעפּ,

גאַנצע בלעטער גמרא אויף אויסנווייניק, טיפע פשטל־זאָגער; טעכטער גאָטפאַרכטיקע מיט „תורה צוה לנו" אויף די ליפּן, גערעטענע מיט מעלות ומידות טובות.

היינטזשע שמחות: אַ גאַנץ גייענדיק יאָר שלום זכרס ובריתן, פּדיון הבנס, בר מצוות, חתו־נות... לחיים, לחיים! מזל טוב און מזל טוב!

אין אַ פרייטיקדיקן זומער־טאָג.

עולם גרייט זיך לכבוד שבת. מיט שניי־ווייסע העמדער אונטער די אָרעמס, איילן יידן אין מרחץ אַריין. נאָכן מרחץ, גוט אויסגעפּארעט זיך, קיין עין הרע, אויף אַלע זייטן, גייען בעלי בתים צו ר׳ פּסח׳ן אין שענק אריין טרינקן אַ האַלבע „אָקיטשימער ביער" און פאַרבייסן מיט אַ טעלערל אַרבעס.

יידישע באַלעבאָסטעס שוויצן און פּאָרן זיך אין שטוב. יידישע מיידלעך, פּאַרטרודטע, פּאַר־סאפּעטע, לויפן איבערן מאַרק מיט טשאָלנט־טעפּ — צום בעקער אין אויוון אריין.

איז אָנגעקומען דער הייליקער שבת; שטראַלנדיקע מאַמע־פּנימער — אויגן קלאָרע, גלויבנ־דיקע, שטילע, מיט שטערנטיכלעך אויף די קעפּ, מיט ברוסט־טיכלעך, שנירלעך פּערל אויף די העלדזער, דימענטענע, בריליאַנטענע אוירינגלעך באַמלען זיך ביי די אויערן — בענטשן שבת־ליכט.

באַחנטע יידישע טעכטער מיט שטערנאַרטיק פינקלדיקע אויגן, אויסגעפּוצטע אין שבתדיקע קליידער, ווייזן זיך פאַר די טירן פון די הייזער.

גייט עולם פון בית־המדרש אַהיים, פון אַלע פענצטער שיינען אַרויס די שבתדיקע בענטש־ליכט.

גוט שבת! גוט שבת!

אין אַלע ווינקעלעך פון יידישע שטיבער ליכטיק און ציכטיק. די טישן געדעקט מיט שניי־ווייסע טישטעכער, אויף די טישן זילבערנע אָדער מעשענע לייכטער, חלות און יין לקידוש, עס שמעקט מיט ריחות פון מעדנים טובים.

שלום עליכם מלאכי השלום...

שבת אידערפרי:

דער עולם איז מעביר סדרה, מען טרינקט הייסע קאַווע, אָקאַרשט פון אויווען אַרויס. יידן אין שטריימלעך, אין זיידענע זשיפּיצעס און כאַלאַטן, אין האַלבע שיך מיט ווייסע זאָקן, מיט טליתים און חומשים אין די הענט, באַגלייט פון זייערע זונעלעך — גייען אין בית־המדרש אַריין.

יידענעס, אין זייד און סאַמעט, אין די הענט סדורים מיט גאָלדענעם שניט און זילבערנע קלאַמרעס, גייען אין דער ווייבערישער שול אַריין.

נאָך דער שבת׳דיקער סעודה — דאָס שטעטעלע ווי אויסגעשטאָרבן. אַלע לאָדנס פאַרמאַכט. שינה בשבת תענוג; יידן שלאָפן און כראָפּן.

אויסגעשלאָפן זיך. לאָדנס און פענצטער אויפגעפראַלט. זיסע קולות פון לערנען פּרק, משניות, פון זאָגן תהלים, מישן זיך מיט דינע קוויטשנדיקע קולעכלעך פון יינגלעך, וואָס פאַרהערן זיך דעם שיעור פון דער וואָך.

אויף די שוועלן פון די הייזער זיצן יידענעס, און מיט אַ האַרציקן ניגון לייענען זיי אויפן קול די סדרה פון טייטש־חומש.

יידישע טעכטער שפּאַצירן אויפן וועג, וואָס פירט צום שלאָס. שטילע טריט, שטילע רייד... גייען בחורים פאַרביי, לאָזן מיידלעך אַראָפּ די אויגן, און בחורים קוקן אַוועק...

זע איך בדמיון מיין זיידנס הויז; איינע פון די וויניקע "ציגל־מויערן" אין שטעטעלע, וואָס אויפגעבויט געוואָרן נאָך דער שרפה. מיין זיידע, ר' שמחה, עליו השלום, אַליין געווען דער בוימייסטער, אַליין פאַרטראַכט דעם בוי־פּלאַן, אויסגעמאָסטן די לענג און די ברייט פון פּלאַץ — ניט מיט קיין מעטער, נאָר מיט ליולקע־ציביק; באַשטעלט בוי־מאַטעריאַל, געדונגען אַרבע־טער, צוזאַמען געקנאָטן ליים, צוזאַמען געלייגט ציגל אויף ציגל. אַרויסגעקומען אַ קאַמעניצע — הדרת יופי! גרויסע באַקוועמע שטיבער מיט הויכע, ברייטע און ליכטיקע פענצטער, מיט אַ קיך, ווו זיך אַהינצוטון מיט אַן אַלקער אין פּיעקעליק — מחיה נפשות! אין פראָנט — צוויי גרויסע סקלאָדעס — די "טראַפּיק", וואָס זינט דורות איז זי אַריבער בירושה פון טאַטן צו זון.

דער זיידע האָט פאַרקויפט טאַבאַק; די באָבע האָט געפירט די שענק און די שטוב.

געווען איז דער זיידע אַן ערלעכער ייד, אַ חסיד, נאָר מער תהלים — און משניות־ייד, ווי למדן. האָבנדיק פּרנסה בשפע אונטער דער מזוזה, פלעגט ער זיך פיל אָפּגעבן מיט קהלשע און שטעטלדיקע ענינים, געווען אַ גאַנצער בשעת מעשה אין קהל און ראַטמאַן אין דער גמינע.

איין גאָט ווייסט, וויאַזוי דער זיידע מיינער האָט זיך אַדורכגעהאַקט מיט זיין פּוילישן תרגום צווישן גויים, וואָרים עס ליגט מיר נאָך גוט בזכרון דער שמועס, וועלכן ער האָט פאַרפירט מיט סטאַך דעם האַלצהאַקער אויף פּויליש; סטאַך האָט געוואָלט פאַרויס משוה זיין דעם לוין, איז דער זיידע אַרויס אויף אים מיט אַ געבייזער:

— קודם ראַמפּטשע ואחר כך זאַפּלאַטשיטש!

עטלעכע מאָל אין יאָר איז דער זיידע געפאָרן מיט אַ פור קיין ריישע "פּאַסן" טאַבאַק. פון באַראַנאָוו קיין ריישע — אַ היפּשער מהלך, בפרט מיט אַ פור, און נאָך דאַצו אין יענע צייטן; בלוטיקע זומפּיקע וועגן, איבערהויפּט ווינטער — שנייען און זאַווערוכעס. הייניטזשע די אימה־דיקע טיפע וועלדער מיט גזלנים און "יענע לייט" רחמנא לצלן...

נו, נו, פרעגט אייך ליבערשט ניט, וואָס אָפּגעטון זיך אין שטוב ערב דעם זיידנס אַ נסיעה! געפירט מיט זיך געלט, אַ גרויסע סומע, האָט ער דאָס אַריינגעלייגט אין ספּעציעלן פאַר דעם צוועק ליינוואַנטענעם זעקעלע, וואָס אָנגעהאָנגן אויפן האַלדז, אונטערן העמד, און אַרומגעבונדן

דאָס זעקעלע מיט שטריקלעך, מיט בענדלעך און מיט נאָך איין בענדל אַ רויטס, אַן אָפּשפּרעכע־ניש פון ... דזיקאָווער רבין ר׳ יהושעלע ז״ל.

שטייענדיק שוין מיט איין פוס אויף דער פור, איז דער זיידע צוריק אַראָפּ, נאָכאַמאָל אַריינ־געגאַנגען אין סקלאַד, פונדאָסניי אַריינגעקוקט אין זעקעלע, געציילט און געחשבונט, דאָס פעסטער פאַרקניפּט און פאַרבינדן און ערשט דאַן צוריק אַרויף אויף דער פור ...

נאָך יעדער נסיעה אזעלכער, האָט דער זיידע געבענטשט גומל, ווארים אַז מען שמועסט טיפע וועלדער, גזלנים, שדים און רוחות און אַ זעקעלע געלט דאצו, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן ...

מיין באָבע ברכה, עליה השלום, אַ קליינטשיקע, איינגעהויקערטע און דאַרע, קוים וואָס די נשמה האָט זיך געהאַלטן אין איר, איז געווען אַ שטילע, א כשרע יידענע, אַ קענערין אין די ספרים אויף עברי־טייטש.

וווּנדערלעכע סמנים און רמזים האָט זי געוווּסט די באָבע מיינע.

איז געקומען צו פליען אַ טויב און אַנגעקלאַפּט אין שטוב אַריין, פלעגט זי דערויף זאָגן צום זיידן — :

— שמחה, האָסט געהערט שמחה ? אַ טויב האָט געקלאַפּט אין שויב אַריין ... גוטע בשורות קומען אָן !

אַן איינאייינציק מאָל במשך איר לאַנגן לעבן איז דער באָבע אויסגעקומען צו פאָרן מיט דער באַן : — קיין טאַרנע צו אַ דאָקטאָר איז זי דעמאָלט געפאָרן. האָט זי זיך געפעדערט גאַנץ פרי, אַ גאַנצע שעה פריער איידער די באַן פאָרט אָפּ. זיצנדיק אין וואַרטע־שטיבל, האָט זי געמיינט, זי זיצט אין באַן. פאַר גרויס פאַרוווּנדערונג האָט זי אויסגערופן : ״גאָטס וווּנדער ! ס׳גיט זיך אפילו קיין שאָקל ניט !״

פאַרנאַכט ; די באָבע מיט די שפּאַקולן אויף דער נאָז זיצט ביים פענצטער האַלטנדיק די שפּיזלעך פון זאָק צווישן די פינגער, און דערציילט מיר מעשיות, נסים ונפלאות פון פאַרצייטישע גוטע יידן, פון אַן עלטער־עלטער זיידן, אויף וועמען דער צדיק רבי מענדעלע רימאַנאָווער האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט גלוי אליהו, און פון נאָך אַ זיידן מיינעם, ר׳ שמואל מיידאַנער א שם דבר, א ערלעכער ייד, אַ גביר און נדבן און גרויסער חשוב ביי שררים — ווי אַזוי ער האָט אַמאָל אויסגעפּועלט, מען זאָל משלח זיין דעם גלח פון שטעטל צוליב זיין רשעות קעגן יידן. אַזש פון ריישע זענען אָנגעקומען זעלנער מיט אַן אָפיציר אין שטעטל אַריין, און אין אַ זונטיק, ווען דער גלח איז אַרויס פון קאָשטשיאָל, האָט מען אים אָנגעטון קייטעלעך אויף די הענט און אָוועקגעפירט.

ווען משה חיים מלמד פלעגט לויבן פאַר דער באָבן מיין גוט קעפּל, מיין התמדה אין לערנען, האָט די באָבע גענומען העשן, שנייצן די נאָז און געענטפערט :

— ס׳קומט אים דען ניט ? דער טאַטע זיינער, משיח׳ן זאָל ער דערלעבן, אַ שטיק לעבעדיקע תורה !

אַמאָל זענען געווען יידן ; ניטאָ היינט אַזעלכע . . .

נעמט למשל ר׳ יחיאל מאירן ; אַן אדיר און שטאַרקער בן־תורה דאצו. דאָס הויז זיינס, דאָס בכבודיקסטע הויז אין שטעטל, פול מיט אורחים, משולחים, און ער אליין איז זיי משמש. די שענסטע שטאָט אויף דער מזרח־וואַנט, די רעכטע האַנט פון רב ; אַ בעל־קריאה, אַ בעל־תפילה — אויף חידושים ! גבאות, סנדק, חתן־בראשית — ר׳ יחיאל מאיר ! דער ערלעכסטער בורר און קליגסטער יועץ, א איש נכבד ביי גרויסע לייט און מקורב ביי רביים — ר׳ יחיאל מאיר ! די גרויסע וואַלד־געשעפטן זיינע האָבן אים ניט אָפגעהאַלטן צו זיצן על התורה ועל העבודה מיט איין וואָרט : תורה וגדולה במקום אחד . . .

און ר׳ שמחה לייבאָוויץ, דער ראש הקהל און בורמישטש אין שטעטל ; אַ ייד אַ פער ! הגם שטומפיק אויף פוילישער עברי, איז ער טראָץ־דעם מער ווי צוויי יאָר צענדלינק געווען מושל איבערן שטעטל. גויים האָבן אַראָפּגענומען פאַר אים די היטלעך, געקושט אים אין האַנט אַריין ; פאַן בורמישטש אַהין, פאַן בורמישטש אַהער. אָן זיין עצה האָט מען קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט געטון.

אַ באַשמעקטער מענטש געווען ר׳ שמחה — אַ קייסער ! אַ לאַנגע זילבערנע באָרד, אַ פּאָר וואַזשנע, שיין געקרייזלטע פאות, חסידישע הלבשה — ריין ווי גאָלד ! ווי עס פּאַסט פאַר אַ יוצא ונכנס אין פּריצישע הויפן.

מיטן דזיקאָווער סטאַראָסטי פלעגט ר׳ שמחה עפּטער טרינקען טיי ביי איין טיש, איז אים גרינג אָנגעקומען אויסצובעטן טובות פאַר זיינע בני־עיר, אָפּרופן גזירות, אפילו תפיסה־שטראָפן.

אַ מענטש איז אָבער פאָרט נישט מער ווי אַ מענטש ! צוליב פאַרזען, אָדער איינפאַך ווייל נישט געקאָנט — ר׳ שמחה האָט די תפיסה־שטראָף פון זאלקע תבואה־מעקלער נישט אראָפּ־גענומען. באין ברירה — זאַלקע האָט געמוזט גיין אָפּזיצן צוויי מעת לעת אין דער באַראַנאָווער קוטשמע.

טאַראַראַם, אַ ויצעקו אין שטעטל, היתכן ? אַ יידישער בורמישטש דערלאָזט אַזעלכעס ; אַ ייד, ווי זאַלקע איינער איז, זאָל מוזן פאַרשווארצט ווערן אין תפיסה, ווערן צו שאַנד און שפּאָט, און נאָך דאַצו ביי זיך אין שטעטל !

מען האָט דאָס ר׳ שמחה נישט געקאָנט מוחל זיין . . .

מיינט ניט, אָפּזיצן אין באַראַנאָווער קוטשמע איז געווען סכנת נפשות ; חלילה ! דאָס תפיסה־קעמערל איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן מאַרק, אַזוי אַז דורך זיינע צוויי פענצטערלעך מיט די דינע קראַטקעלעך האָט מען געזען וואָס אין שטעטעלע טוט זיך, בנעימות געמעגט רעדן מיט יידן, געמעגט זאָגן הויכע שמונה עשרה און יידן אין דרויסן זאָלן נאָכזאָגן, "ברוך הוא וברוך שמו, אמן" . . .

אָבער פאָרט אַ בושה : אי פאַר זאַלקע מעקלער, אי פאַר גאַנץ קהל, און ערשט רעכט א בזיון פאַר ר׳ שמחה לייבאָוויץ — ניט פאַרהיטן אַזאַ הילול השם ! . . .

אויפמישן שטעטלדיקע זכרונות און ניט דערמאַנען ר׳ פולקע שמש, וואָלט געהייסן אַ פאַר־שווײַגונג פון דער גאַנצער גאַלעריע תמימותדיקע היימישע יידן.

ר׳ פולקע, א קבצן אין זיבן פאַלעס מיט א גופל, ווי אַן אָפּגעדאַרטער לולב, דאָס פנים זיינס איינגעשרומפּן פון תעניתים, אויגן קאָסאָקע פאַרלאָפן מיט ווייסלעכץ, און די קאַליר פון אויסגעקראָכענעם בערדל זיינעם, ווי פון געלן שמעק־טאַבאַק — דאָבי תמיד האָפּערדיק, פריילעך און פול מיט בטחון.

יעדן טאָג, קודם עלות הבוקר, פלעגט פולקע קלאַפּן מיטן שולהאַמער און דערנאָך גערופן: ״יידן, שטייט אויף לעבודת הבורא!״ ווען מען דער שולהאַמער האָט ניט געוועקט, דער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין מתיקותדיק־מעלאָדישן קול, וואָס פלעגט זיך צעשווימען אין דער שטילער נאַכט און אַריינרייסן זיך דורך טיר און לאָדן אין די שטיבער, אין די הערצער אַריין, אַז אפילו פּראָסטאַקעס פלעגן אַרויסרייסן זיך פון די בעטן און לויפן אין פּאַליש אַריין זאָגן תהלים...

די ״עמך״־יידן זענען אויך ניט געווען אַבי־ווער...

אָט זע איך זיי: אברהם ״פיאַקער״, אַ ייד אַ גבור, הויך און ברייטפּלייציק, מיט אַ פּולבלוטיק פנים און פעטער בולבעוואַטער נאָז. ווינטער ווי זומער מיט אַ היטל ביז איבער די אויערן און אָנגעטון אין אַ שווערן בורנוס. גערעדט האָט ער אויף אַ צעצויגענעם באַסאָווען קול, ווי בלשון ״וו־יי־אָ״ מיט די סוסים זיינע.

אַ בעל־עגלה איז אברהם געווען — אויף אַלע יידישע פּורמאַנעס געזאָגט געוואָרן! וואָס דאַרפט איר מער, פון דער סטאַנציע ביז אין שטעטעלע אַריין, פינף קילאָמעטער וועגס, האָט מען געדאַרפט צופאָרן מיט דער אַקס אַ גוטע האַלבע שעה, אי דאָס מיט א תנאי, אויב דער וועג איז געווען טרוקן, און מען איז געפאָרן בייטאָג. ניט אָבער ביי אברהם׳ן! זיינע ברענענדיקע סוסים, אונטערגעטראָגן פון זיין בייטש, האָבן געהאַט קפיצת־הדרך.

און אַז געפאָרן ביינאַכט, פאַרביי דעם בית־עלמין, און יעדעלעך פאַרציטערטע פון שרעק, האָבן גענומען שרייען ״שמע ישראל״, האָט אברהם זיך אָנגעבייזערט אויף זיי: — בהמות וואָס עטץ זענט! פאַר וועמען האָט עטץ מורא, פאַר וועמען? אַז ביים לעבן האָבן זיי ניט געטשעפּעט קיינעם נישט, אפילו קיין פליג אויף דער וואַנט ניט, וועלן זיי טויטערהייט שפּרינגען אייך אין פנים אַריין!

איך געדענק ווי ס׳וואָלט היינט פּאַסירט.

מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ נייער בעל־עגלה אין שטעטעלע. סענדער, א בחורעץ, אַ שמייסער ביי יענעם, האָט חתונה געהאַט און געוואָרן ״בעל הבית פאַר זיך״...

האָט דאָס אברהם׳ן גוט פאַרדראָסן: אַ יונג, אַ גאַרניט שבגאַרניט, מאַכט אים, דער בעל עגלה פון אבות אבותיו, קאָנקורענציע — סאַראַ חוצפּה!

טרעפן זיך, איינמאָל, ביידע בעל עגלות ביי ר׳ פסח׳ן אין שענק, נעמט אברהם סענדערן אויפן צימבל בזו הלשון:

— דו, סענדער! ביסטו טאָקע יאָ אַזאַ פאַכאָווע בעל־עגלה, ווי דו רעדסט אין די היגע

נאַראָנים, וועל איך דיך פרעגן אַ פראַגע פון הלכות עגלה, אָבער מיט אַ תנאי: ווערסטו וויסן דעם ריכטיקן תירוץ, מאַך איך מיט דיר שלום! ווערסטו אָבער ניט וויסן צו ענטפערן, גיב זשע מיר דיין וואָרט, אַז שוין לייגסטו אַוועק די בייטש!

סענדער, מלא רציחה, וואָס א אייגענער דערגייט אים כסדר די יאָרן און איז אים מבזה פאַר אַלעמען, שליידערט בייזע בליקן צו אברהמען, וואַרפט זיך דאַן אויף אים און שרייט:

— נו, תרח איינער, פרעג, וואָס דו האָסט צו פרעגן!

אָפּשטופּנדיק סענדערן צו דער וואַנט, האָט אברהם זיך צעלאַכט ווי איינער, וואָס גוט געצילט און געטראָפן, און דערנאָך אַ זאָג געטון בקול רם, אַלע אין שענק זאָלן הערן:

— וואָס, למשל, סענדערל טוט מען, אז אַ בעל־עגלה פאָרט מיט אַ וואָגן סחורה אונטערוועגס און אַ ראָד ווערט צעבראָכן? גיין זוכן אַ קאָוואַל קאָן מען דאָך דערווייל צוגנבענען די סחורה; ניט גיין זוכן, איז דאָס, כ׳בעט דיך אַ תכלית?

ווי מען וואָלט סענדערן דערלאַנגט אַ פעסטן זעץ איבערן קאָפּ, אַזוי איז ער פון דער מאָדנער פראַגע זאַטשמעליעט געוואָרן. מכלומרשט געשטאַמלט מיט דער צונג האַלבע ווערטער, מכלו־מרשט געלאַכט, אָבער סוף־כל־סוף געמוזט מודה זיין, אַז ער ווייסט ניט און געבעטן, אברהם זאָל זאָגן, וואָס מ׳דאַרף אין אַזאַ פאַל טון.

אברהם, דערפרייט פון נצחון איבער זיין קאָנקורענט, גלעט זיך באָרד און פאות, גיסט אַריין נאָך אַ גלעזעלע און ענטפערט מיט גדלות:

— לעקיש איינער, אַ בעל־עגלה ווילסטו זיין? אפילו אַ בחורעץ אַ שמייסער דאַרף דאָס אויך וויסן! וואָס איז דאָ שווער צו וויסן, וואָס? טרעפט זיך טאַקע אַזאַ אומגליק, איז ביטער ווי דער טויט!

אַלע אין שענק לאַכן. סענדער ווערט נעלם, גלייך די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען.

און — יאַנקעלע רופא! שוין געהאַט אָנגעטוישט דעם צווייטן פופציקער, און דאַביי געווען שטיפעריש, רירעוודיק ווי אַ ייִנגל, און תמיד מיט אַ גלייכווערטל אויף די ליפּן.

אין די אלול־טעג, מיכאל ר׳ הערצלס, דער זיידענער יונגערמאַנטשיק, נעמט מוסרן יאַנקע־לען:

— נו, יאַנקעלע, תשובה! עס גייט דער יום־הדין, פיש אין וואַסער ציטערן, און וואָס אין הימל טוט זיך!

ענטפערט יאַנקעלע מיט אַ גלייכווערטל:

— גייט שוין, גייט, ר׳ מיכאל! זיין מויל — פייער און פלאַם! אַז ער הייסט גיין טון אַן עבירה, מוז מען אים פאָלגן. אָבער דער יצר טוב: אַ ייִד אַ בטלן, מאָגער בלאַס און קראַנק, זיינס אַ רחמנות! אַז ער הייסט גיין טון אַ מצווה — ווער הערט אים, ווער? מוחל זיינע מצוות!

און אַז ר׳ לייביש חסיד פלעגט זאָגן צו יאַנקעלען:

— איבער הונדערט יאָר, יאַנקל, דער מלאך־דומה וועט דיך אַ פרעג טון: עסקת בתורה? עסקת באמונה? אוי, יאַנקל, ווערסטו דיר דעמאָלט אַ שוואַרץ יאָר אויסריכטן!

האָט יאַנקל דערויף געענטפערט:

— וועל איך אַ פרעג טון דעם מלאך דומה: זאָג מיר נאַר, דו, עסקת בפריה ורביה? גיי דו אַראָפּ אויף דער וועלט, האָב דו אַ ווייב מיט קינדערלעך, און פרנסה — אַ קרענק; דעמאָלט וועל איך דיך פרעגן "עסקת?"

אַ רופא איז יאנקעלע געווען — איינער אין גאַנצן קאַנט! איין און דיזעלביקע רפואות פאַר אַלע חולאת'ן: ביינקעס און יאַשטשערקעס. ווער שמועסט ציין רייסן — מיט אַ שטיק באַק דאַצו... פטור, אַנ'עק זאָל עס נעמען!

די פּראָסטע יידן, בעלי מלאכות — איך האָב זיי ליב געהאט אהבת־נפש! ערלעכע לייט, גרויסע בעלי רחמנות; דאָס לעצטע אַוועקגעגעבן צו אָרימע. ווילע חברה, לעבעדיק, לוסטיק. גערעדט אַ געזונטן יידיש־לשון, געזונגען מחיהדיקע יידישע לידלעך.

שבת, נאָכן טיש, אין אייגענער חברותא ביי יאָסל שניידער אין שטוב; חברה קנאַקט באָנע־קערלעך, פאַרטרינקט מיט עפּלקוואַס און זעלצערוואסער, זינגט און טאַנצט און לייענט מעשה־ביכלעך. שער און אייזן, קאַפּאָטע און העמערל אַוועקגעלייגט — האָפּי, פרייפּייגעלעך, האָפּי! אַז ניט קיין תורה פון די גרויסע, גראָבע ספרים אויף לשון הקודש, איז תורה אויף יידיש־טייטש אויך תורה...

אַז געקומען פורים האָבן זיי דאָס אַביסל משמח געווען דעם עולם מיט אחשורוש־שפּיל! ניט אין גבירישע הייזער — ביי כאַצקל שוסטער, ביי אברהם פיאקער, האָט חברה אויפגעשפּילט דאָס פורים־שפּיל... און שמחת־תורה האָט "עמך" געהאָפּקעט, געטרונקן לחיים אין פאָליש, און געמאכט הקפות — הימל און ערד האָבן געציטערט. תורה, תורה! האָט יאָסל שניידער געשריגן, און ניגונים האָבן פאַרהילכט דאָס שטעטעלע...

אין די לאַנגע, ליידיקע זומער־טעג זיצן יידן אין די קלייטלעך און געניצן. אויסגעגעניצט זיך, לאָזט מען איבער די ווייבער היטן די קלייטלעך און זיי גייען אין מאַרק כאַפּן אַ שמועס. איז דאָ עפּעס נייעס, אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, ווערט פריילעך אויפן האַרצן.

אין קורצע זומער־נעכט, נאָך מנחה־מעריב, ווידער אין מאַרק אַריין. פאָרען אָדער קופּקעלעך־וויז, שטייען זיי דאָ און רעדן צווישן זיך, בכן די היצן פאַרברענען די תבואה אויף די פעלדער, וואָס עס וועט גורם זיין אַ יקרות, און אַז מיט יידישע פרנסות ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג, מחמת די פּוילישע "קולקעס" רייסן אַרויס דעם ביסן פון יידנס מויל; עס גייט צו ימים נוראים, קהלס הצטרכותן זיינען גרויס, מען דארף פאררעכטן דאָס מרחץ, און אַ נייעם דאַך אויפן אַלטן בית־המדרש מוז מען אויך האָבן.

און קורצע ווינטער־טעג זיצן יידן אין געוועלבלעך: געפרוירענע, איינגעהילטע אין שקראַבעס, וואַרעמען זיי זיך ביי פייער־טעפּ מיט גליענדיקע קוילן.

לאַנגע ווינטערדיקע נעכט פאַרברענגט מען ביז חצות אין אויסגעוואַרעמטן, ליכטיקן בית־המדרש. וואָס איז דאָרט נישט געווען צווישן די כותלי בית־המדרש? פאַרהילכטע זיפצן און בכיות, פריידן און עקסטאַזן, פּלפּול און חקירה, און דער ווייטער קלאַנג פון אַ נייער צייט...

זיצן יידן און לערנען גאָטס תורה, מען דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט געבראָטענע קאַרטאָפּל און עפּעלעך. זיצן יידן ביי גמרות, אויף וועלכע אַרויפגעלייגט די ברילן, די טאַבאַק־שקעטעלעך, צוגעדעקט מיט פאַטשיילעס — און שמועסן חסידות. בחורים הערן זיך צו צו די ווונדערלעכע מעשיות ארום דער מחלוקה סאַנדז־סאַדאַגורא.

באַראַנאָווער יידן, דאַרפט איר וויסן, זענען מער פאַרקאָכט געווען אין חסידות, ווי אין מסחר. קהל איז געווען איינגעטיילט אין צוויי כתות חסידים: דזיקאָווער און ראָזוואַדאָווער... דער ראש המדברים פון ערשטן צד איז געווען ר׳ אלטערל, און דער מנהיג פון צווייטן צד — ר׳ איטשעלע. ביידע זין פון באַראַנאָווער רב, אַ זקן, אַ צדיק, פרייטיק־צו־נאַכטס געגאַנגען אין טלית, נאָר קיין קוויטלעך ניט געוואָלט נעמען. ביידע זין, שטאַרקע לערנערס, יראים ושלמים — נאָר פאַרשידענע אין זייערע דרכים און התנהגות: ר׳ אַלטערל, אַ צוגעלאָזענער, אַ דברן, תמיד ברוב עם; ר׳ איטשעלע — אַן אָנגעכמורעטער, אַ יושב אוהל, אַ שווייגער.

דאָס קהלשע רעדל איז געפירט געוואָרן פון די דזיקאָווער חסידים; מיט זיי איז געווען דער וויטער רוב.

יונגעלייט פון דזיקאָווער צד פלעגן אַרומגיין אין מאַרק, און וויבאַלד דערטאַפּט אַ יידיש יינגעלע, גענומען עס אויף דער האַנט און געפרעגט:

— זאָג, יינגעלע, "דזי" צי "רא" — (ראשי תיבות פון דזיקאָוו און ראָזוואַדאָוו).

האָט יינגעלע געזאָגט "דזי" — אַ גדולה, אַ שמחה! נאַ אַ האַלבן קרייצער אויף צוקערקעס. אַ לייטיש יינגעלע; האָט אָבער אַ יינגעלע געזאָגט "רא" — דו וואַקסט אַ שייגאָץ, וואַקסטו! אַ שנעל אין נעזל אַריין — און גיי, משומד איינער!

קומט מיר אויפן זכרון אָט דאָס מעשהלע:

אין שטעטעלע האָט פּאַסירט אַן אומגליק. דער ראָזוואַדאָווער חסיד ר׳ אברהם, אַ וואַלד־שרייבער, איז פון דער העלער הויט קראַנק געוואָרן: שוואַרץ ווי דרערד, די אויגן איינגעפאַלן און ברענעדיק, ווי השם ישמרנו, ביי א דבוק. לויפט מען דאָך אַוודאי מיט אים קיין ראָזוואַדאָוו. ר׳ אברהם׳ס ווייב וויל ניט אָפּטרעטן, זי וויל תיכף ומיד אַ רפואה שלמה פאַר איר מאַן... פאַרטראַכט זיך דער צדיק, שפּאַרט אַן אויף אַ ווייטלע דעם קאָפּ אויף די עלנבויגנס איבער דעם זוהר און הייבט אויף דעם קאָפּ און זאָגט:

אַזויפיל יאָרן אין וואַלד... וועד ווייסט... שלעכט, ביטער... נו, נו, ר׳ אברהם׳ס ווייב, נעמט אים צוריק אַהיים. השם־יתברך וועט העלפן... חולה אברהם בן חנה, רפואה שלמה בקרוב!

אַז דעם ראָזוואַדאָווערס ברכה האָט נישט געפּועלט, האָבן דזיקאָווער חסידים געעצהט — פאָרט אַ בן־עיר און איידעלער ייד — מען זאָל אים נעמען קיין דזיקאָוו. ניט אַזוי לייכט געווען אויסצופועלן, דער צד שכנגד זאָל דאַצו מסכים זיין, נאָר בשעת הדחק שאני...

זאָל זיך אייך דאַכטן, אין דזיקאָוו איז ר׳ אברהם יאָ געהאָלפן געוואָרן...

איז דאָס שטעטל געגאַנגען ווי אויף רעדער; דעם דזיקאָווער תפלות האָבן יאָ דורכגעבראָכן די שערי רפואה שלמה; דעם ראָזוואַדאָווערס תפלות נישט...

דאָס שטעטעלע שניידט זיך אויף נייע וועגן. די פרישע ווינטן מכל תפוצות גאַליציען — זיי דערטראָגן זיך אויך אהערצו. בית־המדרש־יונגט לייענט בסוד השכלה־ביכער, לערט גאַנצע עמודים אויף אויסנווייניק, ווי תלמוד און פוסקים; מיטן טאָן פון "אמר אביי" און מיטן קוועטש פון דער גמרא.

אַנטעק, דער בריוועטרעגער, קוקט חידושלעך אויף די מאָדנע צייטונגען און ביכער, וואָס קומען אָן אויף דער פּאָסט. בחורים וואַרטן אים אָפּ, שטופּן מטבעות אים אין האַנט אַריין, אָן אָנצוהערניש, אַז ער זאָל זיי ניט פאַראַטן.

אין וועלדל, הינטער דעם שלאָס, זיצן בחורים ארום חנינא קלעזמער. מיט ברייט־צעעפענטע אויגן, האַלב־אָפענע מיילער פארנעמען זיי זיינע חידושים וועגן השכלה בת השמים, חיבת־ציון, זיינע פירושים אויף יידנטום און תורה.

חנינא קלעזמער, א יונגערמאַן אין די דרייסיקער יאָרן. א הויכער, א מאָגערער, די נאָז אַ לענגלעכע, אויגן בענקנדיקע און א באָרד אַ בלאָנדע, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין באַראַנאָוו, יאַרנלאַנג געזעסן אויף קעסט. אַראָפּ פון שווערס קעסט, איז ער געוואָרן אַ לערער, געלערנט מיידלעך און יינגלעך שרייבן יידיש־דייטש, אביסל דייטש און פויליש. אַ גוטער לערער געווען חנינא; א גרויסער בעל־מסביר און אַ שטיק קענער. א שיינע געבענטשטע האַנט — א כתבא רבא. א ביליקער לערער געווען, חנינא; דרייסיק קרייצער פאַרן גאַנצן חודש — א שעה יעדן טאָג.

און געשפּילט אויף א פידל האָט חנינא — שטיל־זיס־וויינעדיק, ווי א ייד צעפּיעשטשעט זיך: העלף שוין, טאַטעניו, העלף! געלייענט האָט ער פון "בלאַט" אזוי שנעל, ווי מען זאָגט אָפּ "עלינו". חוץ לזה — אליין פאַרפאַסט ניגונים צו נאַציאָנאַלע שירים, אָנגעשריבן א קאָמפּאָזיציע אויף "איכה", נאָר קיין מבינים זענען נישט געווען...

שוין בחורוויז איז חנינא נכשל געוואָרן אין אפיקורסות, נאָר קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט. געוואָרן א חתן, חתונה געהאַט, געגעסן קעסט אזוי לאַנג, ביז דער שווער זיינער, ר׳ משה מרדכי, א חסיד מיט א שאַרפן הוש־הריח, האָט עפּעס דערשמעקט, און וויבאַלד דער־שמעקט, גענומען דעם איידעם אויף א שטרענגן פאַרהער, אים גוט אויסגעמוסרט. אז מוסר־זאָגן האָט קיין שום פּעולה נישט געהאַט, איז ר׳ משה מרדכי ארויס אויף חנינאַן: "שוין זאָלסטו אָפּגטן מיין טאָכטער. שוין!" האָט הנינא, רויק און געלאַסן, דערויף געענטפערט: "שווער, אויב מיין ווייב וועט מסכים זיין: מילא". געוווּסט האָט חנינא ביי זיך, אז דאָס ווייבל זיינס, וואָס אונטער זיין השפּעה איז זי געוואָרן אַן אויפגעקלערטע, וועט זיך אויסלאַכן פון דער גאַנצער מעשה. בפרט נאָך,ביידע האָבן זיך ליב מיט אמתדיקער ליבע.

הקיצור, פון גט איז טאַקע גאָרניט געוואָרן, אָבער אוועקגיין פון שווערס שטוב האָט חנינא יאָ געמוזט, און געוואָרן אַ מענטש פאר זיך. איז חנינאס שטוב כסדר פול געווען מיט בחורים, וועלכע פלעגן קומען פרעגן האַרבע קשיות, עצהן זיך וואָס צו לייענען און לייען ביכער.

בלי גוזמא, חנינא איז געווען דער פּיאָנער פון בילדונג און אויפקלערונג אין באראנאָווו. יוגנט דראפּעט זיך בארג־ארויף...

מיר האָבן שוין פארגעסן ווי שווער עס איז אָנגעקומען אין יענער צייט אדורכצוברעכן די מויער. מיר היינט — אָפענע טויערן, אויסגעטראָטענע וועגן — ווער עס וויל נאָר, קאָן אריינגיין, קאָן ווייטער גיין...

קוקן מיר צוריק אויף דעם שטיקל פארגאנגענהייט; א קאַמף־צייט איז׳ס געווען, א מלחמה צווישן עלטערן און קינדער. דער יונגער דור האָט זיך געריסן צו ליכט און אויפשטייג, צו וועלט־קולטור און גייסטיק פרייע אידעען, אין בית־המדרש־יידישקייט האָט זי געזען שקיעה, אָפּגעשיידנקייט פון דער וועלט. און דער יונגער דור האָט ליב באַקומען רחבות, אויפברויז, ווייטן האָריזאָנט.

דער מאָדערנער ציוניזם ווערט דער פלאמיקסטער "אני מאמין" פון יונגן דור.

דער ציוניזם צינדט יוגנטלעכע הערצער, בארייכערט יוגנטלעכע פאנטאזיע, באפליגלט מיט דערהויבענע מחשבות און השגות, שטארקט זיין דראנג נאָך וויסן, נאָך פארטיפונג אין די ווערטן פון יידנטום, ווייזט אים נייע וועגן, נייע צילן...

יעדעס נייע העברעאיש, אָדער יידיש בוך — התגלות; יעדע צייטונג אָדער צייטשריפט אין איינע פון אונזערעביידע שפּראכן — א וועגווייזער; יעדע פּאָרלעזונג — פרישע באגייסטערונג.

באַראַנאָווער יידישע יוגנט גרינדעט א ציוניסטישע חברה "השחר", שטעלט אוועק א ביבליאָטעק, שרייבט אויס צייטונגען. העברעאיש, ניי־העברעאיש לערנט מען פון "שבח וואַלקאָווסקיס בריוו", און יידיש — פון "לעמבערגער טאָגבלאַט".

אינגיכן באווייזט זיך אין דער קראָקעווער העברעאישער "המצפה" א שטעטלדיקע קאָרעס־פּאָנדענץ פול מליצה. דער "סופר נכבד" ירוחם בן שלתיאל הקטן רעכנט זיך אָפּ מיט די אָרטיקע קנאים און פאַרזיכערט זיי — "כי יום יבוא ונשוב להיות עם".

די חסידים ברענען פאַר כעס; מחרים זיין דאַרף מען די שקצים־דראַבעס, על ה׳ ועל משיחו רעדן זיי! שבת פאַרן לייענען אין בית־המדרש: "מ׳עט נישט לייענען, עט מע נישט! ארויס מיט די פושעים"! קולי קולות, אַ געפילדער, עס ברעכט אויס א געשלעג, חסידים כאַפּן זיך צו חנינא קלעזמער, עס פליען פעטש, בחורים גיבן צוריק. די "שניידער־יונגען" קומען פון פּאָליש אין בית־המדרש אריין העלפן די "ציוניסטן", מען זינגט "עוד לא אבדה".

און נישט די טאַטעס — די זין זייערע האָבן געזיגט.

פאַמעלעך, פאַמעלעך, בחורים טוען אויס די זשיפּעצעס און קריכן אַריין אין "איבערציערס", די קאָפּעלושן פאַררוקט אויף די שפּיץ קעפּ, פון יאַרמולקעס קיין זכר נישט מער; הויזן איבער די שיך, געפּרעסטע קראגנס און שניפּסלעך, פּאות ווערן וואָס אַמאָל קורצער, געקרייזלט אַזוי קונציק — קורצע לעקעלעך.

בחורים פאָרן קיין קראָקע און טאָרנע, ווו זיי באקענען זיך מיט דאָקטוירים־ציוניסטן, מיט

סטודענטן, און מיט ישיבה־בחורים, וואָס גרייטן זיך בשתיקה צו עקזאַמענס, אין מיט מיידלעך פון די ציוניסטישע "מרים"־פאַראיינער.

קומען זיי צוריק מיט שטאָלץ און פרייד, מיט גאָר אַן אַנדער פייערל אין די אויגן. אויפדער־נאַכט אין פאַריין דערציילן זיי, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, אַז אמתע דאָקטוירים קנעלן מיט ישיבה־בחורים פויליש און דייטש; אַז אויף די גאַסן, אין די צוקערניעס זאָגט מען זיך "שלום", "להתראות", און אַז בקרוב וועט פאָרקומען אַ גרויסע ציוניסטישע לאַנד־אסיפה, אויף וועלכער אויך באַראַנאָוו דאַרף זיין פאַרטרעטן. קלייבט מען אויס צוויי דעלעגאַטן: חנינא קלעזמער און פנחס דער בלינדער [20].

פנחס — דער פריש־געבאַקענער דעלעגאַט — דאָס אויבערשטע פון שטייסל צווישן די אויפגעקלערטע בחורים! איין אויג האָט פנחס פאַרמאָגט — קליינערהייט האָט א שייגעץ אויס־געזעצט אים דאָס צווייטע אויג — אָבער מיט דעם איינעם אויג האָט ער מער ביכער אַדורכ־געלייענט, ווי צען אַנדערע מיט צוואַנציק אויגן... צווישן אַלע שטעטלדיקע "קענערס" ניט געווען זיינס גלייכן אין התמדה, חריפות און בקיאות. מיטן זעלביקן ברען ווי ער פלעגט לערנען גמרא, האָט ער דאַן געלערנט אין די טריף־פסולס; ניט געלייענט, נאָר ממש געלערנט. און א משורר איז פנחס געווען — דער רעדאַקטאָר פון העברעאישן "בת קול" האָט אים אייגנ־הענטיק געשריבן: "לאָז נישט ארויס די פען פון האנט; דו ביסט אָנגעגרייט צו זיין אַ משורר ביי יידן".

במוסכם כולם ווערט אָנגענומען, נאָך פאָר דער גרויסער לאנד־אספה, אראָפּצוברענגען אַ ציוניסטישן רעדנער, און דורכאויס אַ דאָקטאָר וואָס רעדט מאַמע־לשון. שרייבט מען אוועק צו ד"ר מאיר גייער קיין לעמבערג — איינער פון די געציילטע גאַליציאַנער ציוניסטישע דאָק־טוירים בשעתו, וועלכע האָבן גערעדט יידיש־לשון — "ער זאָל פריינטלעך באַערן די טרייע ציון־מחנה מיט איין לעררייכן פאָרטראג, וועלכער זאָל מאכן אויפפלאַמען דאָס הייליקע פייער פון ציון און ירושלים".

אין דעם טאָג, אין וועלכן דער רעדנער האָט געדאַרפט קומען, האָט דער רב געשיקט רופן ביידע בעלי עגלות, בגזירת הרב גוזר געווען אויף זיי, ניט וואַגן צו פאָרן מיט די משומדים־ציוניסטן, וועלכע זענען מטמא באויר פיהם... האָבן די בעל עגלות אָנגענומען דעם רבס גזר מיט פאַרדרוס און ווייטיק אין האַרצן, וואָס צוליב זייער פרנסה מ'שטיינס געזאָגט, מוזן זיי האָרכן די "שיינע יידן..." אַרויסגייענדיק פון רבס שטוב, האָט אברהם געזאָגט צו סענדערן:

— ווי שטייט דאָרט אין דער הייליקער הגדה: ציגל און ליים, אויף די פיראמידן געקלע־טערט, אַבי פאַנאָסע. פאַנאָסע, סענדער, פאַנאָסע — די נכפה זאָל זיי נעמען, די מיוחסים.

איז ציוניסטישע חברה אַרויס צופוס צו דער סטאַנציע מקבל פנים זיין דעם דאָקטאָר פון לעמבערג, און געברענגט אים אין שטעטעלע אַריין מיט הילכיקן געזאַנג פון "התקוה".

[20] נפתלי פנחס בירנבוים.

אין דער גרויסער שענק־שטוב ביי נעכע די אלמנה האָט געזאָלט פאָרקומען די פאַרזאַמלונג, אָבער דאָפון איז גאָרניט געוואָרן, מחמת דער רב האָט איר מודיע געווען דורכן שמש, אויב זי וועט אָפּגעבן איר שענק־שטוב צו די ״פּושעים״, וועט מען נאָך איר טויט באַגראָבן זי אונטערן פּלויט . . .

איז די פאַרזאמלונג פאָרגעקומען אין א גויישער סטאָדאָלע, וועלכע מען האָט אויסגעהאָנגען ווי אַ סוכה; מיט קאָלירטע פּאַפּירן, געבלימטע טישטיכער, אין דער הייך פאַרן רעדנער א גרויסער מגן־דוד פון גאָלדענעם לעש־פּאַפּיר, און פון ביידע זייטן — די בילדער פון הערצל און נאָרדוי.

טאַטעס און מאַמעס, — מיט געבראָכענע הערצער, זענען געשטאַנען אַרום דער סטאָדאָלע. תחנונים־רייד, יעלות, מיט גוטן און מיט בייזן — יוגנט האָט זיי געהערט, ווי המן דעם גראַגער. באַוויזט זיך דער ״אַלטער״ בכבודו ובעצמו, אין ספּאָדיק און מיטן שטעקן, הינטער אים אן עדה חסידים. ער בלייבט שטיין, הינטער אים בלייבן שטיין די חסידים. הייסט ער דעם שמש אויפרייסן די טיר. דער ״אלטער״ קומט אין שאַפּע אריין, אַלע קוקן פאַרבליפט און שוויגן, רוקן זיך אָפּ, ניט ווילנדיק, מיט דרך ארץ. ער מאכט מיט דער האַנט און זיי, ניט ווילנדיק, מאַכן אים אַ וואַרע — פּאָרט מרא דאתרא.

צעבייזערט זיך דער רב מיט אַ הייזעריקן קול:

— דער באַראַנאָווער רב זאָגט: ניין איז ניין!

איז אַרויס דער בלינדער פנחס און געשריען נאָך העכער:

— דאָ בין איך באַראַנאָווער רב! איך זאָג — יאָ איז יאָ!

אהין־אהער, קולות, פעטש, איינער דעם אנדערן שיער נישט דורס געווען.

ניט די עלטערן — די קינדער האָבן געזיגט.

באַראַנאָווער יידישע מיידלעך — אויך זיי זענען נישט געווען קיין געוויינטלעכע מיידלעך . . .

ר׳ אהרנס איינציקע טאָכטער, לאהטשע, אַ מיידל מיט שוואַרצע אויגן, זיידענע ברעמען, דאָס פּנים אירס ווייס ווי מילך, אַן אַלבאסטער ווייסן האַלדז, און אַ פיגור — שלאַנק, בויגעוודיק. דאַצו אַ געלערנטע! געזאָגט האָט מען אין שטעטעלע, דאָס לאהטשע קען בעסער חומש מיט רש״י און לשון הקודש, ווי מאנכער פון די בחורים תנ״ך־קענערס.

און איר מעגט דאָס גלויבן! לאהטשע האָט בסוד סודות געפירט אַ ליבע מיט יחיאל חיה שיינדלס, א בחור א מושלם, איינער פון די יונגע משכילים און א פייערדיקער ציוניסט, נאָר ניט פון קיין געהויבענער משפחה . . . ער, יחיאל, האָט מיט לאהטשן פיל געלערנט, געוויזן איר דעם וועג צו ליכט און בילדונג.

האָט מען ר׳ אהרנען צוגעטראָגן, אַז זיין טאָכטער ״שלעפּט״ זיך ארום מיט יחיאל חיה שיינ־דלס. ווערט ר׳ אהרנען אַ לאָך אין האַרצן, טרייסלט זיך ביי אים די באָרד, און עס ווערט אים חושך אין די אויגן. שטאַמלט ער נעבעך: ״חלילה, מיין טאָכטער, אַ טעות״. געוווּסט האָט ער

אָבער ביי זיך, מענטשן זאגן ניט עפּעס סתם אין דער וועלט אַריין... נעמט ר׳ אהרן איינטענהן מיט זיין בת־יחידה:

— לאהטשע, צי האָסטו פאַרגעסן, ווער דו ביסט? איבער דיר וועל איך דאָך יונגערהייט גיין אין גרוב אריין! ווילסטו דווקא א חתן, א קענער, זאָל זיין אַ קענער ירא שמים. משהל ר׳ אלימלכס — א בחור צו גאָט און צו לייט — פארוואָס ניט ער, פארוואָס? כ׳וועל אהינשיקן אשר שדכן, מ׳עט זיך אדורכשמועסן, מ׳עט שרייבן תנאים, באַשטימען דעם זמן החתונה, ווי ס׳פירט זיך ביי יידן, און ניט, רחמנא לצלן, הולטייסטווע, הפקרות... יחיאל חיה שיינדלס גאָר! דו ביסט דאָך מיר מקצר די יאָרן. אַ יונגאַטש אַ פושע, און פון אַ משפחה — באהיט זאָל מען ווערן, דער טאַטע זיינער אין אַמעריקע! האָבזשע שכל, קינד מיינס!

און ר׳ אהרנס ווייב, מלכהלע די פאָרזאָגערין, וואָס איז בייגעווען דעם שמועס, האָט באהאלטן דאָס פנים אין פארטוך אריין און געוויינט. אויסגעוויינט זיך, האָט זי אָנגעהויבן רעדן:

— טאָכטערשע, איינציק קינד מיינס! שוין גאָר ניט דאָס קינד, וואָס טוט זיך מיט דיר? מיט תפלות, טרערן און יסורים האָב איך דיך אויסגעהאָדעוועט. טוסטו אונדז אָפּ אזעלעכעס. הער אויס דעם טאטנס רייד, הערזשע: משה ר׳ אלימלכס, א בחור א פענדל. א שדכן, תנאים, זמן החתונה, ר׳ אהרנס טאָכטער — אַליין אויסזוכן זיך א חתן, אַליין! און וועמען אויסגעזוכט! כ׳על מיך דאָך שעמען דאָס פנים ארויסצווייזן! לאהטשע, טו דער אָרימער צעבראָכענער מאַמען צוליב, זי מיינט דאָך דיין גוטס, מיינט זי דאָך. נשמה מיינע!

לאהטשע אויסהערנדיק טאַטע־מאַמעס רייד, האָט מיט כעס אָפּגעענטפערט:

— נו, אַז אַ מאַרק־זיצערקע, איז וואָס? פארדינט זי ניט ערלעכער איר שטיקל ברויט, ווי אייער ר׳ אלימלך מיט זיינע וווכערישע געלט־געשעפטן?! זיינען די גרעסטע פון אונדזערע תנאים ניט געווען שניידערס און שוסטערס? כ׳זאָג ניט, טאַקע אַ ווױלער בחור משהל, אָבער איך האָב ליב יחיאלן! וואָס איז שיר השירים, און אהבת אמנון ותמר, און יעקב מיט רחלען? איך פיל עס, איך ווייס עס געוויס — מיין באַשערטער איז יחיאל חיה שיינדלס, די מארק־זיצערקע!...

לאהטשע און יחיאל פלעגן ווייטער זיך טרעפן ביינאַכט אויף דעם פעלד־וועג, הינטער דעם קאָשטשיאָל. דאָרט האָט לאהטשע געהאַלטן איר געליבטן אין די אָרעמס און געבעטן זיך ביי אים מיט א פארחלשטן קול:

— כילעש, קרוין מיינע, לאָמיר צוזאַמען אַנטלויפן קיין ווין!

האָט כילעש דערויף געענטפערט:

— לאהטשע, מיין ליכטיקער שטערן, אנטלויפן? צי וואָס אנטלויפן? הי ווען מיר שטעלן די חופה אונדזערע. מיט בלוי־ווייסע פענער וועט מען אונדז פירן צו דער חופה. אויף צופּי־קעניש די פאנאטיקער, וועט חנינא זיין דער מסדר קידושין. זאָלן זיי וויסן: כביר וגדול כוח האהבה!...

און לאהטשע, בארוישט פון כילעשעס ליבע־ווערטער, האָט באַגייסטערט אויסגערופן:

— הימל און שטערן זענען עדות: לו צפור הייתי, אז עפתי דאיתי הלאה, הלאה מפה, זה עמק הבכא...

אַ יאָר נאָך אַ יאָר, וואָס ווייטער אַלץ גייסטיק שענער, פּראָגרעסיוועך ווערט דאָס לעבן פון יידישער יוגנט אין שטעטעלע. עס פעלט בלויז, בחורים זאָלן טראַכטן וועגן מאַטעריעלע תכלית, ווערן פּראָדוקטיווע נוצלעכע מענטשן, און ניט דאַרפן זיין די יורשים פון הו־האַ עסקים, פון אַך־און וויי־פּרנסות.

געווען צו יענער צייט א בחורל אין שטעטל, וואָס האָט באַנומען, אַז נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייונג פון יידישן פאָלק געהערן צוזאַמען ווי גוף און נשמה, און אַז דער באַפרייונג־קאַמף אונדזערער קאָן נאָר אויסגעקעמפט ווערן צוזאַמען מיט דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין גאָרער וועלט: הערש משה לייבס[21] האָט דער ערשטער אָנגעצינדן דאָס הייליקע פייערל פון יידישן סאָציאַליזם אין הערצער פון שטעטלדיקע בעלי־מלאכות.

א וונדערלעך בחורל געווען הערש משה לייבס, פון ייִנגלווייז אָן אַרומגעגאַנגען פאַרחלומט, ליב געהאט דעם דרויסן אין וואלד און פעלד, ליבער געהאט דעם תנ״ך, ווי די גמרא: ניט בעל בתישע, נאָר ייִנגלעך פון בעלי מלאכות זענען זיינע געווען חברים. מיט זיי האָט ער געטיילט די צוקערקעס, באָקסער, פייגן און לעקעך־פּאַפּיר.

אינגאַנצן געראָטן דעם פאָטער זיינעם. אָן ערלעכער טיף־פילנדיקער ייד געווען ר׳ משה לייב. קיין איינציקע רגע פאר זיך ניט געלעבט, נאָר פאַר קראַנקע און שוואַכע, פאַר עלנטע און דערשלאָגענע.

הערש איז אַוועק קיין קראָקע, ווו געלערנט און געאַרבעט, אַריין אין קרייזל פון יוגנטלעכע יידישע סאָציאַליסטן, אָנגעליינט זיך מיט פּאָליטישער און שיינער ליטעראַטור, שפּעטער געלערנט מיט אַנדערע.

געצויגן האָט הערשן צו זיין שטעטעלע, ווי אַ קינד צו דער מאַמען. פלעגט ער אָפּטער קומען אַהיים, פאַרווײלט דאָ אַ קורצע צייט, אויסגענוצט זי צו ווירקן אויף יוגנט, דערוואַרעמען זי מיט האַרציקע גלויבנס־ווערטער אין די ימות־המשיח, אין דער וועלט שכלו שבת...

און אַז עמעץ פלעגט זאָגן ר׳ משה לייבן: ״אייער הערש א גאַנצער גוי געוואָרן!״ — האָט ר׳ משה לייב תמימותדיק א זאָג געטון: ״מיין הערש, די זעלביקע גוטע יידישע נשמה, בלויז די הלבשה זיינע איז אַן אַנדערע...״

זומער־צייט 1914, אין אַ יריד־טאָג, צווישן הו־האַ, גערויש און געפילדער שניידט זיך אַדורך דאָס שאַרף־שניידנדיקע וואָרט — מלחמה, ווי אַן איוב־בשורה.

[21] הערש פענסטער

יידן, יידענעס, דערשראָקענע, צערודערטע פון די בייזע נייעס, צענעמען אין איילעניש די שטעלעכלעך, פּאַקן איין די קרעמלעך, ווי זיי וואָלטן מורא געהאט, אַז אָט־אָט ווערט דער מאַרק אַ שלאַכט־פעלד.

און טרויעריק ווערט דאָס פּנים ביי שמואל יוחנס. א יונגערמאן, ערשט צוויי יאָר נאָך דער חתונה, אַ ווייבל — בלוט און מילך.

אַ יידענע ווענדט זיך צו דער שכנהטע אירער:

— שרהטשע לעב, די קרוין פון קאָפּ וועלן זיי דאָך מיר צונעמען! וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך!

ענטפערט די שכנטע אויף דער פראַגע מיט נאָך איין פראַגע:

— וואָס טוט מען טאַקע, חיהטשע? ווו טוט מען אַהין די צוויי ליכטיקע זין מיינע, ווו?

באַווייזט זיך אין מאַרק דער פּאָליציייניק שימינסקי, וואָס איז אויסגעבונדן מיט אַלע יידן פון שטעטעלע און ווייסט פון אלע זייערע סודות. נאָר צו וואָס טשעפּן יידן, אַז פון זיי האָט ער כמעט די גאנצע פרנסה. א גוטער גוי שימינסקי, אָבער פאָרט אַ גוי! האָט ער ליב נאָכצומאַכן יידישע העויות, איבערקרימען, אָפּחוזקן ווי יידן רעדן פּויליש.

גייט ער דאָס איצט ארום איבערן מאַרק און וויצלט זיך אויפן חשבון פון יידישע צרות:

— בענדזשע וואָינא, יידעלעך יאָזש נימא ריבי נא שאַבעס. איציק, משהלע, דאָ וואָיסקא, כיק־כיק־כיק — און מאַכט דאַביי מיט דער האַנט איבערן האַלדז...

— קוקטס נאָר אָן שימינסקעלע ממזר! יידן פּאַיען דאָס אָן ווי אַ פערד, פּאשען דאָס א גאנץ גייענדיק יאָר מיט קוילישטש. א שאָד וואָס איין פּוס בלויז! ר׳ שמחה בורמישטש מאַכט דאָס פאַר אַ מענטש, העגגט דאָס אָן אַ שווערד — א כפרה זאָלסטו זיין פאַר אַ יידנס מינדסטן נאָגל.

דאָס רופט צו שימינסקין חיה גיטל, די עופות־הענדלערקע, וועלכע ברענט פאַר כעס אויף דעם פאַרכעוואַטן פּאָליציייניק, וואָס שיט זאַלץ אויף יידישע ווונדן.

און שימינסקי, וואָס רעדט יידיש, ווי חיה גיטל רעדט פּויליש, ענטפערט איר אָפּ, און לאַכט דאַביי, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט:

— גיטעלע, מאַמעלע, ניש דאָ הינדעלעך. אָפּיצירן עסן אַלע הינדעלעך, גיטעלע האַנדלען אַ מכה.

דער מאַרק ווערט אָפּגעליידיקט פון גוים. יידן בלייבן צווישן זיך, יעדער טייטשט אויס די נייעס מיט אייגענעם פּשט, מיט זיינס אַן המצאהלע, און אַלע צוזאַמען וואַרטן אויף אַ נס, אויף אַ בשורה א נייע, אַז די קיסרים וועלן זיך נאָך מיישב זיין. אָבער די נייעסטע ידיעות, וואָס קומען אָן — אָן אַ שטראַל, אָן אַ פונק האָפענונג אויף שלום.

גאַליציאַנער יידן האָבן טאַקע ליב געהאט זייער קייסער פראַנץ יאָזעף, אָבער וואָס האָט דאָס צו טון מיט מלחמה? מלחמה — לא תרצח! אַ גויישער, און ניט קיין יידישער ענין־מלחמה! גויים האָבן ליב הריגות, רציחות — דאָס שטעקט אין רוצחישן בלוט זייערן. אָבער יידן האָבן פיינט צו פארגיסן מענטשלעך בלוט. און אויב אפילו ווי גוים זאָגן — אז צוליב פּחדנות... אויב —

האָט געזאָגט אַ קלוגער ייד — פּחדנות פאַרהיט צו פארגיסן מענטשלעך בלוט, איז פּחדנות די גרעסטע מעלה...

אַי, וואָס יידן האָבן ליב צו רעדן מלחמה־פּאָליטיק, צו דערמאָנען מיט יראת הכבוד נעמען פון גרויסע גענעראַלן, צו שטודירן מלחמה־גענג אויף פּאַטשיילעס — וואָס זשע באַוויזט דאָס, אויב נישט דאָס איינע, אַז יידן האָבן שטאַרק הנאה פון דער "חכמת הסטראַטעגיע", אָבער הריגות, רציחות — חס מלהזכיר!

פונדעסטוועגן — דינא דמלכותא כדינא דרקיע; אַז מען הייסט אונטן, הייסט מען אויך אויבן...

אַ רציחה, אַן עוולה — פלעגט טענהן ר׳ וועלוועלע קלויזניק — פרומע אָפּגעהיטענע יידן מוזן ווערן זעלנער. פאַרשוואַרצט ווערן אַן תפלה בצבור, עסן טרפות, שלאָפן אין באַראַקן, וואָס אָן מזוזות, לעבן מיט פּת במלח, שיסן אין לויפן, ווי גזלנים, משוגענע כלבים — א ביטע־רער עונש מן השמים!

אָט זע איך באַראַנאָוועד יידן אין פּראַנץ יאָזעפס מונדירן:

מיין פעטער שלמה האָט געהאַט אַ פּנים אין זעלנערישן מונדיר, ווי אַנטעק דער באָד־גוי אלס פּורים־פאַרשטעלטער אין א זיידענער זשיפּעצע אין סאַמעטענעם קאַפּעלוש.

און בונם ר׳ נתנס, א שמאַלציקער ייד מיט א רויטער באָרד און פּאות אין זעלנערישער הלבשה! פון אונטערן מיליטערישן קאַשקעט האָט אַפּיר־געקוקט די יאַרמולקע, און אין ענגן מאַנטל אויפן צעיוירענעם בויך זיינעם, האָט ער אויסגעזען, ווי א יידענע אין די הויכע חדשים.

בונמס שכן, זיינוועלע "ליכטציער", א יידל א קליינס, אַ דאַרס מיט אַ געל פּנים, ווי פּאַרמעט, אויגן קאַלע אָן ברעמען, דאָס שפּיץ בערדל תמיד צווישן די ליפּן — אויך ער איז געווען פּראַנץ יאָזעפס אַ זעלנער!...

שטעלט איך פאַר דאָס דאָזיקע פאַרשווינדל אין אַ זעלנערישן מונדיר, צוויי מאָל אַזוי לאַנג און דריי מאָל אַזוי ברייט ווי עס אינגאַנצן, און אויפן קאָפּ א סאָלדאַטסקער קאַשקעט מיט א ברייטן דאַשעק, וואָס געהאַלטן אין איין אַראָפּפאַלן איבער די אויערן.

— איך בין מיר, ברוך השם, אַ גרויסער בר־מוצלח — פלעגט ער זאָגן — וואָס זיי האָבן מיך נישט אויסגעמושטרירט פאַר "פראָנט־דינסט", נאָר צוגעטיילט מיך צו טוען לייכטע אַרבעט, ווי היטן אַמוניציע־לאַגערן, די קאַסע פון רעגימענט וכדומה. מיינט נישט, אַז שטיין ביי נאכט איינער אַליין צווישן הימל און ערד און היטן, איז אַזוי פּשוט; העגט און פיס ציטערן מיר! נאָר היטן דעם קייסערס אוצרות — אַ מצוה, אַ גרויסע מצוה!...

דערפאַר אָבער איז אברהם פּראָפּערנאָטערס תכשיט, מאָטקע, געווען אַ זעלנער — אַן אנטיק! גלייך ווי אַ ווירע, אויסגעסטראָיעט אין א מונדיר, וואָס געלאָזט אויפנייען אויף אייגענע הוצאות. אַז געקומען אויף אורלויב אין שטעטעלע אַריין — אַ גאוודהיקער איז מאָטקע ארומגעגאַנגען אין מאַרק, ווי אַ יונגערמאַן אין די שבעת ימי המשתה, און באַרימעריש דערציילט, ווי זיין

אַפּיציר, אַ פּאָליאַק, האָט מער ווי איין מאָל געזאָגט צו אים: „איי, איי, מאָטעק, לאַדנע חתן!“...

עס גייען פאַרביי וואָכן, חדשים, יאָרן, פון שטעט זענען שוין בית־עלמינס געוואָרן, אויף בית־עלמינס האָט מען טראַנשייען געגראָבן; האַס, טרערן, בלוט און קברים. מאַמעס באַוויינען זייערע געפאַלענע זין און מענער. קינדער — זייערע טאַטעס, און די מלחמה נעמט קיין סוף נישט.

שוואַרצע וואָלקנס ציען זיך צוזאַמען איבער יידן אין גאַליציען. צאַריסטישע חיילות דראָ־בערן שטאָט נאָך שטאָט, שטעטלעך און דערפער. שוין איז דרייפערטל גאַליציען אונטער זייער מערדעריש־אָקופאַנטישער ממשלה.

דער ביטערער יידישער גורל מיידט אויך ניט אויס מיין שטעטעלע. עס ווייען און פייפן אין דער לופט קאָזאַקישע שפּיץ־רוטן. קאָזאַקן רייטן אויף און אָפּ איבער די שטעטלדיקע געסלעך און רופן מיט ווילדע קולות: יעוריי, יעוריי! זיי נישטערן און זוכן, צעטראַמפּן, צעהאַקן, מאַכן חרוב און מוחרב יידישע הייליקטימער און יידישע פּראַצע. יידן ליגן באַהאַלטן אין די וועלדער, אין די קעלערס, יידישע ווייבלעך און מיידלעך פאַרשטעלן זיך אַלס זקנות, טירן פאַרשלאָסן, לאָדנס פאַרהאַקט.

און ווען דורכגעפלויגן פון קעלער צו קעלער, פון בוידעם צו בוידעם די בשורה טובה, אַז עסטרייכישע זעלנער זענען צוריק דאָ אין שטעטעלע, זענען יידן אַרויס פון זייערע באַהעלטע־נישן, געטאַנצט און געזונגען „על הנסים“. קינד און קייט איז אַרויס אויפן קייסער־שטראָז מקבל פּנים זיין די פאַרביימאַרשירנדיקע באַפרייער. היות דער רב און די „פּני“ זענען אין שטעטעלע ניט געווען, האָבן עטלעכע יידן פון אַ גאַנץ יאָר מיטן חזן בראש פאַרגעשטעלט מיט זיך די קבלת־פּנים־דעלעגאַציע. ווי נאָר אָנגעריטן דער ערשטער אָפיציר, האָט דער חזן געגור־מען זאָגן דעם „הנותן תשועה“. דערנאָך האָט ר׳ הערצל, אַ סוחר וואָס האַנדלט קיין ווין, גע־האַלטן אַ רעדע אין דייטש, וועלכע איך גיב דאָ איבער וואָרט נאָך וואָרט:

„הער גענעראל! יידישע געבעטן און ליארמען האָבן געשפּאָלטעט די הימלען פאַר עסטרייכס זיג, ווי אויך פאַר דען הער גענעראַל, זכור לטוב, איר זאָלט נירגענד וויסן פאָן באַזהייט און פאָן געפערלעכהייט, די פיינדע זאָלן אייך פאַלן צו פוסנס און צוקאָפּענס, און גוטע ענגעל זאָלן אייך אומאַרמען אויף דעם דאָרנפּאָלען וועג אַרום און אַרום, אָמן! דער קייסער פראַנץ יאָזעף — עוויגעס לעבן אים און זיינע האָהע לייטע, די געשייטע איידעלע מיניסטער, בעזאָנדערס דען העלדישן קריגס־מיניסטער, זכור לטוב, וועלכער איז ענלעך דען גרויסן יידישן העלד יהודה“.

האָט אָבער ר׳ הערצל אָפּנים פאַרגעסן, אַז ער רעדט צו לעבעדיקע זעלנער, האָט ער אויס־געלאָזט זיין רעדע מיט די ווערטער און ניגון פון „אל מלא רחמים“;

„דער באַרמהערציקער פאָטער זאָל אייך אַרונטערנעמען אונטער זיינע שיצנדע פליגל אין ליכטיקן פּאַראַדיס, צוזאַמען מיט אַלע פראָמע גערעכטע לייטע. דריי מאָל: וויוואַט!“

ווייבאַלד ״אונדזער״ מיליטער איז אריין קיין ״רוסיש פוילן״ און דער האנדל דאָרט האָט געגומען אויפלעבן, האָבן באַראַנאַווער יידן־סוחרים, און אפילו אזעלכע וואָס ווייסן נאָר גמרא, בית־המדרש, פאַריין און ביכלעך, נישט מער געקאָנט איינזיצן. פאָרט שכנים פון דער גרענעץ יידן, יידענעס, חתן־בחורים, כלה־מיידלעך — אַלע זענען געוואָרן סוחרים, געקראָכן אויף אַלע פיר דורך פעלדער און וועלדער, געקלעטערט איבער בערג, כדי אַרודכצושמוגלען אביסל סחורה. א שעת הכושר אַזאַ, וואָס מ׳טאָר נישט אַדורכלאָזן...

מיטאַמאָל פארקלונגען דער קול של תורה. אויס גמרא, אויס ביכלעך, ליידיקע בענק אין בית־המדרש, די טירן פון פאַריין פארשלאָסן. אז יידן וועלן, אם ירצה השם, נתעשר ווערן, וועלן זיי פונדאַסניי נעמען לערנען תורה מתוך הרחבה ונחת, און צדקה וועט מען געבן מיט ברייטער האַנט...

קומט צוריק אין שטעטעלע אריין דער בלינדער פנחס... נאָר וואָס אַהיימגעקומען פון ווין, ווו אלס מלחמה־פליכטלינג באנוצט די פרייע צייט צו באזוכן די ״העברעישע פעדאגאָגיע״, קוקט ער זיך צו, וואָס פון זיינע תלמידים איז געוואָרן. די יאָרלאַנגע אַרבעט זיינע צווישן שטעטלדי־קער יוגנט געגאַנגען לאיבוד, באפאלט אים א הארצווייטיק, קאַלט ווערט אים אין די ביינער. שטעלט ער זיך יעדן אינדערפרי אויפן וועג, וואָס פירט צו דער רוסיש־פוילישער גרענעץ, רעדט מיט יוגנט פאַרבלאָנדזשעטע אויף שלעכטע וועגן, מוסרט זי, עס פאַסט נישט, נישט שיין צו טון אזעלכעס. יידישע יוגנט דאַרף לערנען, דאַרף דינען דעם פאָלק, דאַרף זיין ערלעך, אידעאַליסטיש.

הקיצור, פון דעם שמוגל־פיבער מיט די ראָטשילדישע חלומות, האָט אינגיכן אויסגעלאָזט זיך אַ בוידעם. יידן זענען בדיל הדל געוואָרן; די סחורות אַוועקגענומען, אַריינגעזעצט אין תפיסה... מען האָט פאַרזאָגט קינדס־קינדער, אז צו אזעלכע עסקים טאָר מען זיך נישט מער צורירן.

יוגנט געפינט זיך צוריק. עס וואַכט ווידער אויף די פרומע ליבשאַפט צום ספר, צום בוך. אין בית־המדרש — אמר אביי, אמר רבא; אין פאַריין — לעקציעס און געזאַנג פון נאַציאָנאַלע לידער.

הערש ר׳ משה לייבס קומט פון דייטשיש־בעמען צוריק אַהיים. זיינע אויגן פול און פול מיט פרייד, זעענדיק, אַז די שניידער־און־שוסטער־יונגען זענען די איינציקע אין שטעטעלע, וואָס האָבן דאָס רענדל נישט געביטן, געבליבן די זעלביקע ווי געווען פאַר דער מלחמה... גיסן זיך אַרויס פון זיין מויל ווערטער, געצויגן ווי אַ גאָלדענע שנור; ״מענטשן וואָס פארדינען זייער פרנסה מיט די צען פינגער, האָבן פיינט גאָלדשפינערײ־חלומות. אַנטקעגן גיין משיחן וועלן בלויז די ערלעכע ארבעטער, אָבער דאָס בעל בתישע געמויזעכץ וועט די גאולה נישט דער־לעבן״.

פוילן ווערט א פרייע רעפובליק: צעיושעטע באַנדעס באַפלעקן פוילנס פרייהייט מיט יידיש

בלוט, מיט פּאָגראָמען אויף יידן אין לעמבערג און קאַלבושאָוו. אימה און ציטערניש כאַפּן אַרום יידישע ישובים.

אָבער — יידישע יוגנט ציטערט נישט, פאַלט נישט פון די פיס; זי איז גרייט, על כל צרה שלא תבוא, צו ענטפערן מיט דער גאַנצער קראַפט אירער, זעלבסטשוץ — איז איר לאָזונג.

און ווען פויערשע שקצים, אָנגעפירט פון זאטע פריצישע זינדעלעך, צעווילדעווען זיך איבער מיין שטעטעלע, שטייען גרייט יידישע בחורים, אָנגעפירט פון די בעלי מלאכות, אָפּצוווערן די כוליגאַנישע אָנפאַלן.

אין מארק גייט אָן א פארביטערטער קאמף, די שניידער־און שוסטער־יונגען, אויפגעציטערטע און מיט צעפלאַמטע אויגן, ווארפן זיך די ערשטע אויף די פּאָגראָמשטשיקעס רופנדיק: "צום הייליקן קאַמף מיט די עמלקים!"

צו יענער צייט האָט באראנאָוו געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן גאַליצישן יידנטום. אַרעסטירטע אין לעמבערג ציוניסטישע פירער צוליב אַ נידערטרעכטיקן בלבול, דאָס זיי האָבן געמאַכט יד אחת מיט די אוקראַאינער קעגן די פּאָליאַקן — ווערן געברענגט קיין באַראַנאָוו ווו מען פארשפּארט זיי אין "שלאָס" אונטער שטרענגער מיליטערישער באַוואַכונג.

ציוניסטישע יוגנט פאַרשאַפט זיך צוטריט צו די געפאַנגענע, העלפט זיי מיט וואָס נאָר מעגלעך, פועלט אויס, מען זאָל זיי דערלויבן צוויי מאָל אין וואָך גיין אין שטעטל אַריין.

די גאַליציאַנער יידישע פרעסע באַשרייבנדיק דאָס אַלץ ווידמעט, דרך אגב, וואַרעמע ווער־טער דער באַראַנאָווער יידישער יוגנט, רימענדיק איר נאַציאָנאַלע ווירדע, איר גייסטיקן ניוואָ.

פאר מיין אוועקפאָרן למרחקים, סוף יאָר 1919, צום לעצטן מאָל געזען מיין שטעטעלע. אָפּגעזעגנט האַלבע נעכט אין סביבה פון יוגנט, אין וואַרעמקייט פון ליכט און תורה־ווערטער, פאַרשענערט געוואָרן דאָס בילד, מיין בילד, וואָס איך האָב געהאט פון פריערע יאָרן; יוגנט איז געלייטערט געוואָרן, אַרויס זיגרייך פון דער פייערפּראָבע פון קאַמף. פול מיט גרויס באַגער נאָך אינהאַלט אין לעבן, פלאַמענדיקע באַגייסטערונג פאַר יידישע אידעאַלן, דאָס איז געווען מיין איינדרוק, וואָס כ'האב פון דאָרט מיטגענומען אין מיין ווייטן וועג אַריין...

ערשט אין דער פרעמד ווערט ליב די היים...

ווען געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, פון יידישקייט ווייניק געזען, פון שבת און יום־טוב נישט געוווסט, האָב איך געפילט — איר מעגט זאָגן, עס איז קינדיש, ענטוזיאַסטיש, איבער־טריבן, — ווי פוסט, אומעטיק, פאַרבלאָז איז דאָס לעבן פון אַ פאַרוואָרצלטן אין יידנטום יידן אין דער רעשיקער מערב־"אייראָפּעאישער וועלט...

עס האָט מיך באַצויבערט און געשפּייזט דער "אייראָפּעאישער גייסט", אָבער זיין תוך איז געבליבן מיר פרעמד. און וואָס ווייטער, וואָס גרעסער געוואָרן די מחיצה צווישן מיר און מיין שטעטעלע, אַלץ נענטער בין איך אים געוואָרן במחשבה און מיטן האַרצן.

אין דער צייט האָט מען דאָרט, אין דער היים, אָנגעטון ברוין־געברענטע צרות מיינע באַראַ־

נאָווער יידן, אַרויסגעריסן זיי דעם ביסן פון מויל, געראַבירט די געוועלבלעך, דעם ייִדנס ירושה־טראַפיק צוגענומען, פון גבירים געוואָרן עניים, פון עניים — דלפנים. יוגנט איז זיך צעלאָפן, אַ טייל קיין ארץ־ישׂראל, אַ טייל אין אַנדערע לענדער, און דער רעשט יוגנט, וואָס געבליבן אין שטעטעלע, האָט געקעמפט פאַר אַ בעסערן מאָרגן, געהאָפט, אַז ער וועט באַלד קומען.

אָנשטאָט בעסער, איז אָבער כסדר ערגער געוואָרן. די פוילישע רעאַקציע האָט זיך פאַרבונדן מיט דער דייטשישער רעאקציע, און גענומען איינפירן ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטישע אויסראָטונגס־מעטאָדן אין פוילן.

וואָס ווייטער איז געשען, דאָס ווייסט יעדער. פוילנס „טרייער שותף‟ — דייטשלאַנד, איז אָנגעפאַלן אויף פוילן, באָמבאַרדירט, געהרגעט געממיתט, געשענדעט, געברענט.

אויך מיין ליב, טייער שטעטעלע ניטאָ מער...

און איך פאַרמאַך די אויגן, שטרענג אָן מיין זכרון נאָכאַמאָל צו זען מיין שטעטעלע, אַזוי ווי איך האָב עס אַזויפיל מאָל געזען, אַזוי ליבלעך־נאָענט. און דאָס בילד קומט, עס וואַקסט אויס גרויס און גרעסער, שיין און שענער, הייליק און ריין...

און — ניטאָ מער...

שטייט אויף פאַר מיינע אויגן דער אַמאָל, דאָס פאַרגאַנגענע, די נעכטן געוועזענע, יידן — פעלזן־פעסט אין זייער אמונה, עקשנות, מסירת־נפש, פאַרפייניקטע, אומגעקומענע ערגעץ־ווו מיט א־ח־ד אויף די ליפּן...

האָב איך טענות צו זיך אַליין: דו האָסט אַזוי אָפט געגאַרט אַהיים, תמיד געגרייט זיך צו דער נסיעה, פאַרוואָס ביסטו ניט צוריק געפאָרן?

פאַרשפּעטיקט, יאָ פאַרשפּעטיקט!...

ווייטיקט מיין האַרץ, יאָמערט מיין האַרץ, עס טוט אַזוי ביטער ווײ...

קדושים וטהורים!

אויסגעליטן שאַנד און עלנט און...אכזריותדיקן־טויט, און דאָס אַלץ צוליב דעם גלויבן, צוליב דעם נאָמען פון גאָט, צוליב דעם אָפּשטאַם, דעם הייליקסטן אָפּשטאַם...

יתגדל ויתקדש!...

האָלענדער יוסף מנחם געבוירן 11.10.1896 אין בארניוו, זון פון אברהמ׳לע ראש בית־דין אין רודניק אין שפּעטער ראש ישיבה אין וויזשניץ און טאָרנע, מחבר פון ספר „תפארת אברהם‟. 1915 באזוכט די הילדסהיימער ראבינער־שול אין בערלין; שפּעטער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה די קאַדעטן־שול אין טראָפּוי, בעהמען. געשריבן קאָרעספּאָנדענצן פון דער מלחמה־צייט אין דער ווינער „יידישער מאָרגנפּאָסט‟. אין י. 1918 ארויסגעגעבן אין ריישע צוזאַמען מיט לעאָן וויזענפעלד „די יידישע פאָלקס צייטונג‟; מיטגעארבעט אין לעמ־

בערגער "טאָגבלאַט", קראָקעווער "צייט" אין אנדערע זשורנאַלן. סוף 1919 אוועק פון פוילן. רעדאַקטירט אין קעלן א "יידישע ביילאַגע" צו דער Jüdische Woche, פאַרעפנטלעכט לידער און אַרטיקלען אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער פרעסע. געווען פאָרזיצער פון דער צעירי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד. שפּעטער באַזעצט זיך אין פראַנקרייך. געווען א סאך צייט לערער פון העברעיש און מיטגעאַרבעט אין "אונזער וואָרט". געשטאָרבן אין י. 1950 אין פראַנקרייך.

די זכרונות פון באַראַנאָוו גענומען פון צווייטן אין דריטן נומער "אילוסטרירטע פאָלקסבלעטער" וואָס זענען דערשינען אין פאַריז אין 1945.

א. נחליאל

א שטעטל געווען...

בארניוו איז געווען א קליין שטעטל צווישן צוויי גרעסערע שטעטלעך — טארנאָבזשעג (דזשי־קאָוו) און מיעלעץ, און ארום פיל דערפער, קלענערע און גרעסערע. אין די גרעסערע האבן געוווינט עטלעכע יידישע משפחות — זעלטן ווו א מנין יידן (פאדעוו און מיידאַן). זיי האבן זיך באשעפטיקט טיילווייז מיט לאנדווירטשאפט, טיילווייז מיט האנדל. בארניוו איז נישט געווען קיין מיאוס שטעטל — די גאסן גלייכע, די הייזער בדרך כלל פון איין שטאָק און פעסטע, הן פון ציגל הן פון האלץ. קיין איינגעבויגענע און האלב־איינגעזינקענע הייזער, ווי די קלאסישע הייזלעך אין אמאליקע יידישע שטעטלעך — האט מען אין בארניוו נישט געזען. בכלל פלעגט מען זיך אין בארניוו באריִמען, אז אין גאליציע זענען די שטעט שענער ווי אין קאָנגרעס־פוילן, א ראיה — אָשיק, א טל־ומטר שטעטל אויף דער צווייטער זייט ווייסל, וואס איז געווען מער דאָרף ווי שטעטל.

בארניוו האט געהאט פיל גרינס, פארשטייט זיך — מער ארום דעם שטעטל ווי אין אירע גאסן. די קשעמעניץ — פון איין זייט מיט אירן היי־באוואקסענעם וואל, בוימער און לאָנקעס, ווייטער די ווייסל מיט אירע ריזיקע, געדיכט באוואקסענע שטחים מיט קשאקעס, גרויסע סאָסנע־וועלדער אין דער צווייטער זייט שטעטל אויפן וועג קיין וואָליע און ווייטער. צום שטעטלס אויסזען האט אויך צוגעגעבן פיל דער הויף פון דעם פריץ דאָלאנסקי מיט זיינע גערטנער און גרויסן שלאָס, וואס איז געווען — ווי מ׳האָט געזאָגט — פון די שענסטע אין פוילן.

ווי ענלעכע שטעט אין גאליציע, האָט בארניוו געהאט איין הויפטגאס, וואָס האָט זיך געצויגן נאָענט פון דאָלאנסקיס הויף אריבער דעם מארקפלאץ און זיך פארענדיקט מיטן שאָסיי, וואס האט געפירט צום וואָקזאל. די דאָזיקע גאס איז געווען כמעט א יידישע, אחוץ די שפיצן פון ביידע זייטן, וואס זענען געווען באוווינט מיט גויים. דער מארק פלאַץ אליין, א פירעקיקער מיט גוטע ציגל־הייזער, איז געווען דורכאויס יידיש, מיט געשעפטן, שענקען און אינסטיטוציעס (צווישן זיי די גמינע, ד. ה. דער שטאָט־ראט, די ליי קאסע א. א. וו.). אין צענטער פון מארק פלעגן זיך פארזאמלען די פויערישע וועגענער בעת די ירידים, אָדער זונטיק, קומענדיק אין קלויסטער (קירכע).

פאראלעל צו דער הויפטגאס האָבן זיך געצויגן צווי הינטערגעסלעך מיט צעוואָרפענע הייז־לעך און אסך ליידיקע פלעצער. צווי אנדערע גאסן זענען ארויס פון מארקפלאץ אין צווי פארקערטע ריכטונגען: — איינע דורך דער שקאָלע און קלויסטער, אין דער ריכטונג צום דאָרף מיטראָווו, און די צווייטע אין דער ריכטונג צום סטאַוו, וואָס האָט זיך גערופן וויסלאָנג. די לעצטע צווי זענען געווען כמעט גוישע גאסן. אחוץ דעם זענען געווען עטלעכע האַלבע געסלעך, דאָ און דאָרט מיט הייזער, אָדער בלויז פון איין זייט. דער שטח פון דאָלאנסקיס הויף איז געווען א קווארטאל פאר זיך. אחוץ דעם דערמאנטן שלאָס, וואס איז געשטאנען אין א גרויסן גאָרטן, דעם עקאָנאָמס הויז און אנדערע הייזער פון דער דינערשאפט, שטאלן, שפייכ־לערס א. א. וו., איז דאָרט געווען א וווין־צענטער פאר די "פאראָבקעס", די שווארצע ארבעטער פון דאָלאנסקי, א פלאץ וואס איז באקאנט געווען מיט זיין גרויסער ארימקייט.

אלע גאסן פון בארניוו, ווי איך געדענק, זענען נישט געווען ברוקירט און נאך די רעגענס איז דאָרט געבליבן א טיפע פעטע בלאָטע, אויף וועלכער ס"האבן געטאָפטשעט די פוסגייער, זוכנדיק טרוקענע "אינזלען" פאר זייערע טריט; נאָר די הויפט־גאַס געהאט א שאָסיי, געבויט פון שטיינדלעך, אָבער אויך דאָרט האָט זיך אָנגעזאמלט א לויזע בלאָטע נאך א שטארקן רעגן. טראָטוארן זענען נאָר אויפן מארקפלאץ, און טיילווייז אין דער הויפטגאס. פון קאנאליזאציע האט — פארשטייט זיך — בארניוו נישט געוווּסט. לענגאויס די גאסן זענען געווען אָפענע קאנאלן, אמאָל גאנץ טיפע, איבער וועלכע עס זענען געלעגן קליינע הילצערנע בריקלעך. די קאנאלן האָבן געדינט אויף אָפצופירן דאס רעגן־וואסער אין דער וויסלאָנג אריין: דאָרט האָבן אויך די באלעבאָסטעס אויסגעגאָסן זייערע וויאַדרעס אָדער בעקנס מיטן שמוציקן וואסער. אנדערע האבן עס געגאָסן אין הויף אריין. די קלאָזעטן זענען געווען פרימיטיווע און דער גוי יוזעק מיט זיין ספעציעלן וואָגן פלעגט פון צייט צו צייט אויסליידיקן זייערע קעסטלעך.

אויך קיין עלעקטריש ליכט איז נישט געווען, כאטש אין נאענטן הויף פון דאָלאנסקי איז עס שוין געווען לאנגע יאָרן. די דירות האט מען באלויכטן מיט נאפט־לאָמפן — קלענערע און גרעסערע. ביי גבירים האָבן זיך געפונען "בליץ"־לאָמפן פון ניקל, אויך אָף נאפט, אָבער זיי האָבן שענער געברענט. אין די גאסן זענען אמאָליקע צייטן אויך געווען נאפט־לאמטערנס, שפעטער האָט מען איינגעפירט גאז־לאָמפן, וואס פלעגן אָבער אָפטמאָל קאַליע ווערן.

די דירות פון "עמך" זענען בדרך כלל געווען איין־צימערדיקע, אָפטמאָל גאָר גרויסע. אויב עס זענען געווען צוויי, האט מען אין צווייטען צימער געהאלטן פארשידענע כלים, אָדער פראָדוקטן; א סאדאָווניק — זיינע עפל, א מילכיקער — די קאנען מילך; אנדערע האָבן דאָרט פארקויפט די גוים וואס זיי האבן געהאט צו פארקויפן. די מער פארמעגלעכע האבן געהאט אמאָל נאָך א צימער אָדער א צימערל. א גרויסע נוץ האָבן אלע געהאט פון די בוידעמס, ווו מ'האָט געהאָנגען די וועש צו טרוקענען, געהאלטן דאס פסחדיקע געפעס, שטרוי, אלטע כלים און געצייג, אָפטמאָל א הינדל און פרוכטן — פרישע אדער געטרוקענע.

ס'איז אפשר איבריק צו זאָגן, אז בארניוו האָט נישט געהאט קיין וואסערלייטונג. געווען

דירות, וואס האָבן געהאט קליינע ברונעמס מיט פּאָמפּעס צום צאַפּן וואסער — אין די קיכן. אנדערע האָבן געמוזט נעמען וואסער אין די הויפן, ווו עס זענען געווען אָפענע ברונעמס מיט קייטן און "שעפּאלעך", וואָס מ'האָט אראָפּגעלאָזט טיף און ארויפגעצויגן דאָס וואסער. אויפן מארקפּלאַץ זענען געשטאנען צוויי גרויסע ברונעמס מיט פּאָמפּעס, ווו ס'האבן געשעפּט וואסער די נאך ווייניקער גליקלעכע באלעבאָסטעס און עס געטראגן אָפּטמאָל גאנץ ווייט. די קיכן און דאָס ברען־מאטעריאַל זענען אין בארניוו פארשידענע. ווינטער האט מען געווענלעך געקאָכט אויף א קיך פון אייזערנע פּלאטן, וואָס מ'האָט אונטערגעהייצט מיט האלץ אדער שטיינקוילן — מיט דעם האָט מען שוין אָנגעווארעמט די שטוב. זומער האָבן אסך געקאָכט אויף אן אייזערנעם דרייפוס, וואָס איז געשטאנען אויף א ציגל־באזיס. מען האָט געברענט מיט האָלץ און דער רויך איז ארויס דורך דעם ברייטן און הויכן קוימען, איבער דער קיך. אנדערע האבן געקאָכט אויף א פּרימוס, וואס איז נישט זייער געווען פארשפּרייט.

בארניוווער פרנסות

בארניוו איז נישט געווען אנדערש ווי אנדערע יידישע שטעטלעך. די הויפּטבאשעפטיקונג פון יידן איז געווען מסחר אין פארשידענע בראנזשעס. אויפן ערשטן פּלאַץ: שפּייז־קראָמען, יאטקעס, שניט־געשעפטן, גאלאנטעריע, אייזן, לעדער, אויך א הוט־געשעפט, געשיר און ערדענע טעפּ, שרייב־מאטעריאַלן און ספרים, טאבאק און סאָדא־וואסער. עטלעכע שענקען זענען געווען אין בארניוו, ווו די פּויערן האבן געטרונקען זייער גלעזל וואָדקא, און איין האטעל. קיין פאבריקן זענען נישט געווען אין מיינע צייטן. פון צייט צו צייט פלעגט א ייד פּראָדוצירן אזעלכע ארטיקלען, ווי זייף, בראָנפן אדער פּאָווידלע. צומיינסט אין געהיים (נישט האָבנדיק קיין דערלויבניש פון דער מאכט) און אויף א פּרימיטיוון אופן.

עס זענען דא געווען א ביסל בעלי־מלאכות, דער עיקר שניידערס, — דאכט זיך, אז איין שוסטער, איין סטאליער, איין זייגערמאכער, איין פריזירער, עטלעכע בעקערס און מילכיקערס. פון די פרייע פּראָפעסיעס איז געווען אין בארניוו איין־איינציקער יידישער דאָקטאָר־מעדיצין. (דער צווייטער דאָקטאָר, דער אַפּטייקער און אלע לערער זענען געווען קריסטן). די רשימה פון די פּראָפעסיעס קאָן מען פארענדיקן מיט צוויי בעלי־עגלות, וואס האבן געפירט די פּאסאַזשירן צו דער באן־סטאציע, דעם בעדער, דעם שמש, דעם היטל־מאכער, דעם בלעכער און דעם טרעגער. צו נייע פּראָפעסיעס האָט מען זיך אין בארניוו זעלטן גענומען. די זין פלעגן איבערנעמען זייערע פאָטערס געשעפטן, אָדער אוועק אין אנדערע שטעט נאָך דער חתונה; געווען אויך א טייל, וואָס האָבן געפירט אזעלכע נישט־שטאבילע, צייטווייליקע געשעפטן, ווי — אויפקויפן אייער און תבואות, פירן קעלבער און גענדז קיין קראָקע, האנדלען "טריפה" מיט סאכארין, א. א. וו. געווען יידן מילכיקערס און מלמדים, גענזלערס אין ווינטער און סאדאָוויניקעס אין זומער, גאלאנטעריע־פארקויפער אין דער פראָנט־קראם און "ליפעראנטן" פון "ביטערן טראָפּן" צו די פּויערים אין הינטער־שטיבל.

אין מיינע צייטן האָבן זיך שוין אסך יונגערמאנטשיקעס ארומגעדרייט ליידיק און גאָרנישט געטון, נאָר געלייענט צייטונגען, גערעדט פאָליטיק און געלעבט אויפן טאטנס קעסט — שוין דאן האָבן זיך די פרנסה־קוואלן גענומען אויסשעפן.

קולטור־געזעלשאפטלעכע אקטיוויטעט

דער "חדר" איז — פארשטייט זיך — געווען דער קערן פון דער יידישער עלעמענטארער בילדונג. די יינגלעך זענען געגאנגען אין "חדר" און אויך אין דער אלגעמיינער רעגירונגס־שול. קיין מיטל־שול איז אין בארניוו נישט געווען. ווייטערע בילדונג האָט מען דערגרייכט אין בית־המדרש און דורך ביכער. דער בית־המדרש איז זיכער געווען דער צענטער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. יונג און אלט האָבן דאָרט פארברענגט זייערע אָוונטן, און טיילווייז די טעג ביים דאווענען, לערנען, הערן נייעס און רעדן וועגן פאָליטיק. אמאָל פלעגט קומען א דורכפאָרנדיקער חזן אדער בעל־דרשן און געוויילט דעם עולם; רעדנער ציוניסטישע און אנדערע האָבן אויך גענוצט דעם בית־המדרש־בעלעמער אלס בינע.

דער ציוניסטישער לאקאל "בית יהודה" איז געווען דער הויפט־צענטער פון דער יוגנט. דארט זענען פאָרגעקומען פון צייט צו צייט נאציאנאלע און קולטורעלע אָוונטן אין וואָרט און געזאנג, אמאל אויך טעאטער־פאָרשטעלונגען פון אָרטיקע אמאטאָרישע כוחות. איך געדענק, אז די פרומע קרייזן האָבן ארויסגעוויזן א שטארקע קעגנערשאפט צו די פאָרשטעלונגען (צוליב דעם אָנטייל פון מיידלעך); זיי האבן זיך פארזאמלט אין גאס, געשריגן און געפרוווט שטערן.

דער פאריין האט אויך פארמאָגט א פיינע ביבליאָטעק. א גרויס געוויכט האָט מען אין יענער צייט געלייגט אויף די וואלן צום פוילישן סיים, דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, און דער עיקר — צו דעם קהילה־ראט. לאנגע יאָרן האָט זיך געפירט א קאמף צווישן די ציוניסטן און די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן געהאט די מערהייט אין דער קהילה. דעם זיץ־פלאץ פון בית־המדרש־באנק, וווּ ס'איז תמיד געזעסן דער ראש־הקהל יאָשע גאנס, האָט מען אויסגעשמירט מיט טער און שפעטער אויסגעשניטן מיט א זעג. ער איז דאן אוועק אין רבס שטיבל. ארום רב, ר' אביגדור, האבן זיך גרופירט די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן. דער רב, א תמימותדיקער ייד, אָבער מיט אָ הדרת פנים, א גוטער בעל־תפילה אין די ימים־נוראים, — האט דורך זיין האלטן זיך מיט דער עקסטרעמסטער גרופע, אסך אנגעווווירן פון זיין פאָפולאַריטעט און געליטן בזיונות.

חוץ דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע מיט אירע פראקציעס האבן קיין אנדערע פארטייען אין שטאָט נישט עקזיסטירט; כמעט אלע פרומע יידן זענען געווען אימפארטייאיש. יעקל קלמן דעם בעדערס זון, האט אמאָל געפרוווט אָרגאניזירן אן "אגודת ישראל". אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען. אגב, ביי די וואלן צום סיים האָט ער אגיטירט פאר דער "אגודה". האבן אים די ציוניסטן אין טאָג פון די וואלן "איינגעזעצט" אין הויז־ארעסט, און אים נישט ארויסגעלאָזט אויף דער גאס; אָבער אים אליין האָבן זיי געלאָזט וועלן, פירנדיק אים מיט א "וואך" צו דער אורנע און צוריק...

עס זענען געווען אויך א פּאָר סאָציאַליסטן, א טייל אפילו גאנץ לינקע, אָבער זיי האבן נישט געהאט קיין בולטן איינפלוס.

ביי וואָס האָט מען אין בארניוו פארברענגט די פרייע צייט? יידן־לערנערס האָבן נישט געהאט קיין פרייע צייט; דאָסזעלבע אויך בעלי־מלאכות און קרעמערס. מ׳האט פארבראכט א שעה־צוויי פרייטיק אין שוויץ־באָד; זומער אמאָל געגאנגען זיך באָדן אין קשעמעניץ־טייך און אין אָוונט אביסל שפאצירט אין געסל, געשעפט לופט. דער בית־המדרש האט — ווי געזאָגט — געדינט צו הערן נייעס און כאפּן א שמועס. די יוגנט האט געהאט גענוג צייט. קיין קינאָ איז אין בארניוו נישט געווען, פאָרטראָגן זעלטן ווען, און טעאטער־פאָרשטעלונגען — גאָר זעלטן, — האָט מען געלעזן ביכער און צייטונגען: עס זענען געווען אפשר 10 עקזעמפּלאַרן "היינט" פון ווארשע און א צוויי פון דער קראָקעווער צייטונג "נאָווי דזיענניק"; שפּעטער זענען דאָרט געווען איינער אדער צוויי נומערן "טאָגבלאַט" פון "אגודת ישראל".

די יוגנט, בחורים און מיידלעך, האבן אסך שפּאצירט. אין די ווינטער־אָוונטן האָט מען געשפּילט אין קאָרטן. געווען פאלן, ווען מ׳האָט אין בארניוו אָרגאניזירט שפּילן אין פוסבאל, אָבער דאָס אויך זייער זעלטן. ס׳איז כדאי צוצוגעבן, אז די געזעלשאפטלעכע באציונגען צווישן די יידן און גויים אין בארניוו זענען געווען זייער באשרענקט. אין די ווינציקע פייערונגען און פאָרשטעלונגען אין פוילישן "סאָקאָל־זאל, אין די פון די קריסטן אָרגאניזירטע טאנץ־אָוונטן, האָבן זיך יידן כמעט נישט באטייליקט.

חיים שאלער ז״ל

די הייזלעך און זייערע באוווינער

ווען דו האָסט אדורכשפּאַצירט זיך פון בית־המדרש מיטן הינטער־געסל אין דער הויף־גאס צום הויף פון הראביע דאַלאנסקי, האָסטו אָנגעטראָפן אויף א ריי הילצערנע הייזלעך: פונעם רב, ר׳ אברהם שמחה, שפּעטער זיין זון ר׳ איטשאלע האראָוויץ, ר׳ חיימל שוחט, יעקל פונק, ישראל אברהם פענסטער, שמחה קאַץ, שמואל חיים יוסף. . . . , איטשע פונק, ר׳ פישל וויינרעב און דאס הויז פונעם דאָקטער מעדיצין און פרויען ספּעציאַליסט, ד״ר יעקב מעלער. הינטער די אלע הייזקעס אין זייער רוקן האט אדורגעפלאָסן א טייך מיטן נאָמען וויסלאָנג, אָן וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעלענט, הגם דער ברעג איז געווען א הויך־געהויבענער.

סאיז כדאי אָפּצושטעלן זיך אויף די דאָ אין דער ריי וווינענדיקע יידן: יעקל און איטשע פונק; צוויי ברידער זענען זיי געווען, אָבער — לא ראוי זה כראוי זה — נישט קיין פארגלייך איינעם צום צווייטן; זיי זענען געווען ממש כרחוק מזרח ממערב;ביידע נידריק געוואקסענע, ביידע שניידערס. זייער נייען איז באשטאנען מערסטנטייל אין פארלאטען די בעל־הבית׳ישע בריסטלינע בעקעשיס. אזוי ווי דער ברודער איטשע איז געווען באמיט זיך מפרנס זיין אויס־שליסלעך פון זיין שניידעריי — מ׳שטיינס געזאָגט — האָט זיין ברודער יעקל געצויגן זיין עיקר חיונה פון א צווייט פאך־קענטעניש — ער איז געווען שטאָט־קברן; אָבער נישט בלויז דאָס; ביי מאנכע משפחות איז ער ביי א נפטר־פאל געווען אויך — ווי מ׳רופט דאָס אויפן היינטיקן לשון — א ״קבלן״, היינו: פארשאפט לייוונט אויף תכריכים, ברעטער אויף אן ארון, ערדערנע טעפּ פאר דער טהרה און נאָך אזעלכע זאכן. א טבע האט ער געהאט צו פונקלען מיט זיינע קליינע אויגעלעך — זיין ביינאמען איז דאך געווען ״פונק״. נאָך דער קבורה, צוריק־קומענדיק פון בית־הקברות אין דער אבלים־שטוב, צו האלב־רעזיגנירטע, צוזאמענגעבראָכענע מענטשן, פלעגט ער איינמאָנען זיין באלוינונג. אויף דער שאלה, וויפיל עס קומט אים, — נישט קענענדיק קוקן די געליטענע גלייך אין די אויגן צוליב דעם אויפגעבלאָזענעם באטרעף, וועלכן ער האט זיך געגרייט צו פארלאנגען — האט ער געגעבן א פונקל מיט די אויגעלעך, א שנאָרך צו מיט דער נאָז און דערצו נאָך א הויב געטון מיט די פלייצעס — א ברירה איז פאראן אין אזא צייט?!. . .

אן ערשיטערנדיקן איינדרוק האָט עס געמאכט אויף קינדער, וואָס האָבן קוקנדיק מיט זייערע

אויגן פון 8–10 יעריקע, אויף וואָס פארא אופן יעקל פונק פארקאַטשעט זיך די העמד־ארבל נאָכן פארענדיקן דאָס נייען די תכריכים, טוט זיך א נעם צו דער "טהרה" ביי געשטאָרבענע קינדער. ער טוט דאָס מיט א רחבתהדיקייט און זיינע שנעל־באַוועגלעכע אויגעלעך ווייזן ארויס ווי עפעס א האלב־פארדעקטע שמחה — דאס האט געמאכט אן איינדרוק אויף יונגע מענטשן, גלייך ווי לעבן און טויט ליגט אויסשליסלעך אין זיינע הענט... אָט איז ער דאָס דער מלאך־המוות. אין ערשטן טאָג פון אבלות, ווען די שווער געטראָפענע האָבן געזעסן כמעט דעם וועלט־אונטערגאנג, האָט דערזעלבער יעקל פונק געפילט ווי א יום־טוב־טאָג, ארומגעטראָגן זיך מיט אן אויפגעבלאָזענער קעשענע מיט "קלינגערס", וועלכע ער האָט קיינמאל נישט די זכיה דאס צו דערלעבן ביי זיין שניידעריי; נייען פאר א טויטן איז געווען ביליכער ווי פאר א לעבעדיקן...

א שריט ווייטער ביסטו צוגעקומען צו דער הייזקע פון ישראל אברהם טרעגער — א תהלים־ייד... א הויכער און גראָד־געוואַקסענער ווי די ארזי־הלבנון־טענענבוימער. נישט מער און נישט ווייניקער ווי דריי פרנסות האָט ער געהאט, און האָט טאקע געהאט צו עסן ב י ז ן מויל; די דריי פרנסות זענען באשטאנען פון טרעגעריי, סאדאָווניק — ער האט געהאלטן אין פאכט דעם מיוחסדיקן סאָד פון קריסט מאגארעצקי נעבן דער אפטייק; מיט דעם אויבסט פלעגט ער זיך שטארק גרויסן, און דערצו נאָך געווען א — מוזיקער, ביי א חתונה — א קלעזמער, א פויקער. אין א חתונה־טאָג איז ער שוין זיכער געווען מיט פרנסה, — עסן און טרינקען האָט דאָך נישט געפעלט...

א שטיק פויק האָט ער געהאט — ככתוב. א ריז, אזוי ווי עס פאסט טאקע פאר א טרעגער, — צוויי קלאָפערס פון ניט שווערן, גראבן־האָלץ, מחמת נאָטן — האָט געקענט א צווייטער — נישט ער, — האט ער געהאט א באפעל — בעסער ווייניקער קלאָפן אין פויק, און אין דעם פרינציפ האט ער טאקע שטארק מדקדק געווען. ווי געזונט ער האט א זאַק, א קאסטן געטראָגן, אזוי איז אויך געווען זיין שטים.

טיפער אין שמאָלן געסל אריינגעקוועטשט האט געוווינט אין א האלב־פינסטער שטיבל אהרן זעליג באס, א תהלים־ייד, פון דער משפחה טרעגערס; א הויך־געוויקסיקער, די נאָז מיט האָר ווי מיט מאָך באוואקסן, אפילו נישט פון דעם סארט מענטשן וועלכע ווילן זיך ווייזן פאר כלומערשטע חכמים; א קורצזיכטיקער; מיט עברי איז עס ביי אים געגאנגען גרידנע, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין — אויסלאָזן די צוויי לעצטע פסוקים פונעם קאפיטל איז געגאנגען גלאַטיק ווי די שארף פון שוחטס חליף. האט קיין טעות נישט, אז ער האָט געזאָלט האָבן ווייניקער פרנסות ווי ישראל אברהם, ס'איז נאָר געווען א שטיקל אונטערשיד — אנשטאט אויף א פויק, האט ער געשפילט אויף א באַס; גערופן האט מען אים טאקע אהרן באס. אויך ער איז נישט געווען קיין אנהענגער פון קענען מוזיק־נאָטן, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהאלטן פארעקשנט, נישט אָנצושטרענגען דעם סמיטשיק — א צי געטון אים אהין און צוריק ביי יעדער טאָן־ענדערונג פונעם פאַרשפילער; מיט דעם באס האָט זיך נאָר געקענט א טרעגער אן עצה געבן...

אויב מיר זענען שוין עוסק מיט די פאַכן: טרעגעריי און מוזיק, איז כדאַי אַ שפּרונג טאָן אַריבער צו דער הויף־גאַס, וווּ עס האָט געוווינט בערל טרעגער. ביי אים האָט נישט דערצידירט דאָס גוטע עסן, וואָס איז ווייט נישט געווען בשפע, עס האָבן אויך נישט געשוירקט די ברייטע פּלייצעס, וועלכע ער האָט נישט געהאַט און אויך נישט דער הויכער וווּקס (וואָס ער איז נישט געווען), — ער איז פּשוט געבוירן געוואָרן אַ טרעגער — הרגל נעשה טבע. אַ תהלים־ייִד אַ פרומער — אויך ער האָט געהאַט דיזעלבע דריי פּרנסות, און אַלע דריי האָבן ווייט קיין פּרנסה נישט געבראַכט. מיט דער כלי נגינה איז בערל טרעגער שוין געשטאַנען אויף אַ בעסערער מדרגה — ער איז שוין געווען אַ פידלער, אַ לייכטערע כלי האָט ער געהאַט צו טראָגן, אָבער אויך ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט דעם סמיטשיק צו באַוועגן אַהין און צוריק; נאָטן האָט ער נישט געלעזן, ווייל אין זיי איז נישט געווען צו זען — נישט קיין אלף און נישט קיין בית...

צבי מיץ

בארניווער בית־המדרש

ווי קליין דאָס שטעטל איז ניט געווען און ווי ווייניק יידן ס׳האָבן דאָרט לעצטנס געלעבט, האט עס אָבער פארמאָגט א גרויס און שיין בית־המדרש, אין וועלכן עס האָבן געקענט אריין 5–6 מאָל אזוי פיל יידן, ווי ס׳איז אין דער ווירקלעכקייט געווען. אין דעם שטעטל זענען געווען פון אלע מינים חסידים, אָבער ״שטיבלעך״ אזוי ווי אין אנדערע יידישע קהילות — זענען דאָ נישט געווען. אלע יידן פלעגן זיך צוזאמענקומען אין דעם גרויסן בית־המדרש. אויסערדעם איז נאָך געווען א מנין ביים רב.



סיוד בית־המדרש (1938) — מ׳קאלעכט דאָס בית־המדרש

ספרי־תורות האָט בארניוו פארמאָגט זייער פיל. אז ס׳איז געקומען שמחת־תורה, האָט מען זיך דאָ נישט געדארפט קריגן וועגן דער ערשטער ״הקפה״, ווייל כמעט יעדער ייד האָט געקענט קריגן די ערשטע הקפה. געווענלעך פירט זיך, אז ביי יעדער הקפה רופט מען אויס, אז דעם

און דעם איז מען מכבד מיט איר, און דאָס רופט ארויס אומצופרידנקייט און ס׳קומט טיילמאָל צו מחלוקתן. אין בארניוו דאַקעגן האָט מען נישט מכבד געווען און נישט אויסגערופן די בעלי־בתים צו דער הקפה, נאָר דער שמש האָט געעפנט דעם ארון הקודש און אויסגערופן, אז ווער עס וויל א הקפה, זאָל קומען און אליין זיך נעמען א ספר תורה; אזוי ארום האָט דאָס אויפגעהערט צו זיין א סיבה צו א מחלוקת. אלע ספרי תורות זענען ארויסגענומען און צעטיילט געוואָרן דורך די יינגלעך צווישן די מתפללים, אָן קריגערייען און אָן פארדרוס. יעדער ייד איז געווען צופרידן און דער יום־טוב שמחת־תורה איז געווען אן אמתער טאָג פון שמחה. בארניוו האָט געמוזט זיין אמאָל א גרעסער שטעטל, די ספרי־תורות האָבן דערויף עדות געזאגט. אזוי פיל ספרי־תורות האָב איך אין קיין שום בית־המדרש נישט געזען.

אין די אמאָליקע יאָרן זענען דאָ געווען פיל לומדים, וואָס זענען געזעסן יומם ולילה און געלערנט תורה. קיין ישיבה איז אין בארניוו נישט געווען, נאָר מ׳האָט געלערנט אין בית־המדרש. מ׳האָט אליין געלערנט — טיילמאָל אין בחור מיטן צוויטן; ס׳איז געווען שווער געגוג, אָבער מיט א גוטן ווילן האָט מען אויך עפעס דערגרייכט. אסך מאָל האָט געפעלט דער מלמד, דער ראש־ישיבה, וועלכער זאָל אונדז ווייטער פירן, און ווען ס׳האָט זיך שוין יאָ געטראָפן עמעץ פון די בעלי בתים, וואָס האָט געוואָלט ארויסהעלפן, זענען זיי געשטערט געוואָרן פונעם רב, ווייל די בית־המדרש־בחורים האָבן שוין געהייסן ״קאליע געוואָרענע״, מחמת זיי האָבן זיך באשעפטיקט מיט ציוניסטישער ארבעט און געלייענט ספרים חיצונים...

חברת ״קנין ספרים״

שוין זייט יאָרן איז געווען דאָ א חברה ״קנין ספרים״, מיט וועלכער די בחורים פון בית־המדרש האָבן אנגעפירט. יעדן פרייטיק איז מען געגאנגען צוזאמענקלייבן געלט, וואָס יעדער בעל־הבית האָט זיך מתחייב געווען צו געבן. פאר דעם געלט האָט מען געקויפט גמרות און אנדערע ספרים, אין וועלכע מען האָט זיך גענויטיקט. בריווח ספרים איז דאָ קיינמאָל נישט געווען. נישט איינמאָל איז געקומען צון א קריגעריי איבער א גמרא. די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקייט פארן איינקויף פון די ספרים און בכלל פאר אלע געלט־ענינים האָבן אויף זיך גענומען די דאָזיקע בית־המדרש יינגלעך. אין בית־המדרש איז געהאָנגען א טאָוול מיט די ווערטער: ״חרם קדמוני שלא להוציא ספרים מבית המדרש״...

דער בארניוווער בית־החיים

וועגן בארניוווער בית־החיים האָט מען תמיד געשמועסט, אז ער איז זייער אן אלטער. אין יאָר 1934 האָט די בארניוווער געמיינדע (נישט די יידישע) געקריגן אן אויפטראַג, איבערצושרייבן אלע ארכיוו־מאטעריאַלן וואָס זי באזיצט. צו יענער צייט איז אין בארניוו געווען נאָר איין שרייב־מאשין — אין דער יידישער באנק, וווּ איך און מיין ברודער ז״ל האָבן געארבעט. מיר האָבן באקומען מאטעריאַל צום איבערשרייבן. מיין ברודער ז״ל האָט זיך איבערגעלאָזט א

קאָפּיע פון די ארכיוון און מיר האָבן דאָ געפונען זייער אן אינטערעסאנטן מאטעריאל וועגן בארניוווער בית־החיים, דאטירט — ווי מיר דוכט זיך — נאָך פון יאָר 1328 (?): מ׳האָט דעמלט געשמועסט, אז פאר העכער 600 יאָר האט די יידישע קהילה אין בארניוו געקויפט דער פלאַץ פונעם בית־החיים פאר א פּאָר טויזנט ליטער אייל.

אין די ארכיוו־מעטעריאלן איז געווען באמערקט, אז דער בית־החיים געהערט דער בארניוווער יידישער קהילה, אָבער דאָס שטעטל אָשעק האָט א רעכט צו באערדיקן דאָ זייערע מתים אן א אָפּצאָל.



בית הקברות

בארניוו האט ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו עסטרייך און איז געלעגן פון איין זייט ווייקסל, וועלכע איז געווען די גרענעץ; אויפן אנדערן ברעג פון טייך וואָס איז געווען שוין רוסלאנד, איז געלעגן דאָס קליינע שטעטעלע אָשעק. אבער אין אומאָפּ־הענגיקן פוילן — ביזן 1772 יאר — האבן ביידע שטעטעלעך געהערט צו דער צוויזמער וואָיע־וואדשאָפט. דאָס שטעטל אָשעק האט געהאט די פריווילעגיע — נאָך פון קעניג זיגמונט III, פון 4.6.1605, וואָס האט ניט דערלויבט די יידן צו באַזעצן זיך דאָ, און די קריסטן צו פארקויפן יידן הייזער.

לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, אז אין פרט בית החיים האבן די אָשעקער יידן געמוזט אנקומען צו דער באראניוווער קהלה.

שמואל בן חיים שלר

מתוך שיחות עם ישישי בארניב

תולדותיו של היישוב היהודי בבארניב במאה ה־19 קשורות קשר הדוק לחסידות בשיטתה הגאליצאית ובמיוחד לבית רופשיץ, שצאצאיו ישבו על כס הרבנות עד לשואה. בנו של הצדיק ר׳ נפתלי מרופשיץ, ר׳ אליעזר׳ל, התיישב בדז׳יקוב (טארנובז׳ג) ובניו, נכדיו וניניו "כבשו" את כיסאות הרבנות והאדמו״רות בכל האיזור שבין הנהר סאן לבין הגבול הרוסי שעל הנהר ויסלא. על פי רוב חפף אצלם התפקיד של מרא־דאתרא את זה של אדמו״ר. לכל החיים היהו־דיים, הציבוריים ואף האישיים יוחד צביון חסידי מובהק. ולא זו בלבד, שניכר היה הצביון החיצוני, כי אם הלך מחשבותיו והרגשותיו של כל יהודי בבארניב, עבודת הבורא שלו, שמחתו ואבלו, רוממות רוחו ורכילותו להבדיל — הכול התרכז סביב לחסידות וקדושיה, הרביים. בבארניב ובכל איזורה היוותה החסידות את הפירוש המוסמך היחיד להלכה, ומנהיגיה סטו לעתים מן הכתוב ב״שולחן ערוך״. אין אפוא פלא, כי זכרונותיהם של ישישי בארניב, ייבדלו לחיים, קשורים בעיקרם לרבני העיירה, לאדמו״ריהם של סאנז, של צ׳ורטקוב או של בלז, למעשי נסים ונפלאות, לסכסוכים בין חסידי חצרות שונות וכד׳. נושאים אלה הרטיטו את נפשם בימי נעוריהם ונחרתו בזכרונם עד עת זקנתם.


על אותה התקופה סיפר לי ר׳ בייניש דינסטאג:

"מה היו חייה של בארניב לפני ש"כבש" אותה בית רופשיץ? הרביים והדיינים שלה? זאת אין זוכרים, כאילו האמור בתקופה פרהיסטורית...רק זאת יודע ר׳ בייניש לספר, כי בימי ר׳ אליעזר מדז׳יקוב, ישב בבארניב ר׳ יצחק׳ל דיין, איש צדיק ואף "מקובל" מובהק. הוא היה נוסע לדז׳יקוב, והרבי התפאר בו באומרו: "ביי מיר שלאָפט איינער אויף דער באנק, קען מען פון אים צען רבי׳ס אויסהאקן" (אצלי ישן על ספסל אדם, שממנו אפשר לחצוב עשרה אדמו״רים). אותו ר׳ יצחק׳ל היה ענוותן ונסתר מופלא. אחרי פטירתו הושיב ר׳ אליעזר׳ל את בנו על כס הרבנות בעיירה.

ואלה תולדות הדינאסטיה: ארבעה בנים נולדו לר׳ אליעזר׳ל והם — ר׳ מאיר׳ל (בעל "אמרי נועם"), הוסיף לקיים את השושלת בדז׳יקוב, ר׳ משה׳לי, עבר לרוזוואדוב, ר׳ נפתלי — לדמביץ ור׳ ישראל׳יש — לבארניב. בנו יחידו של ר׳ ישראל׳יש, ר׳ אברהם שמחה, כיהן כרבי בעייר־תנו. אחריו שימש בנו הבכור ר׳ איצ׳לי את הקהילה. זה ויתר על כסאו לטובת בנו ר׳ אביגדור,

בעוד שהוא עצמו עבר לזאוויכוסט ע״י צויזמיר. ר׳ אביגדור היה הרבי האחרון של העיירה ונספה בשואה יחד עם שני בניו ונכדיו.

ר׳ ביניש לא הכיר את ר׳ ישראל׳יש, אך בימיו היו מספרים עליו סיפורי נפלאות, מהם זכור לו הסיפור הבא: סבו של ר׳ ביניש, איצ׳ה־נטע, היה בימים הנוראים בעל שחרית אצל ר׳ אליעזר׳ל. פעם שכנעו ר׳ ישראל׳יש לעבור לפני התיבה אצלו. בדז׳יקוב לא חסרו בעלי תפילה, ואדם בישראל צריך להנות גם את אנשי עירו. כתגובה על מעשהו לא הרשה לו ר׳ אליעזר׳ל להיכנס לחצרו, עד שלא השתדל אצלו בנו הבארניבי, שנטל על עצמו את האחריות לצעדו, ואף זאת אירע רק אחרי חנוכה. ובאותה שנה נסתלק איצ׳ה־נטע מן העולם. הוא נפטר בערב פסח, ובימים ההם לחשו שה״דז׳יקובר״ פעל זאת...



הרב ישראל יוסף הורוביץ (1941)



הרב אביגדור הורוביץ (1941)

רוב זכרונותיהם של הישישים התייחסו לתקופת ר׳ אברהם שמחה, שישב על כיסאו בסוף המאה ה־19. בימיו לא פסק לימוד התורה בבית המדרש, ואף בלילות נערכו משמרות לימודים. 8–7 בחורים ישבו ולמדו עד אחרי חצות, ובשעה 2 לפנות בוקר החליפום אחרים. דיין היה אז ר׳ נפתלי בר, איש גדול, בקי מאוד בש״ס ובפוסקים. הלה ידע בעל־פה כמה מסכתות בבלי, ואף למד זוהר — דבר נדיר בגאליציה.

בתקופה ההיא הצטיינו כמה וכמה בעלי בתים גדולים בתורתם ובחכמתם. מביניהם היה ר׳ אליעזר זילברמאן אף בקי ב״שבע החכמות״. וכן אירע, שמהנדס מלכותי בא לתכנן הקמת סוללות עפר לאורך הוויסלא. החל ר׳ אליעזר מתווכח אתו ושיכנעו בסוף, כי חישוביו שלו היו נכונים יותר מאלה של המהנדס. ואמנם נתקבל ערעורו, ולפי חישוביו הקימו את הסוללות. עם בעלי בתים נמנה אף ר׳ יחיאל מאיר, נגיד ועשיר, שחבש ״ספודיק״ במשך כל השבוע. על שולחנו הסבו בקביעות 12–10 אורחים, והוא היה אומר לפניהם ״תורה״. בדרך כלל היה נוסע לרבי מרוזוואדוב. באותה התקופה התהלכו בבארניב עוד כשבעה ״ספודיקים״ (סימן לנגידות וצדקות), ורק בשבתות החליפום ב״שטריימלך״. היה עוד ר׳ יעקב, עשיר שעסק בסחר

יערות, והוא עמד בראש חסידי שיניאווא ואף ניהל קלויז שהיה קיים עד לשריפה. היו מספרים עליו, שהלך לילה־לילה אחרי חצות לטבול במקווה. באותו קלויז שימש בעל תפילה מפורסם, ראובן בויקוֶור.

בימים ההם החשיבו בכל גאליציה את אנשי בארניב כ״בני עליה״. בכבוד רב היו מקבלים אותם בכל חצרות האדמו״רים, ושידוך מבארניב היה נחשב לכבוד. ריכוז מספר ניכר של בעלי בתים גדולים בעיירה קטנה, היה בו כדי למנוע מן הענף הבארניבי של רופשיץ להקים זרם חסידי משלו. בעיירה מצויים היו חסידים מכל הגוונים. פרט לחסידי שיניאווא, שהזכרתים לעיל, היו בבארניב מהלכים גם לחסידי דז׳יקוב, רוזוואדוב, צ׳ורטקוב ואף טריסק. מכאן שגם מריבות ומחלוקות לא חסרו... כאשר רבה של מליץ הסמוכה התפלא על ריבוי המחלוקות בבארניב, השיב לו ר׳ אברהם שמחה: לו היו בקהילתך גדולים כגדולי קהילתי היו פוקדות מחלוקות גם אותך. מובן, שלא קל היה ״לשלוט״ בקהילה עצמאית כדוגמתה.

פרנסתם של היהודים הייתה מושתתת בעיקר על מסחר בעצי יער שבסביבה, על פקידות ביערות ועל מסחר עם גויי הסביבה. יהודים ספורים היו גרים בכפרי הסביבה — סוכאריב, פודיב וכו׳. לימים הנוראים ואף לשלוש הרגלים היו באים עם משפחותיהם העירה. גם ביניהם היו יהודים ״יפי־נפש״ (״אידלע יידן״). בטישיב, למשל, ישב ר׳ גבריאל טישיבר, סבו של ר׳ ביינישׁ, ודירתו שימשה בית נופש לכל צדיקי הסביבה. היו סרים אליו ר׳ נפתלי מרופשיץ, ר׳ חיים מסאנז ועוד כמנין אדמו״רים. הוא החזיק בית מדרש פרטי ומקווה טהרה. עליו ספרו, כי התפלל בדבקות כה גדולה, עד שלא היה מפסיק — אפילו הייתה פורצת שריפה בדירתו. לפני כ־100 שנה, לעת זקנתו, עלה ארצה יחד עם חתנו ר׳ נפתלי. שניהם גרו בירושלים ונקברו על הר הזיתים בסביבת קברו של הרב מבארניב.

הרב ר׳ אברהם שמחה עזב את בארניב בערך בשנת 1908 בגיל 70 ועלה לארץ־ישראל מתוך תשוקתו הרבה להיקבר בארץ הקדושה. עוד מספר שנים חי בירושלים. כאן הצליח לגייס כספים למען הכולל גליציה והפך לאיש אמונו של הנשיא הכולל־יכול שרייבר מדרוהוביץ׳. נמסר שחיבר פה ספר בשם ״עץ חיים״. בשיבה טובה נפטר בעיר הקודש ונקבר על הר הזיתים. אשתו הרבנית הייתה נודעה בבקיאותה בתנ״ך ואף בתורה שבעל־פה, וליצני העיירה היו מתלחשים שהיא אף עולה על בעלה. לא פעם הייתה הרבנית מתערבת בוויכוחים למדניים.

מפיו של ר׳ שלמה דרייליך שמעתי זכרונות בעיקר על אודות השנים הראשונות של המאה ה־20. בתקופה ההיא הורע המצב הכלכלי בבארניב, ומאידך התחילו חודרות אליה רוחות ההשכלה והציונות. הצעירים התעוררו ושאפו לצאת למרחב. לדידם פסקו חיי העיירה להוות חזות הכול. אמנם מבחוץ נראה הכול כקדם: הלבוש נותר חסידי מובהק וכמו כן הלך החיים. בית המדרש והגמרא מוסיפים לעמוד במרכז, אך מתחת לפני השטח מורגשים זעזועים, וסימניהם — ספרים חיצוניים, סיפורים על העולם הרחב, ואף החלה עזיבת העיירה.

מבין הדור הצעיר היו מספר כוחות מוכשרים, שמסוגלים היו לכתוב ספרים, אך לא היו קיימים תנאים שיעודדום לכך. כסף לא היה בנמצא, בתי הדפוס היו שוכנים במרחקים, וכן

לא זומן להם מוציא לאור. דוגמה לכך שימש שמואל אברהם איצ׳יס, אברך מלא וגדוש תורה שמסוגל היה להתפלפל עם רבנים ועם שאר הגדולים בתורה. מרוב תשוקתו לתורה, נשא אישה בהיותו למעלה מבן 30, גיל שנחשב באותו זמן כמבוגר מאוד. כן היה מבין הפיקחים והחריפים בלימוד, מלך, בנו של חיים שוחט. הוא הראשון לימד תנ״ך עם פירוש המלבי״ם, וממנו נדבק ר׳ שלמה באהבתו למלבי״ם לכל ימי חייו. אותו מלך היה בעל כשרונות מרובים. הוא נתפס במקצת לחכמות החיצוניות, אך בתנאים, ששררו במקום, לא יכול היה להתפתח. ראובן בראנד (שייבדל לחיים, כעת הוא באמריקה), ניסה כאברך צעיר להחדיר את הציונות לעיירה. הוא ראה ברעיונות ״המזרחי״ את המזיגה הנאותה לבארניב, תפיסה שגרמה לו סבל רב.

המצב הכלכלי הקשה הוליד גם סכסוך בין שני בניו של ר׳ אברהם שמחה אחר עלייתו. אמנם היה הבכור ר׳ איצל, אך אחיו הצעיר טען לפרנסתו. בסוף הגיעו לידי הסכם: ר׳ איצל נשאר על כס הרבנות, ואחיו הצעיר קיבל ממנו סכום של 7 כתרים חודש חודש. בסוף עזב ר׳ אלטר את העיירה ועקר את מקום מגוריו לריגליץ ע״י טארנוב. לעת זקנתו הפקיד את כהונת הרבנות בידי בנו, בעוד שהוא עבר לפולין הקונגרסאית. אשתו של ר׳ איצל, הרבנית מירל, מצאצאיהם של אדמו״רי רוזוואדוב, הייתה צדקת גמורה ואף למדה גמרא כגבר.

טובי הצעירים החלו עוזבים את העיירה ומהגרים לאמריקה ולגרמניה. רבני העיר הפעילו את כל השפעתם נגד מגמה זו, כי לפני עיניהם קמה סכנת ההתפרקות במרחקים והתפוררות הקהילה. אך לחץ המצוקה הכלכלית גבר ואתו החששות לעתיד לבוא. כבר אז הורגשה החמרת האנטישמיות מצד השכנים הפולנים, ולא פעם נשמעו פליטות פיהם: ״ילך לו הזקן (הכוונה למלך פראנץ יוזף), ואז...״, או הקללה: ״פשאקריב ז׳ידי״. עם המהגרים לאמריקה נמנה אף ר׳ שלמה. הורי אשתו הצעירה, שגרו בסביבות בלז, התנגדו להגירתם, שנחשבה כפגם במשפחה, ואף־על־פי־כן עלה בידי ר׳ שלמה למסור לאמו 200 גולדן מן הנדונייה לשם שמירתם להוצאות הדרך. היה זה דווקא הרבי מבלז, רבי יששכר דוב, שנתן לו את ״הגושפנקא״ ליציאתו. כאשר חותנו התלונן לפני הרבי על תוכניתו של הזוג הצעיר להשתקע באמריקה הגויית, ענה הלה: ״עי, שלמה איז א ערלעכער ייד...״ (שלמה הוא יהודי נאמן). כוונתו הייתה, כי יעמוד בפני כל פיתויי המקום החדש, וכן היה.

ראש הקהילה ותקיף העיירה באותה התקופה היה ר׳ משה אורנשטיין. מצד אחד כיבדו אותו ומאידך גיסא אף לא העיזו לבקרו. הוא ניהל את הקהילה בתקיפות ולטובתה. כאשר פרצה השריפה הגדולה בשנת 1896 נשרף הכול וכל בני הקהילה נתדלדלו. אותה השעה היה הוא הוא שיצא לנדוד בעולם יחד עם ר׳ משה פרייזר, חתנו של לייבלר, ועד לפראג שבצ׳כיה הגיעו השניים, כדי לאסוף אמצעים לשיקום העיירה. אשתו השנייה הייתה פשה המפורסמת, אשת חיל שהייתה נוסעת אל הרבי מבלז ותורמת הרבה פדיונות. היא הייתה מתייצבת לפני פקידים אוסטריים גבוהים, שקיבלו את פניה בכבוד רב. היא הייתה ״הגברת הראשונה״ בבארניב.

חיי הנשואים של הזוג שימשו מקור לרכילות לבני אנשי בארניב. כאשר מתה עליו פשה, עזב ר׳ משה את העיירה ועלה גם הוא לארץ ישראל.

באותה התקופה הגיע לבארניב ד״ר מלר, רופא העיירה, שהתיישב ופעל בה עד לימי השואה. הוא היה היהודי היחיד שלא קיים מצוות, ורק ביום כיפור היה מופיע בבית הכנסת. למה ויתרו וסלחו לו? ראשית — ״דוקטור״, ושנית — לא משלנו היה, לא נולד בקהילתנו, ובענייני היהדות לא ידע ולא כלום; אכן שוגג גמור היה. אך בעיקר העריכוהו בשל טוב לבו. בשנת 1905 פתח ד״ר מלר באנק, כמכשיר כספי לעזרת תושביה היהודיים של בארניב. הוא הצליח לקרב אליו מחשובי הבעלי־בתים, ונכבד כאהרן ליבוביץ׳ היה יוצא ונכנס אליו.

לעיירה הגיע גם חנינא היימן, מורה לגרמנית ולפולנית. בחורי בית־המדרש, שרצו ללמוד שפות אלה, היו נכנסים אליו. אך הוא היגר לאמריקה והשתקע בה לעת זקנתו.

בהגיעו לאמריקה, נוכח ר׳ שלמה לדעת, כי שם קיים ארגון של יוצאי בארניב זה כ־100 שנה. לדבריו לא היו לו מייסדים, והוא צמח מעצמו.

ישיש אחר, ר׳ ישראל מאיר קירשנבוים תיאר לפני את בית הכנסת הישן שנשרף בשריפה הגדולה בשנת 1896. בשנים שלאחר מכן הוחל בהקמת בית כנסת חדש, אולם הבנייה התקדמה רק עד ליציקת היסודות והקמת חלק הקירות שנשארו בלתי מושלמים. לעומת זאת שוקם בית המדרש הסמוך.

בית הכנסת הישן היה בנוי מעץ משובח, וחלקו הפנימי היה מצויר להפליא. הקירות היו מכוסים במלואם בציורים על נושאים מן התורה. עליהם נראו גן־עדן, גיהנום וחיות, שהוזכרו בכתבי הקודש, היו מרחפות ממעל. ונוסף לכל אלה התנוססו מעל הקירות כמעט כל פרקי התפילה. המתפללים היו עומדים בין הספסלים וקוראים את התפילה מעל הקירות. בכניסה לבית הכנסת היו שני חדרי לימוד קטנים (״פאָלישלעך״). המתפללים בבית הכנסת היו בדרך כלל מבין הציבור הפשוט; החסידים העדיפו את בית־המדרש. אך בימי השמחות, כגון ברית מילה, עליה לתורה לפני החתונה (״אויפרוף״) וכדומה — היו כולם באים לבית־הכנסת. כאשר ביקר הצדיק משיניאווא בעיר, התפלל אף הוא בבית־הכנסת.

לפני 3–4 שנים עלה לישראל הרב בנימין בייניש דינסטאג, שבא מארצות־הברית כישיש בגיל למעלה מ־80, יליד בארניב. זוכר הוא עדיין פרטים מלפני 70 שנה. הוא ישב בעיירה עד לשנת 1913, בה היגר לארה״ב. שם שימש מספר שנים בכהונת רבנות וחיבר ספר: ״מתן אמת ליעקב״, קובץ שיטות שונות בענייני יישוב א״י. הספר שהוא מלא אהבה ונאמנות לארץ ולישובה, נדפס בניו־יורק בשנת התשי״ז. מתוך הכרה בחשיבות מצוות יישוב א״י, עלה אף הוא לארץ הקודש בימי זקנתו.

ביוגראפיה דומה מהווה גם דרכו של אחיו החורג, ר׳ שלמה דריליך, המתגורר בשכנותו בבני־ברק. גם הוא היגר לפני מלחמת העולם הראשונה לארה״ב ובדומה לאחיו עלה אף הוא באחרונה ארצה, מתוך דחף פנימי ואהבת הארץ, וגם הוא עסק בחיבור ספרים. שמו של חיבורו העיקרי הוא: ״ילקוט שלמה״, הדן בחידושי המלבי״ם על הש״ס, שנלקטו על ידו מכל ספריו

של הרב המלבי״ם. מגמתו של הספר רב המידות היא להאיר ולהסביר את התורה שבעל־פה לפי רעיונותיו של הרב הגדול שכבש את לבו של ר׳ שלמה בעודו על ספסל בית המדרש בבארניב. הספר נדפס בשנת תרצ״ח בניו־יורק, וכעת מכין המחבר הוצאת ״מהדורה בתרא״ על שלוש הבבות של התלמוד הבבלי, הוצאה שתהיה מוקדשת להוריו שניספו בשואה.

כמו כן תרגם ר׳ שלמה מספר מסכתות של התלמוד הבבלי ליידיש, תרגום המהווה גם פירוש מקוצר על־פי רש״י ומלבי״ם ז״ל.

ר׳ ישראל מאיר קירשנבוים, אף הוא מישישי בארניב המועטים, עזב את העיירה לפני מלחמת העולם הראשונה, היגר לגרמניה ובשנות ה־30 עלה ארצה.

אמאָל אין באראנאָוו

דערציילט פון זקן אנ״ש באראנאוו ר׳ ראובן בראנד (אמעריקע)

מיר האט אמאל דערציילט א זקן, יוסף קעסטענבערגס פאָטער, אז אין באראנאווער בית־המדרש האָבן אמאָל פרייטיק־צו־נאכטס געדאווענט ביז 500 יידן און צווישן זיי זענען געווען 40 יידן, וואָס האָבן פרייטיק־צו־נאכטס געטראָגן — טליתים. איך געדענק, אז נאך אין 1890 האבן אין שטעטל געוווינט 400 יידישע פאמיליעס. עס זענען געווען נאך אין מיינע צייטן יידן־גיבורים, וואס זענען 18 שעה אין טאָג געזעסן ביי דער גמרא, ווי ר׳ יחיאל מאיר ז״ל, מיט זיינע קינדער; פנחס ר׳ שמערלס מיט זיין זון, אהרן נח באלקין מיט זיינע קינדער, ר׳ שלמה יעקב ז״ל; יצחקל דיין ז״ל איז געווען א גדול.

אז ס׳איז געקומען פאר שבועות אדער ראש־השנה, זענען 80% בעלי־בתים געפארן צו רביים — אממייסטן קיין דזשיקאָוו, ראַזוואדאָוו און אפילו קיין שיניעווא.

די באראנאָווער ערשטע שריפה איז אויסגעבראָכן אין יאר 1890 אין א פרייטיק־צו־נאכטס, שבת תשובה. זי האָט זיך אָנגעהויבן ביי חיים יעקב קערבער. דאָס הויז האָט שפעטער געהערט צו מרדכי שליסל. דאמאָלס זענען פארברענט געוואָרן אלע הייזער פון חיה דבורה, די פישערן, ביז צו שמחה לייבאָוויטש.

די שווייטע שריפה איז געווען אין יאָר 1898 און דעמלט איז די גאנצע שטאָט אָפגעברענט געוואָרן. דאָס פייער האָט אויסגעבראָכן ביי בצלאל ראזענבוים (דאס הויז האט געהערט שפע־טער צו אליעזר טייכמאן), ס׳איז פארברענט געוואָרן אלץ ביז העניאָך בעקערס הויז און אויף דער צווייטער זייט ביז זיסמאן און משה אָרנשטיין — אלע הינטערגעסלעך. נאָך דער שריפה האָט אין אָנהויב די גאנצע שטאָט כמעט געוווינט ביי משה אָרנשטיין און געדאווונט האָט מען אויך דאָרט. דאָרט זענען געווען סטאַדאָלעס און דריי הייזלעך. איינציקווייז האט מען געדונגען דירות ביי גויים. זומער 1899 האט מען אויפגעשטעלט דאָס בית המדרש, אבער די שול האט מען נישט פארענדיקט.

נאָך דער ערשטער שריפה זענען נאך געווען 400 יידישע פאמיליעס. אסך משפחות האָבן אָנגעהויבן ארויסצופאָרן און ביי דער צווייטער שריפה זענען געווען נאָך 300 משפחות.

יעקב פליישער

דאָס שטעטל ווי איך האָב עס געקענט

„זאת בזכרי אזעק במרה
חמדת ישראל כלי הקודש נזר ועטרה
טהורי לב, קדושים מתו במיתה חמורה".
(בקינה של תשעה־באב „ארזי הלבנון").

שוין אויסערלעך האָט זיך בארניוו אונטערשיידט פון אנדערע גאליציַשע שטעטלעך מיט איר פראָפּאָרציאָנעל גרויסער צאָל שטיינערנע געמויערטע הייזער אין קעגנזאַץ צו די אנדערע קליינע שטעטלעך, וואס זענען באשטאנען דאס רוב פון הילצערנע הייזלעך. דער ארכיטעקטאָנישער צוזאמענשטעל פונעם שטעטל איז געווען ענלעך צו די אנדערע שטעטלעך, — איין לאנגע הויפּטגאס לענגאויס דעם שאסיי, וועלכער האט געפירט פון דער באן־סטאציע עטלעכע קילאָ־מעטער אויסער דעם שטעטל. דער אנהויב פון דער גאס איז געווען באוווינט פון גויים, אבער ווו עס האט זיך אנגעהויבן דער טראטואר, איז די גאס שוין געווען „יידיש" און האט זיך געצויגן ביז צום מארק, וועלכער איז גרויס און — ווי געווענלעך — פירעקיג. אין מארק געפינען זיך דאָס רוב געשעפטן און דא וווינען אויך די פארמעגלעכערע. פון דאנען גייען ארויס עטלעכע זייטן־געסלעך, ווו עס וווינט דער ארימער טייל באפעלקערונג, ווי בעלי־מלאכות, סטראגאַנשטשיקעס, מארק־הענדלער א. א. וו. — פונעם מארק־צענטער פירט א שמאָל געסל צום צענטראלן זאמל־פונקט פון די שטעטישע יידן, צום בית־המדרש.

קיין גרויסע ירידים זענען ביי אונז אין שטעטל נישט געווען; אין א מארק־טאָג, וועלכער איז תמיד פארגעקומען דינסטיק, איז א האלבער מארקפלאץ געווען ליידיק און נאָך מיטאָג־צייט זענען זיך די פויערן שוין צעפאָרן אהיים. דאפאר אָבער פלעגן טאָג־טעגלעך קומען פויערן אין שטעטל איינקויפן אין די יידישע געשעפטן, און ראה זה הפלא — הגם ס'האָבן זיך קיין גרויסע ירידים נישט געשטעלט און ס'האָט זיך נישט באמערקט דאָס יאָנגעניש און דער הווי־האַ, איז עס דאך געווען — אזוי צו זאָגן — א פרנסהדיק שטעטל; עס זענען געווען דאָ אפילו פארמעג־לעכע יידן, — (פארשטייט זיך אז קיין ארימעלייט האבן אויך נישט געפעלט...).

אין שטעטל האָסטו געפילט א מין רואיקייט, שלווהדיקייט און שטילקייט, נישט בלויז אין גאס, נאר האָסט עס באמערקט אויף די פנימער פון די איינוווינער: אזא מין מיושבדיקייט און צופרידנקייט — נישט צעקאכט, נישט צעפלויגן, נישט אויפגערעגט, גלייך ווי עס וואָלטן קיין שום דאגות נישט געווען, כאָטש עס האבן קיין דאגות זיכער נישט געפעלט...

און וואָס נאָך מער פלא: אפילו אין בית־המדרש האָסטו באלד באמערקט די "אָלימפּישע" רואיקייט און געלאַסנקייט — א קאָנטראַסט צו אנדערע שטעטלעך און זייערע בתי־מדרשים. פאַרשטייט זיך, אז מ'האָט דיסקוטירט, "געפּירט פּאָליטיק", געווען פּאַרטייען און אנטאַגאַניז־מען, — אָבער אלץ אויף אַן אָנשטענדיקן אופן, איך וואָלט זאָגן: אויף אַן אינטעליגענטן אופן, מיט א גרויסער מאָס דרך־ארץ, מיושבדיקייט און טאָלעראַנץ.

דאָס שטעטל איז טאַקע געווען באַקאַנט אין דער געגנט אלס אינטעליגענט שטעטל. איך געדענק, אז מ'האָט אמאָל געפרעגט א באַרימטן רבין אין גאַליציען, פאַרוואָס ער באַזוכט נישט אמאל באַרניוו אין א שבת, — ער האָט געהאַט דאָרט אַסך חסידים — האָט ער געענטפערט: באַראַנאַוועער יידן זענען צו קלוג און צו אינטעליגענט פאַר מיר... די באַלעבאַטישע יידן זענען כמעט אלע געווען בני תורה, צווישן זיי — תלמידי־חכמים. זיי זענען אויך נישט געווען פרעמד אין וועלטלעכע ענינים. כאַראַקטעריסטיש איז, אז אויך אין דער קהילה זענען געזעסן דריי פאַרשטייער פון דער יוגנט, וועלכע זענען אין די לעצטע קהילה־וואַלן געוועלט געוואָרן, און האָבן אַריינגעטראָגן א רוח־החיים אין דער אַרבעט. זייערע נעמען זענען: רפאל פרידמאַן, משה מיץ הי"ד און יבדל־לח"ט דוניש בירנבוים (איצט אין ישראל).

איך וויל דערמאָנען אייניקע חשובע בעלי־בתים און פאַמיליעס, מיט וועלכע באַרניוו האָט געקענט שטאָלצירן:

דער רב הה"ג ר' אביגדור האָרוויץ הי"ד

שוין דאָס פערטע דור איז ממשיך ר' אביגדור אויף דעם כסא הרבנות אין באַראַנאַוו. דער ערשטער רב איז געווען דער זון פון ר' אליעזרל דזיקאָווער, ר' ישראל זצ"ל. נאָך אים קומט זיין זון ר' אברהם שמחה, וועלכער איז עולה קיין ארץ ישראל און דאָ נפטר געוואָרן. נאָך ר' אברהם שמחה איז ממשיך זיין זון ר' יצחקל, דער פאָטער פון ר' אביגדור. און ווען ר' יצחקל ווערט רב אין זאַוויכאָסט, קומט אלס ממלא מקום ר' אביגדור, וועלכער פירט דאָס רבנות ביז — ביז ער קומט אום צוזאַמען מיט זיין עדה.

דאָס שטעטל באַציט זיך מיט גרויס כבוד און דרך ארץ צום רב. דעם רב'ס הויז איז אויך א זאַמל־אָרט פאַר די שטעטישע חסידישע יידן, באַזונדערס אין די שבתים און ימים טובים, ווען מען קומט זיך צונויף צו פאַרברענגען צוזאַמען.

די פאַמיליע שליסל־ווערנער־בלוט

אַן אנגעזעענע, חשובע און איינע פון די עלטסטע פאַמיליעס אין באַרניוו איז געווען די פאַמיליע שליסל. ר' מרדכי שליסל מיט זיינע איידעמס. די צוויי ברודער — ר' פסח און ר' מרדכי זענען אין זייער צייט געווען ראשי־הקהל און ראשי המדברים פון שטעטל. ביידע האָבן גוט געקענט לערנען, פייערדיקע חסידים (ר' מרדכי א דזיקאָווער חסיד און ר' פסח א ראָזוואַדאָווער חסיד), האָבן זיי עוסק געווען אין האָלץ־מסחר און געפירט שיינע בעלי־הבתישע הייזער, פון וועלכע ס'האָבן אויך אָרעמע יידן נהנה געווען.

ר׳ פסח שליסל טראָגט זיך לאנג ארום מיטן רעיון עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל; נאָך איידער ס׳איז אריין אין דער מאָדע ארץ־ישראל און נאָך איידער די יוגנט האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן ציוניזם, חלוציזם, הכשרה און שיבת־ציון, האָט שוין אין ר׳ פסח געברענט א פלאם־פייער צו ציון וירושלים. און אָט — נאָך לאנגע יאָרן חלומען און טרוימען פירט ער דורך זיין פלאַן. און הגם ר׳ פסח איז נישט דער ערשטער עולה פון שטעטל, דאָך האָט די ידיעה געמאכט א געוואלטיקן רושם און דאָס שטעטל האָט זיך געגרייט צו דעם היסטאָרישן געשע־עניש. אין טאָג פון זיין אָפּפאָר האָט זיך פארזאמלט דאס גאנצע שטעטל — אנשים, נשים וטף — און באגלייט ר׳ פסחן ביז צו דער באַן־סטאציע. דאס געזאנג און די הילכיקע ברכות „צאתכם לשלום!" — האָבן ווייט־ווייט אָפּגעהילכט אין דער לופט, אז אפילו די גויים האָבן זיך צונויפגעזאמלט און געקוקט אויף דעם פלא, ווי פּסחקע פאָרט קיין „פאַלעסטינא". לאנג לאנג האָט דאָס שטעטל געלעבט אונטער דעם איינדרוק.



כלתו של הרב אביגדור ושלושת ילדיה
הרב אביגדור׳ס שנור און אירע 3 קינדער

אין שטעטל איז פארבליבן ר׳ מרדכי. ביי אים אין שטוב האָט איר געקענט טרעפן דעם חכם און טעמפעראַמענטפולן, מיט יוגנטלעכן גייסט און חסידיש־התלהבותדיקן ברען — ר׳ בנימינלע שאלער, ר׳ שבתי וואליק וועלכער איז געשטאַנען על המשמר און געקענט „אריינ־זאָגן" א פאָר הארבע מוסר־ווערטער. — איר האָט דאָ אויך באגעגנט דעם אייביק שמייכלדיקן — ר׳ אבא׳לע קאָרנבליט און דעם ערנסט־געלאסענעם ר׳ אברהם פאס, און אמאָל אויך דעם שכן, דעם שטענדיק פאריאָגטן און פארדאגהטן (ווו מ׳נעמט א גמילת־חסד...) און דאָך גוטמוטיקן ר׳ אברהמ׳לע פאנצער, און אויך אלע די, ביי וועלכע „יידישקייט" אין אלטן זין פון וואָרט — איז געווען טייער.

ר׳ מרדכי האָט געהאט אויך פעאיקע און געטרייע מיטהעלפער אין זיינע צוויי איידעמס: ר׳ פיניעלע ווערנער און ר׳ שלמה בלוט הי״ד.

ר׳ פיניע ווערנער איז געווען א תלמיד חכם פון ברייטן שניט; געזעסן על התורה ועל העבודה יומם ולילה און אויך מרביץ תורה געווען ברבים. אָבער נישט בלויז אין לערנען איז ער געווען גרויס, נאָר אויך אין מידות בין אדם לחברו; קיינמאָל זיך נישט אויפגערעגט, געווען א מעורב בין הבריות, באַצויגן זיך צו יעדן איינעם מיט דרך ארץ און עניוות, און הגם אליין נישט קיין איבריקער גביר, איז ער שטענדיק געווען גרייט צו העלפן דעם צווייטן. זיין שטוב איז געווען אָפן פאר יעדן: א גאנצן טאָג ביז שפעט אין דער נאכט האָט די טיר ביי אים נישט גערוט — מענשן זענען געקומען און געגאנגען: איינער איז געקומען פרעגן אן עצה, דער צווייטער — פרעגן א הארבע קושיה, אָדער סתם הערן א דבר־תורה. אנדערע זענען געקומען "הערן נייעס", וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט און אויף דער יידישער גאס. (דאָ איז געלייגנט געוואָרן דאָס אגודיסטישע "יודישע טאגבלאט"). אין דער שטוב ביי ר׳ פיניע ווערנער האָט זיך יעדער געפילט היימיש, דערצו האָט אויך מיטגעווירקט די בעל־הבית׳טע פרוי קיילע ווערנער, וועלכע האָט יעדן אריינקומענדיקן אויפגענומען בסבר פנים יפות און צוגעהאָלפן צו דער ווארימער היימישער אטמאָספער וואָס האט געהערשט אין שטוב. זי האט געשם׳ט מיט איר פרומקייט און גוטקייט.

די עקאָנאָמיש־ווירטשאפטלעכע לאגע אין דעם קאנט האט זיך אין די לעצטע צוויי דריי יאָר פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה באדייטנדיק פארבעסערט. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי די פוילישע רעגירונג האָט פראָקלאמירט דעם אזוי גערופענעם "צ. א. פ." (צענטראַלער אינדוסט־ריע־קרייז. ס׳איז אין דעם קרייז געבויט געוואָרן א ריזיקע שווערע אינדוסטריע — באזונדערס די קריגס־אינדוסטריע, ריזיקע אמוניציע־פאבריקן, וואס האבן — אגב — באשעפטיקט דייטשע אינזשעניערן, וועלכע האבן צוגעגרייט די פאבריקן פאר דער . . . דייטשער ארמיי). דאָס שטעטל בארניוו איז אויך אריין אין דעם צ. א. פ.; ס׳האָט זיך טאקע אין לעצטן יאר געפילט אן אויפ־לעבונג: די פויערים האָבן געהאט ארבעט, זיי האָבן שיין פארדינט, פלעגן זיי קומען על־פי־רוב אין די זונטיק־טעג און זיך געלאָזט אין די יידישע געשעפטן איינקויפן פון כל טוב (הגם זונטיק איז געווען שטרענג פארבאָטן דער האנדל לויטן פוילישן געזעץ, האָט מען זיך דאך אן׳עצה געגעבן . . .). נישט איינמאָל פלעגן זיי זיך אויך אנשיכורן, ארומווילדעווען און אָנווארפן א מורא אויף די יידן, אָבער דאָס שטעטל האָט דאָך נהנה געווען פון דעם מצב.

קורץ פארן אויסברוך פון דער מלחמה, האָבן די מיליטער־אָרגאנען באשלאָסן צו בויען א מאדערנע אויטאָסטראדע און א גרויסע בריק אויף דער ווייסל אין בארניוו. די ארבעט איז געפירט געוואָרן אין א פיבערהפטן טעמפא.

איינמאל אין א פארנאכט נאָך א הייסן זומערדיקן תמוז־טאָג בין איך געשטאנען ביי ר׳ מרדכים הויז און אבסערווירט די באוועגונג און דאָס געאיילעניש פון דער ארבעט. כמעט אומבאמערקט איז צוגעקומען צו מיר ר׳ מרדכי און זיך אָנגערופן: דו זעסט, יונגערמאַן, די ארבעט וואָס דא גייט צו, — זיי בויען א שאָסיי, שטעלן א גרויסע ברייטע בריק אויף דער ווייסל, — כדי עס זאָל זיי זיין לייכטער צו אנטלויפן . . . און אזוי איז טאקע געווען.

פון דעם שיינעם יידיש־חסידישן הויז איז כמעט קיין זכר נישט פארבליבן.

יעקב פליישער

די פאמיליע מיץ

בארניוו האט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע בעל־הבית־ישע און פשוטע יידן, וואָס האָבן זיך נישט געדעכנט צווישן די לערנער און נישט צווישן די ראשי־הקהל און "פּאָליטיקער" און דאָך איז זייער הויז געווען א ווארים יידיש אָפן הויז.

דער ראש המשפחה ר' חיים מיץ איז געווען א שניידער און דווקא א דאמען־שניידער, אָבער גלייכצייטיק א שטארק אָפּגעהיטענער, פרומער ייד פון אלטן שטייגער. ער האט קיינמאל נישט פארפעלט צו דאווגען מיט מנין — אזוי גוט פארטאג מיטן ערשטן מנין, ווי פארנאכט, און זאָגן דעם יום תהלים. אָפּגעדאווגט האָט ער זיך נישט פארזוימט אין בית־המדרש, נישט גערעדט קיין פּאָליטיק, נאר אהיימגעגאנגען און זיך געזעצט ארבעטן. געלעבט באשיידן פון יגיעת כפיים און געפירט א שיין בעל־הביתיש הויז, געזאָרגט, אז די קינדער זאָלן לערנען ביי די בעסטע מלמדים.

דער עלטסטער זון, שמואל הי"ד איז שוין געווען א בעל משפחה, געארבעט אין דער יידישער באנק אלס הויפט־בוכאלטער. אין ערשטן ווינטער פון דער מלחמה 1940–1941, ווען איך בין געווען פארשיקט אין ווייטן סיביר, האָב איך דערהאלטן א בריוו פון שמואל מיץ, (וועלכער איז פארבליבן אין לעמבערג), ווו ער האט מיר צוו. אנד. געשריבן: "די לאַגע איז נישט גוט. דער שונא (די דייטשן) גייט פארויס און ער שטייט שוין ביי די גרענעצן פון מצרים, אָבער מיר האָפן און מיר זענען זיכער, אז ביי די טויערן פון ארץ־ישראל וועט ער האבן די מפּלה". די דאזיקע ווערטער זענען געווען ווי א נבואה...

דער צווייטער זון, משה הי"ד, געווען איינער פון די דריי יוגנטלעכע וועלכע זענען געוועלט געווארן אין דער קהילה.

דאָס הויז איז געווען א זאמלפונקט פון דער יוגנט. עס איז אויך געווען באוווסט אלס א הויז פון צדקה, — דאפאר האט שוין געזארגט די שטארק פרומע בעל־הבית־טע, די פרוי מיץ ע"ה.

אזוי האָבן אויסגעזען די "פראסטע" יידן פון בארניוו. אויף זיי האט געפּאסט דער מאמר פון חז"ל: "אפילו הריקנים שבך מלאים מצוות כרימון".

א׳ טייכמאן

פון מיין קינדהייט

ערשטע וועלט־מלחמה

איך געדענקן דעם טאָג פון מלחמה־אויסברוך. אין יעדער יידישער שטוב, ווו מ׳האָט זיך געשיידט פון די מאָביליזירטע טאטעס אדער קינדער — איז געווען א געוויין און א געקלאָג ווי ערב יום־כיפורביים אָנווינטשן... איך האָב דאמלס גאָר ווייניק פארשטאנען וואָס עס קומט פאָר, אָבער צוויי קעגנגעזעצטע בילדער געדענק איך: אין די יידישע הייזער און גאסן א געוויין, די רעקרוטן בלייך און פארצווייפלט ווי פארמשפטע; די גויישע הייזער רואיק ווי א גאנץ יאָר, די רעקרוטן פארזאמלט אויפן מארקפלאץ, מוזיק שפילט, די שטאָט־פארוואלטונג גיט ביר און אלע זינגען ווי אויף א חתונה...

שפעטער האבן די רוסן פארנומען דאס שטעטל. אלע יידישע יונגע מענער זענען אנטלאָפן אין די גרעסערע שטעט, מורא געהאט אפנים פאר רדיפות מצד די אָקופאנטן. געבליבן זענען נאָר די פרויען, קינדער און די אלטע לייט. ס׳איז געווען ראש־השנה — געדענק איך. מיין זיידע האט געמאכט א מנין, יידן האבן שטיל געדאווענט און דורך די אויבערשטע פענסטערלעך האבן זיך געזען די ״פיקעס״ פון די קאָזאקן, ארויסרופנדיק א ציטער אין יעדנס הארץ.

געלעבט האָט מען אין יענער צייט ווי אין קיבוץ — עטלעכע פאמיליעס אין איין גרעסער הויז; געבאקן ברויט פון ביסל מעל, וואס איז נאָך געבליבן, און געשמירט מיט ״קאקאָס״, א סאָרט מארגארין. די קינדער פלעגן אביסל צוהונגערן און זיך אויפכאפן ביינאכט מיט א געשריי: ״מאמע, ברויט מיט קאָקאָס״! ווען ס׳איז געוואָרן נאָך ערגער, פלעגן זיך די פרויען ארויס־גנבענען — טראָץ דער סכנה — אין די דערפער מיט א זעקעלע זאלץ און צוריקגעקומען מיט א פאָר קילא מעל אדער גרויפן. איך ווייס נישט, וואָס פארא צרות די רוסן האָבן דעמלט אָפגעטון, אָבער אין א צייט ארום זענען אויך די רעשט מענער, די זקנים, אוועק פון בארניוו. געבליבן זענען די פרויען (וויזט אויס אז מ׳האָט זיי נישט געטשעפעט) צו היטן די הייזער מיטן ביסל פארמעגן. מיין זיידע האט באהאלטן אביסל סחורה, שטאָפן און גאלאנטעריע, אין קעלער. אין זיידנס הויז זענען געווען צוויי קעלערס — איינער א ״קיידוש״, ווו מ׳האָט איינגעלייגט אייער אין קאלך, זיי צו ״פרעזערווירן״. דעם דאזיקן קעלער האבן די רוסישע סאָלדאטן דערשמעקט. איך געדענק, אז זיי האבן געהאט א ספעציעלן אפעטיט צו אייער... די קיידוש האבן זיי אויפגעבראָכן, ארויסרייסנדיק די טירן צוזאמען מיט די פוטרינעס. זיי האָבן זיך

אָנגעגעסן מיט אייער, באזאָפּן מיט בראָנפן, און דאן געמאכט א טענצל מיט די שטיוול אין דער קיידוש, אזוי ענדיקנדיק מיט דעם רעשט אייער . . .

אין צווייטן קעלער איז נישט געלונגען ארייננצודרונגען, און זיי האבן אים אונטערגעצונדן.

ס׳איז געווען אין א שבת, איז געקומען א שליח אָנזאָגן די נייעס. מיין מוטער האט גענומען לויפן און איך נאך איר. דער מארקפלאץ איז געווען פול מיט סאָלדאטן. זיי האבן געקאָכט אין זייערע פעלד־קיכן, געגעסן, געלאכט. „מאלטשיק״ — האבן זיי מיך גערופן צו זיך, אָבער איך בין פון זיי אנטלאָפן אזוי ווי פון א פייער . . .

איך געדענק נישט אלץ, וואָס די רוסן האבן אָפּגעטון אין שטעטל, אחוץ וואָס זיי האבן צעשטערט די האלב־אויסגעבויטע שול נעבן בית־המדרש. (פון די רויטע ציגל האבן זיי געבויט זייערע פעלד־קיכן). די חורבה פון דער שול איז שוין איבערגעבליבן אויף תמיד.

דעם טראגישסטן עפּיזאד פון דער מלחמה געדענק איך דווקא נאכדעם ווי די רוסן זענען שוין לאנג אוועק פון אונדז. איר געדענקט דעם גרויסן סאד נעבן בית־המדרש, וואס איז געלעגן אויפן ברעג פון ווּיסלאָנג? א פיינער סאָד געווען. ראש־השנה פלעגט מען אהינגיין צו „תשליך״. דער אייגנטימער פון סאָד האט געהייסן געצל. איינמאל זענען צוויי סאָלדאטן מאדיארן אריין אין סאָד און פון דאָרט אין געצלס הייזל און — ווייזט אויס — געטשעפּעט זיך צו זיין טאָכטער. געצל האָט געמאכט א געוואלט, האָבן זיי אָנגעשטעלט די ביקסן און געשאָסן. געצל האט נאָך באוויזן ארויסצולויפן אופן שול־פּלאץ, שרייענדיק „יידן, מ׳האָט מיך געשאָסן, מ׳האָט מיך געהרגעט!״ אזוי איז ער געלאָפן און געשריגן, ביז ער איז געפאלן מיט אויסגעשפּרייטע הענט . . .

אין חדר און אין שולע

נאכן קריג זענען געקומען די אזוי גערופענע „נאָרמאלע״ טעג, אבער מיינע קינדער־יארן זיינען נישט שטענדיק געווען זוניק און גליקלעך. געווען אסך פארנעפּלטע טעג, פארוואָלקנטע, קאלטע און נאסע, אָבער עפּעס א שטראל פון פרימאָרגן לייכט פון זיי. איך געדענק די חדר־יאָרן, ווי איך גיי ביינאכט אהיים פון לערנען, מיט די צאנקענדיקע לאמטערנס, אין בלאָטע, אין שניי. אמאָל איז אריין וואסער אין די שוך, דאָס אויבערעקל איז געווען דין און מ׳האָט געכאפּט א ציטער פון קעלט, אבער אויפן הארצן איז געווען פריילעך. זומערדיקע שבתים נאָכן שלאָף, ווען מ׳איז געגאנגען צום רבין לערנען פרק. די שבת׳דיקע רו און הייליקייט, דער רבי איז געווען אויפגעלייגט און די קלוגע רייד פון די חכמים פליסטערן ווי די פערל אויף אונדזערע ליפּן: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״ — („אלע יידן האבן א חלק אין יענער וועלט״), „שנאמר — ועמך כולם צדיקים״, ווי עס שטייט געשריבן — דיין פאלק זיינען אלע צדיקים . . .

איך געדענק די ימים טובים, פריילעכע, פייערלעכע, יעדער מיט זיין טיפן אינהאלט און אטמאָספער, זיינע טראדיציעס און ניגונים; ס׳איז אזוי געווען א שאָד זיך צו שיידן פון זיי . . .

יאָ, דאָס זענען געווען יאָרן פון חלומות. בארניוו איז געווען דער מיטלפונקט פון דער וועלט

— אזוי האָבן אלע קינדער געגלויבט. פון איין זייט די קשעמעניץ מיט דער ווייסל, וועלדער און פעלדער, פון דער אנדערער — גרינע לאָנקעס און דערפלעך. די רעשט וועלט האט זיך באהאלטן ערגעץ טיף אין די ווייטקייטן, דאָרט ווו דער הימל פאלט אראָפּ צו דער ערד... קיינער פון די קינדער האט די אנדערע וועלט נישט געקענט, פאר זיי איז בארגיוו אליין געווען אן עולם ומלואו. בשעת אונדזערע קינדער־שפילן פלעגט דאָס שטעטל ווערן פארוואנדלט אין א גרויסע מדינה מיט אלע פיטשעווקעס; די הויפּט־שטאָט פון דער מדינה איז געווען דער שול־פלאץ, די ווייסלאָנג — דער ים הגדול, ווו ים־רויבערס (די לודקעס פון די שקצים) פאָרן ארום אויף זייערע שיפן, דער גרויסער סאָד פון געצלען, (ווו מ׳האט נאר געמעגט ארייגגיין ראש־השנה צו תשליך) — דער גן־עדן... אנדערע פלעצער, געסלעך און בנינים זענען געווען... דערפער, שטעט, פעסטונגען, טייכן, וועלדער און בערג, וואס האָבן געטראגן נעמען פון באקאנטע ישובים און פלעצער פון דער סביבה. דאָס נאָענטסטע געסל פון בית המדרש האבן די קינדער גערופן ״קאָלע״ אויפן נאָמען פון גרויסן דאָרף נעבן דער ווייסל, און דאָס צוליב די צעוואָרפענע הייזער, ברייטע פלעצער באוואקסן מיט דערנער און ווילדע געוויקסן און דעם טיפן און ברייטן קאנאל, וואָס האָט אָפּגעפירט דאָס רעגנוואסער אין דער ווייסלאָנג אריין. דער דאָזיקער קאנאל האָט געדינט צו פארשידענע צוועקן — צו לאָזן שווימען אויף זיינע וואסערן ״שיפן״ פון פאפיר, אלטע טעפּ און שטעקנס, ארייננווארפן אין אים שטיינער און העלצער, פאנגען זשאבעס און זיך גליטשן אויף אים ווינטער, ווען ער איז געווען פארפרוירן. די דערנער ווידער מיט ווילדע געוויקסן — זיינען געווען בליענדיקע גערטנער און סעדער. די זאָמען און פרוכטן פון די געוויקסן זיינען געווען עפּל, בארנעס און יאגאָדעס, וואָס מ׳האָט געקויפט און פארקויפט — אָן א סוף. ווען מ׳איז מיד געוואָרן, האט מען גענומען די רייף, געגעבן א שמייס מיטן שטעקן און ״געפאָרן״ אין אנדערע ״שטאָט״, אדער ״דאָרף״, וואס איז געווען אן אנדער געסל, אדער א ליידיקער פלאץ, און געכאפט כראבאָנשטשעס, שמעטערלינגען און בינען. יאָ, קיין שפילן האָבן נישט אויסגעפעלט — קלאָסן, ציילן מיט קנעפלעך, קלאָפּן מיט דער ״דובלע״, ״לויפעלעך״, ״באהעלטלעך״ א. א. — אָבער געשפילט האָט מען זיך נאָר אין די פרייע טעג און שעהן; דער עיקר־צייט האָט ליידער געהערט צום ״חדר״ און צו דער שולע.

איך געדענק פארשידענע חדרים און מלמדים. א ״דרדקי״־מלמד, א קורצער, א דארער, מיט א שיטער בערדל, א מזג טוב, א צוגעלאָזטער, א פריילעכער. ער האָט הנאה געהאט פון די קינדער און פון זייער לערנען, און אפילו פון זייערע שטיפערייען.

— געדענקט׳זשע קינדער — פלעגט ער זאָגן מיט א ניגון — דער זעלנער מיטן ביקס אויפן פלייצע, וואָס איז ער? — ״אלף״!

— די בודקע פון שומר איז דאָך? — ״בי״ת״.

— און דער סלופּ מיט דעם לאָמטערן, קינדערלעך? — ״גימל״.

— און די האק, האָלץ צו האקן? — ״דלת״.

— זאָגט זשע אלע צוזאמען — אלף, בית, גימל, דלת!

— ווי לייענט מען דאס? — פתח א — אַה, פתח בית — באַ, פתח גימל — גאַ, פתח דלת — דאַ!

די קינדער האָבן געלייענט אין סידור מיט פרייד און גלאַנצנדיקע אויגעלעך און דער מלמד האט געקניפּן די בעקלעך — איינס נאָך איינס.

אַ צווייטן מלמד געדענק איך — אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ גרויסער באָרד; ער איז שוין געווען מיין רבי פון חומש און גמרא. נישט קיין שלעכטער רבי, אָבער ער האָט געהאט אַ פיינעם קאַנטשיק... מ׳קען זאָגן, אַז דער רבי פלעגט נישט שלאָגן די פוילע און טעמפּע קעפּ, וואָס האָבן נאָך דאָנערשטיק נישט געקענט די פרשה פון דער וואָך; אויף די דאָזיקע יינגלעך פלעגט ער זיך בייזערן, קאָכן, שרייען, וויפיל ער האָט נאָר געקענט, און — געענדיקט. פאַרוואָס פלעגט ער יאָ שלאָגן? — פאַר "שטוקעס", וואָס זענען שוין אַריבער די גרעניצן פון נאָרמאַלע שטיפערייען. למשל דער טאַטע האָט געבראַנגט זיין זינדל פאַר אים צו פאַרמסרן, אָדער אַ שכן איז געקומען מיט אַן "אָנקלאַגע": דער תכשיט האָט אַ שויב צעבראָכן בעתן שפּיל מיט "דובלע", ער איז געקראָכן צווישן מנחה־מעריב אויפן דאַך פון דער האָלץ־קאַמער פון שול און די הויזן צעריסן, אָדער ער האָט צוגעשלעפּט עפּל פון שרה דער אלמנה׳ס סטראַגאַן אין מאַרק, אָדער ער איז סתם אַ חוצפּניק, ער הערט נישט דעם טאַטן און די מאַמען, — אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דער רבי זיך דווקא נישט בייזערן, ער האָט זיך פאַרטראַכט, געגלעט זיין באָרד און אַ שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זיין פּנים: — "וואָס זאָלן מיר טון מיט דעם לאָבוס?" און ער האָט ווייטער געצויגן מיט אַ ניגונדל: — אַברהמל, אַברהמל, האָסט גענומען עפּל פון טיש פון דער אָרימער אלמנה, האָסט געוווּסט, אַז זי איז נעבעך אַ בידנע נפש, האָסט געוווּסט אויך דעם לאו פון "לא תגנוב", פונדעסטוועגן האָסטו געלייגט דיינע הענט אויף די עפּל, איז עס אַ חטא, אַ שווערער חטא, אַ פאַרברעכן און ס׳איז נישטאָ קיין ספק, אַז עס קומט דיר אַן עונש. אָדער — איי, יוסאַלי, אויף דעכער ביסטו אַ קינצלער צו קריכן און דאַפאַר פאַרשפּעטיקסטו צו מנחה; דיין טאַטע קויפט הויזן, די מאַמע לייגט אַ לאַטע און דו מאַכסט פון אַלעמען אַ שמאַטע?

און דער רבי פלעגט פּסקנען יעדן זיין פּסק — איינעם האָט ער געשמיסן מיטן קאַנטשיק, אַ צווייטן האָט ער אַוועקגעשטעלט אין ווינקל אויף איין פוס, אַ דריטן האָט ער פאַרשפּאַרט אין פינסטערן בית־הכיסא...

שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך געהאַט אַ רבין, וואָס די תלמידים האָבן אים שוין דערגאַנגען די יאָרן. ער איז געווען אַ קליין, שוואַך יידל מיט אַ ווייסער באָרד, אַן אָרימאַן אַ גרויסער; ר׳ מאירל האָט ער געהייסן, אַ ייד אַ צדיק. די דערוואַקסענע יינגען, וואָס האָבן שוין קיין גרויסן חשק נישט געהאַט צום לערנען, האָבן געקלאַפּט אין טיש און אין די שויבן, געבלאָזן אין לאָמפּ אַריין ביינאַכט, אַרויסגעטלאָטשעט די בעבעכעס פון די אַלטע בעטן. דעם רבין איז געווען שווער צו כאַפּן די סאַבאָטאַזשניקעס — ער האָט געהאַט אַ שוואַכע ראיה, אָבער אַז ער האָט איינעם געכאַפּט בשעת מעשה, פלעגט ער אים אויסקנייפּן די באַקן מיט אַזאַ אימפּעט אין כוח, אַז דאָס יינגל האָט געזען פאַר זיך די עלטער־באָבע...

די רביס האָבן זיך גוט אָפּגעגעסן דאָס הארץ ביים אריינגאָרען דאס ביסל תורה. אין די מארגן־שעהען האָבן די קינדער געלערנט אין דער פּאָווישעכנע־שול, שפּעטער האָבן די געמאכט די לעקציעס, אין חדר אריין זענען זיי שוין געקומען מידע. דאָס לערנען פון די חומש־געשיכטעס, די אבות, יוסף מיט די ברודער, די מכות און יציאת מצרים — זענען נאָך געגאַנגען, אָבער די שווערע פרשיות פון דער תורה, און בפרט נאָך די גמרא — זענען נישט יעדן יינגל אריין אין קאָפּ אריין, אָבער אלע טאטעס האָבן געוואָלט, אז זייערע יינגלעך זאָלן לערנען.

די שול איז שוין געווען עפּעס אנדערש; אויך דאָ האָבן די קינדער געדארפט צולייגן דעם קאָפּ, די אטמאָספער איז געווען פרעמד, די שפּראַך, די מיטלערנער, די שקצים און שיקסעס, די לערער, אָבער דאָ האָט מען געלערנט מתוך הרחבת הדעת. די ריינקייט, די ווארימקייט אין ווינטער, די זוניקע, ליכטיקע צימערן מיט די גרויסע פענסטער, דאָס זיצן אין רייען אויף די גוט צוגעפּאסטע בענק, די קלאַנגען פון געזאנג, די גוטע מאניערן, די שפּילן, די עקסקורסיעס אין אינטערעסאנטע פּלעצער אויסער דער שטאָט.

די גויישע לערער און לערערינס האָבן אויך אמאָל געשמיסן (נישט מיט קיין קאנטשיק, נאר מיט א ליניע אין דער האנט — „דאַוואַי לאַפּע" — פלעגן זיי זאָגן); געשריגן האָבן זיי נישט, ווייל ס'איז נישט געווען נויטיק, נאָר דער דירעקטאָר ווענגקאָווסקי פלעגט שרייען ביי יעדער געלעגנהייט, ביז ער איז הייזעריק געוואָרן און אזוי איז ער שוין געבליבן. די שול האָט פאר אונדז קינדער געדינט אויך ווי א פענסטער צו דערקענען די גויים. דאָ האָבן מיר קענען געלערנט אסך שקצים, וואָס האָבן נישט געוואָרפן קיין שטיינער, געווען קאָרעקט און אמאל אפילו חבריש. די שיקסלעך שטילע און נאאיווע, וואָס האָבן געגלאָצט די אויגן מיט פרומקייט צום צלם בשעתן „פּאציעש". די לערער — אמייסטן לערערינס — און בראשן דער דירעקטאָר ווענגקאָווסקי, דער שרייער, זענען צו אונדז געווען גוט, נישט געמאכט קיין אונטערשיד פון ייד צי גוי. דאָך האָבן מיר נישט איינמאָל געפילט זיך אנדערש פון אונדזערע מיטשילער, די שקצים. דער צלם מיט דעם „יויזל", וואָס איז געהאָנגען איבער דער קאטעדרע, צו וועלכן די קריסטלעכע שילער האָבן געווענדט זייערע בליקן בעתן פּאציעש, האָט אונז אריינגעברענגט אין נישט קיין קליינער פארלעגנהייט, בפרט די ערשטע צייט. בשעתן פּאציעש האבן מיר געמוזט אויפשטיין. אין דער שעה ווען דער גלח האט געלערנט רעליגיע, האבן מיר פארלאָזט די קלאס (דאָס האט אונז נישט זייער געערגערט . . .). פארשטייט זיך, אז די לערער און לערערינס האָבן געהאט מער פערזענלעכן קאָנטאקט מיט די גויישע שילער ווי מיט די יידישע; זיי האבן געוווינט אין שכנות, געקענט זייערע עלטערן, געהאט פון זיי טובות אמאָל. איך געדענק אן עפּיזאד מיט דער לערערין יאנינא — א יונגע געווען, א שיינע, — די שילער האָבן איר זייער ליב געהאט. איינמאל איז זי קראנק געווען א לענגערע צייט, האָבן די קריסטלעכע שילער פאָרגעשלאָגן, אז מ'זאָל זי גיין מבקר־חולה זיין. מיר, יידן, האָבן נישט געהאט קיין חשק דערצו. דער לערערינס הויז איז געווען אין א קריסטלעכער גאס, דארט זענען געווען הינט, חזירים און דערוואקסענע שקצים. דאָס גיין צוזאמען מיט די שקצים, אייגנטלעך דאָס נאָכשלעפּן זיך נאָך זיי — איז אויך נישט געווען גאָר אָנגענעם. אָבער איין יינגל האָט אויסגערופן: וואָס,

איר וועט נישט גיין? זי זאָל זאָגן ״זשידאָווסקע פארכי״?... איז מען געגאנגען. אריין אין קליינעם הייזל. די לערערין איז געווען גערירט, הארציק אויפגענומען די שילער. זיי האבן זיך אויסגעשטעלט אין א האלב־ראד ארום איר, געקוקט און געפלאפלט צוזאמען. די לערערין האט גערעדט קודם צו אלע און שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן פרעגן יעדן באזונדער: וואָס מאכסטו, האנקא? האָסטו שוין געענדיקט לעזן דאָס ביכל, וואס כ׳האָב דיר געגעבן? און דו, סטאך, וואָס מאכן דיינע קרוליקעס? האָבן זיי שוין אָנגעקאָטשעט קליינע? א, זאָשע, האָסטו געמאָלט נייע בילדער? פארוואָס האסטו נישט געברענגט זיי צו ווייזן? — יאַנעק, גיב איבער דיין טאטן אין מיין נאָמען א דאנק פארן ברענגען דאָס האָלץ פון וואלד.

אזוי האָט זי זיך געווענדט צו דעם און צו יענער פון די קריסטן, געפרעגט און געענפערט, אמאָל מיט א קאָמפלימענט, אמאָל מיט א וויץ. צו די יידן האט זי זיך נישט געקערט — זיי זענען געשטאנען דערווייטערט, אין דער צווייטער ריי, שטיל זיך איינגעהערט, צוגעשמייכלט און זיך געפילט נישט היימלך...

דער גוי אין שטעטל

אין בארניוו האָבן געלעבט נישט נאר למדנים, קרעמער און שניידער יידישע, — עס איז אויך דאָרט געווען דער גוי, דער גוטער גוי און דער שלעכטער גוי. דער קוימן־קערער און דער בורמיסטש, דער שבת־גוי און דער פאליציאנט. די גויים האבן אייגנטלעך נישט געהאט קיין השפעה אויפן יידישן לעבן. זיי האבן געברענגט אויפן מארק זייערע קארטאָפל, הינער און האָלץ צו הייצן דעם אויוון. זיי האָבן געקויפט אין די געשעפטן, געטרונקען אין די שענקען און עוסק געווען מיט פארשידענע ארבעטן, וואָס דער ייד האָט נישט געטאָן; זיי זענען אויך געווען די מאכטטרעגער, די סאָלדאטן, פאליציאנטן און שטאָט־פארזארגער. מ׳האט זיך צו זיי באצויגן אמאָל מיט דרך־ארץ, אמאָל מיט פחד און אמאָל מיט ביטול. זיי זענען געווען די אויסערלעכע רינג פון יידישן זיין אין שטעטל, מיט באגרענעצטע באציונגען צו אונדז — און נישט מער.

אויף די קינדער אָבער האָבן די גויים געמאכט א גרעסערן איינדרוק — דווקא מיט זייער פרעמדקייט, מיט זייער אָפגעזונדערקייט, זייערע אנדערע גלויבנס, מנהגים און באשעפטיקונג, זייער כוח, דרייסטקייט און אכזריות. די גויים זיינען שטענדיק געווען א קאָנטראסט צו די יידן אין פארשידענע הינזיכטן, — אממערסטן פון נעגאטיוון כאראקטער. אָבער דער גוי האָט אויך פארמאָגט אסך גוטע זאכן, וואָס מ׳האָט זיי נישט געזען ביי יידן; אממערסטן האָט ער פארמאָגט א וואָגן מיט פערד אָדער צוויי, מיט וועלכן ער איז געפאָרן ווען און ווו ער האָט געוואָלט. ווינטער האָט ער געהאט א שליטן מיט א גלעקל. די שקצים פלעגן רייטן אויפן רוקן פון די פערדלעך, אמאָל לאנגזאם, אמאל אין גאלאָפּ. כמעט יעדער גוי, אפילו דער שטאָטישער, האָט געהאט א קו, א גאָרטן, א סאָד; געוווינט האבן זיי דווקא אין די פּאָרשטאָטישע גאסן פון באר־ניוו, נאָענט צו די וועלדעלעך, צו דער קשעמעניץ און צו די גרינע פעלדער. וואָס שייך די שקצים, זיי האבן זיכער געהאט א פרייער לעבן ווי די יידישע יינגלעך. ווינטער האבן זיי זיך געגליטשט אויף דער ווײסלאָנג. (נאר וויניקע יידישע יינגלעך האבן דאָס געטון, — עס האט

נישט געפּאַסט פֿאַר אַ בעל־באַטיש ייִנגל). זומער זיך געלוּדקעוועט און געמאַכט אויספֿלוגן. ייִדישע קינדער האָבן מורא געהאַט פֿאַר שטיינער פֿון די שקצים, פֿאַרן קאַנטשיק פֿון רבין. אין מײַן קינדהייט האָב איך געהאַט פֿאַרשידענע באַגעגענישן מיט גויים, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס איך געדענק זיי ביזן הײַנטיקן טאָג. למשל, ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען, פֿלעגן מיר זיך — צווישן אַנדערן — שפּילן מיט זעלנערלעך פֿון בלײַ, וועגעלעך א. א. וו. — דאָס שפּיל־צײַג פֿלעגן מיר קויפֿן בײַ אַ קרעמער, אַ גוי, וואָס פֿלעגט פֿאָרן אויף די ירידים און "אָטפּוסטן" מיט זײַן סחורה; געוווינט האָט ער אין עק פֿון דער גוייִשער גאַס נאָך דער קירכע. איינמאָל האָבן מיר זיך געגוויטיקט אין הילצערנע פֿערדלעך, און אַזוי ווי דער "אָטפּוסט" איז נאָך געווען ווײַט, האָב איך מיט נאָך אַ חבר באַשלאָסן, צו פּרוּוון קויפֿן די זאַכן בײַ דעם גוי אינדערהיים. מיר האָבן שנעל געשפּרייזט אין דעם געסל, אָבער נישט ווײַט דערגאַנגען, זענען אויסגעוואַקסן עטלעכע שקצים און מיט אַ מרשעתדיקן שמייכל אויף אונדז געוויזן: — וואָסערע שיינע פּאות... מיר האָבן זיך נישט אומגעקוקט און געגאַנגען ווײַטער. באַלד זענען געפֿאַלן עטלעכע שטיינער. מײַן חבר האָט געזאָגט: "אפֿשר צוריקגיין?" איך האָב אים געענטפֿערט: "אויב מיר גייען צוריק, כאַפּן מיר מער שטיינער; בעסער גיין ווײַטער". אָבער נאָך די שטיינער זענען געקומען הינט. זיי זענען אונדז איבערגעפֿאַלן מיט אַ מערדעריש בילערײַ, דערמוטיקט מיט די געשרייען פֿון די שקצים: נעמט אים ("וועז' גאָ!"). מײַן חבר איז אַנטלאָפֿן — כ'ווייס נישט וווּהין. איך דאַקעגן האָב אָנגעכאַפּט די פּיס פֿון אַ דורכגייענדיקן פּויער און אים נישט אָפּגעלאָזט... דער פּויער האָט זיך געטרייסלט און די הינט האָבן געבילט, אָבער נישט געביסן. ווען איך האָב זיך אַביסל באַרויִקט, האָב איך געזען, ווי די שקצים שטייען און לאַכן פֿון דערווײַטנס. באַלד זענען אַרויס שיקסלעך און אײַנגעשטילט די הינט, וועלכע זענען אַוועק פֿאַרשעמט.

מיט שקצים האָב איך געהאַט פֿיל באַגעגענישן אויך ווען איך בין עלטער געוואָרן; אָבער מיט דער צײַט האָב איך אָנערקענט, אַז פּונקט ווי די הינט זענען זיי געווען גיבורים — ווען מ'האָט פֿאַר זיי מורא געהאַט, אָדער ווען זיי זענען געווען אין דער מערהייט. איר געדענקט אוודאי יאַנטשי דעם פֿישער, ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט אַלע ייִדן, געוווינט אַפֿילו אין אַ ייִדיש געסל. ער האָט געהאַט אַ זונדל, איז ער געווען אַ קליין אַנטיסעמיטל; טרעפֿט ער מיך אַמאָל בײַם באָדן אין דער קשעמעניץ מיט נאָך איין חבר. מיר זענען געווען צוויי און ער מיט זײַנע חברים זענען געווען פֿיר. זאָגט ער "זשידזשע פּאַרכו", און גיט אַ שמיץ מיט דער ריס. ער האָט געמיינט אוודאי, אַז מיר וועלן וויינען, אָדער זיך בעטן, אָדער גאָר אַנטלויפֿן. מיר האָבן אַראָפּגעשלינגען די שמיץ און געגאַנגען ווײַטער. ער איז אַוועק. אַ צײַט שפּעטער זע איך מײַן שייגעץ נעבן בית־המדרש. ער איז געווען אַליין, איך בין געווען מיט אַ חבר: נו, האָט מען אים געכאַפּט און גוט אָנגעבויקערט. געדענקסט די שמיץ בײַם טײַך? — האָב איך אים געפֿרעגט. ער האָט געדענקט און לאַנג געדענקט...

אַ גאָר באַזונדער ערלעכניש פֿאַרבונדן מיט די גויים, זײַנען פֿאַר מיר געווען די ראַבונקעס, ווען טויזנטער גויים פֿון די אַרומיקע דערפֿער, זענען באַפֿאַלן דאָס שטעטל, אויפֿגעבראָכן די געשעפֿטן און געראַבעוועט וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. צווישן זיי זענען געווען פּויערן

באקאנטע, פיליעריקע קונים פון יידן. זיי זענען געקומען מיט וועגענער, מיט זייערע ווייבער און קינדער... איך געדענק אָבער אויך אנדערע גוים, פשוטע און רואיקע. ווען איך בין עלטער געוואָרן, האב איך זיך באקאנט אביסל נענטער מיט די פויערן. איך האָב באזוכט זייערע הייזער און פעלדער, און אָפטמאָל געוואָרן באצויבערט פון זייער רויק און געזונט לעבן.

קינדער־תענוגים

טראָץ דעם עול התורה פון חדר און שול, האָבן מיר דאָך געהאט אויך פרייע שעהן און אמאל אויך א פרייעם טאָג, אין וועלכע מיר האבן געקענט הנאה האָבן פון לעבן אויף אונדזער שטייגער, און בפרט אין די פעריען פון דער שול און אין די צווישן ימים־טובים־טעג.

פרילינג! נאָכן קאלטן אומעטיקן ווינטער — ווי פריילעכע פויגעלעך האָבן מיר זיך צעשפרייט איבער די גאסן, פעלדער און שטעגן, געמאכט פייפערלעך פון דער קאָרע פון א וויעזשבע, געריסן בעז פון די קשאקעס (איר געדענקט דעם מחיה׳דיקן ריח?). אויב ס׳אייך געלונגען צו געפינען איינס מיט 5 בלעטלעך, האט איר עס נאָר געדארפט באגראָבן אין דער ערד און נאָך א קורצער צייט געפינען אן אוצר... מ׳האָט אנגעהויבן גיין בארוועס; גיין בארוועס זומער איז געווען איינער פון די גרעסטע תענוגים. ליידער — ווען מ׳איז אביסל גרעסער געוואָרן, האָט מען דאס שוין נישט געטאָרט. עס האָט זיך אנגעהויבן דער סעזאָן פון אלערליי שפילן, שפאצירן און באדן אין דער קשעמעניץ. דער קערן פון די זומערדיקע הנאות איז געווען דער פארשידנפארביקער און אזוי רייך אין מינים און ריחות־מארש פון די פרוכטן. די קינדער האָבן זיי געשלונגען אָן א שיעור, און אלץ נישט זאט געוואָרן. די זויערע וויינפערלעך און אגרעסטן, וויינשל און קערשן, היינט די שווארצע יאגאָדעס — זיי זענען געווען ממש ווי דער מן... מ׳האָט זיי געקענט עסן רויערהייט, געקענט צעקוועטשן, מאכן סאָק און לעקן מיט א שטעקעלע, עסן מיט ברויט און — אָן ברויט, קאָכן א קאָמפּאָט, באקן פון זיי יאגדע־קיכלעך און אָנשטעלן יאגדע־סאָק. פון אלע סאָרטן האָט מען געהאט א שווארצע צונג און זיך באלעקט אין דער לענג און אין דער ברייט... שפּעטער זענען געקומען די אנדערע פרוכטן: עפל, בארנעס, פלוימען, — ווער קען אויסרעכנען די אלע מינים! אבער אלעס איז געווען — ווייזט אויס — נאָך ווייניק. פון צייט צו צייט פלעגט מען גיין גנבענען עפל אין... גלחס סאָד. דער גלח האָט געהאט א גאנץ "גיט" אינמיטן שטאָט מיט א שיין הויז מיט שטאַלן, און ווער ווייסט וואָס נאָך. מיר, קינדער, זענען זעלטן אהינגעקומען, דער סאָד אָבער פון גלח האָט זיך געצויגן ביז צו א יידיש אפגעזונדערט געסל; ס׳האָט ווער ארויסגעריסן א שטאכעט פון פלויט און דורך דעם לאָך פלעגט מען זיך אריינכאפּן רייסן עפל, — מ׳זאָגט דאָך "מים גנובים ימתקו", געגנבעטע עפל האָבן געדארפט זיין זיס, אָבער גראָד זענען זיי געווען זויער, און חוץ האַרץ־קלאפעניש האָט מען פון זיי מער גאָרנישט געהאט, אָבער א גבורה איז דאָס דאָך געווען...

אויף דער הארבסט מיטן גרויען ווינטער האָבן געהאט זייער איינגנארטיקייט: די ירידים, די חגאות און — להבדיל — די יידישע ימים־טובים. די ימים טובים זענען געווען איינגעפאסט ווי איידל־שטיינער אין אלע תקופות פון יאָר. אמאָליקע ימים טובים!... די פילע הכנות צו

זי, דעם ערנסט און די מי זיי צו באשיינען און פארהייליקן. היינט קענט איר זיך פאָרשטעלן דעם פסח אין יענע צייטן? וויפיל וואָכן פון זאָרג און צוגרייטן, אין וועלכע יעדער מיטגליד פון דער משפחה האָט גענומען אָן אָנטייל. א וואָך אָדער צווי נאָך פורים פלעגט די מאמע שוין איינלייגן דעם באָרשט אויף פסח. זי איז ארויף אויף דעם בוידעם. אראָפגענומען א פּאָר פסחדיקע טעפּ, געבראכט וואסער פון ברונעם אין מארק, זיי דורכגעזייעט דורך א ריינעם טוך, אָפּגעשיילט און צעשניטן די בוראקעס אין טאָפּ, אנגעפילט אים מיט וואסער און אוועקגעשטעלט אין א ווינקל גוט צוגעדעקט. ווי איז געווען דעם, וואָס האָט דאָרט געוואלט א שמעק טון... א וואָך שפּעטער האָט מען אנגעשטעלט דעם ראָזשינקע־ווין. היינט דאס קלייבן דעם ווייץ פאר די מצות! מ׳האָט אויסגעשיט א בערגל קערנער אויפן טיש און געקליבן יעדעס פּעפּערל און אויסוווקס. אסך טעג האט געדויערט, ביז מ׳האָט ארייגעלייגט דעם ווייץ אין זעקל און געטראָגן מאָלן אין דער זשארנע. שפּעטער דאָס באקן די מצות און אהיימטראָגן די שמעקעדיקע און קרוכע אין א בלאנקעדיקן ציכל; דאָס שייערן, כשרן און גליען, און דאן די סדר־נאכט, וואָס איז עפּעס געווען א נאכט אויסגעטאָן פון טאָג־טעגלעכן...

אין די אלע הכנות האָבן אָנטייל גענומען אלע קינדער, און אפילו מער ווי מ׳האָט פון זיי פארלאנגט...

די ימים נוראים געדענק איך מיט זייער זיסן ציטער, זייערע נשמה־פארכאפּנדיקע ניגונים. אונזערע יונגע הערצער צאפּלען פון חרטה און אונטערטעניקייט פאר אונדזערע "חטאים". ווער פון אונדז האָט נישט קיין חטאים?

און אזוי אלע ימים טובים — פול מיט גלויבן און טראדיציעס, זאפט און פארב, ווי אַן אלטער וויין...

אזוי האָט שטיל זיך געוועבט אונדזער קינדהייט מיט אונדזער ליידן און פריידן. דאס לעבן איז געווען אזוי נאטירלעך און מיר האבן געמיינט, אז אזוי וועט אלץ אנהאלטן אויף תמיד.

שמואל בן חיים שאלער

פון טארנאָבזשעג קיין באראנאָוו

„באראנאָווער קליסקע“ — אזוי האָט מען מיך גערופן אין טארנאָבזשעג, אין זכות פון מיין זיידן, ר׳ בנימין׳לע שאלער, וועלכער האָט געוווינט מיט א טייל פון זיינע קינדער אין באראנאָוו. א שפרוך איז געווען פארשפרייט אין דער געגנט: „סאָקאָלאָווער עדות האָבן געזאָגט, אז מיעלעצער גנבים האָבן געגאנוועט א באראנאָווער קליסקע און באהאלטן אין דזשיקאָווער וואָרקעס“. אין מויל פון ליצני העירות איז באראנאָוו געווען די קליסקע — קליין, אבער היימיש און באטעמט...

האָב איך טאקע יעדעס יאָר געהאָפּט אויף די פעריען; אוועק אויפן דזשיקאָווער מאלירינעק, דאָרט האָט שוין געוואַרט שלום באראנאָווער מיט זיין עגלה; אויסגעסדרט זיך אין די שטרויענע געזעסן, איינגעפּאסט די קני צווישן דעם שכן׳ס און — „פּאָיעאכלי“. דער שאָסיי, אויסברוקירט מיט שטיינער, האָט אביסל אונטערגעטרייסלט, די זומערדיקע זון פארשטעלט מיט די צווייגן פון עפּל־און קאשטאן־בוימער, וועלכע האָבן באגלייט דעם וועג. אדרוכגעפאָרן דאס פּאוויאטאָווע שפּיטאָל, איז מען ארויס צווישן פעלדער און וועלדער, יעדע פאָר קילאמעטער א דאָרף: מאכאָטשין, קאמיעוו, מיעכווו, נאגנאיעוו, סאָכאַרווו, — און אָט דערנענטערט מען זיך שוין צום שטעטל. די מידע פערדלעך דערפילן שוין די היים, יאָגן אונטער, די פּאסאזשירן פרווון זייערע איברים... מ׳וועקט אויף א„פארשלאָפענעם“ פוס, מ׳גלייכט אויס די פלייצעס, מ׳שאָקלט כאָטש אביסל אָפּ דעם שטויב, דאָס אָפענע פעקל האָט זיך אויסגעליידיקט פון דער צידה לדרך, פארמאכט מען עס איצט. איינצעלנע נידריקע הייזלעך — און דער וואָגן קאטשעט זיך אריין אין ברייטן באראנאָווער מארק. ס׳איז נאכמיטאָג. די געשעפטן אָפן, ליידיק. ביי די טירן באווייזן זיך בעלי־בתים אין סאמעטענע יארמולקעס אויפן קאָפּ און ברייטע טלית־קטן׳ס, אָדער א יידענע אין א פאטשיילע; נייגעריקע בליקן באגלייטן דעם וואָגן: „ווער איז געקומען?“ וואָס הערט זיך אין דזשיקאָוו? — מ׳לעכצט נאָך אביסל נייעס...

א ברייטער שמייכלדיקער שלום־עליכם פון זיידעשי, א היימישער קוש פון דער באבעשי, א קניפּ אין בעקל פון פעטער איטשע מאיר, אָבער מיך ציט שוין ארויס אין דרויסן צו די באראנאָווער נפלאות...

פיל פיל זאכן זענען דאָ, וואָס אין דזשיקאוו איז נישט צו טרעפן; ערשטנס — דאָס ברונעמל. אין מארק שטייען טאקע צוויי ברונעמס, צוגעדעקט אויף שפּיץ, אָבער כמעט יעדע שטוב האט

אַן אייגן קליין אייזערן ברונעמל, אַ ליליפּוטעלע, אָבער ווי רייצט עס... האָפּ, האָפּ, און שוין איז דאָ וואַסער. אַזוי האָט זיכער אויסגעזען די באר של מרים אין דער מדבר...

דאַן אַ שפּאַציר צו דער מומע רייצע אויף דער הויף־גאַס. די מומע ווי די מומע, אָבער אויפן וועג פּאַשן זיך ווייסע קאָזעס, יידישע קאָזעס מיט ווייסע בערד! אמת, די הערנער שרעקן אַביסל אָפּ, אָבער רייצן און וואַרפן שטיינער אויף יידישע קאָזעס — איז דאָך אַן עכט פאַרגעניגן. — אין דזשיקעוו איז נישטאָ אַזוינס... און בכלל זענען באַראַנאָווער יידן נאָענט צו דער נאַטור געווען — די גערטנער פאַרזעצט מיט ביימער, מיט צוקער־בעבעס. פאַראַן דאָ אַן אייגן ראש־חודש־רעטעכל און שאר ירקות. באַזונדערס האָב איך הנאה געהאַט אָפּצוטרעטן ביי מיזשען; מיט שטאָלץ האָט זי מיך געפירט פון איין בייט צו דער צווייטער, זיך באַרימט מיט איר ווירטשאַפט און צום סוף מכבד געווען מיט אַ גרויסן רייפן אייערבירט.

די זון האַלט ביים אונטערגיין און דער עולם רוקט זיך אין בית־המדרש אַריין. גאַליציאַנער סאַמעטענע קאַפּעלושן, זעלטענער אַ שוואַרצער שטאָפּענער, רונדיקע סאַמעטענע היטעלעך מיט קליינע דאַשקעלעך, פּאות־פּלעשעלעך, געצאַצקעטע, געטאָקטע, — מ׳גייט צו מנחה־מעריב. אויפן וועג כאַפּט מען אַ שמועסל, אַ גלייכוווערטל, אָדער סתם אַזוי אַ "וואָס הערט זיך?" אַדורכגעגאַנגען פאַנצער׳ס אייזן־געשעפט, איז מען אַריין אין שמאָלן געסל און אָט באַלד דערזען די חורבות פון דער נישט־געענדיקטער שול און דאָס בית־המדרש. פון הינטן — אַ גרינע לאָנקע, פון דער זייט אַ שמעקעדיקער סאַד און דער שטייענדיקער טייך. אויך דאָ אַלעס גרין, אַפילו דער טייך; ברייטע בלעטער און געלע וואַסער־בלומען פאַרדעקן זיין אויבער־פלאַך. דאָ האָט מען זיך פאַרמאָסטן אין "קאַטשקעס" מאַכן: ווער ס׳וועט שענער איבערגליטשן אַ שטיין איבערן וואַסער־שפּיגל און אַנדערע ענלעכע יינגלישע שטיפעריייען.

און הילצערנע טראָטוארן האָבן דען טראַנאָבזשעגער יינגלעך געזען אַמאָל? אַ פייג! דאָס איז אַ באַרניווער ספּעציאַליטעט. געפירט האָבן אַזעלכע פון בית המדרש ביז צו דער הויף־גאַס. דאָרט איז שוין געווען בעטאָן — ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ הויף. די ברעטלעך פון טראָטואַר האָבן שוין געקרעכצט פון עלטער, געווען שוין פאַרפוילט, אַביסל צעבראָכן; זיי האָט מען שוין אָבער נישט פאַרעכט, דאָך האָבן זיי אין מיינע אויגן געהאַט דעם צויבער פון אַלטערטימלעך־היימישן.

אַפילו די באַראַנאָווער גויים זענען געווען אַנדערע — עפּעס מער היימישלעך, מין שבת־גויים. מ׳האָט נישט געוווסט וואָס דער גלח פּרעדיקט צו זיין צאַן מרעיתו זונטיק. וועלכער גוי האָט דען ליב יידן? — אָבער גערעדט האָט מען וועגן אים, ווי וועגן אַ היימישן; איז דאָך דער קלויסטער מיטן גלחס גאָרטן געשטאַנען אין נאָענסטן שכנות פון די יידישע גערטנער. געקומען אַ ׳כאַסלערל׳ (אַ גוייִשע חתונה) אין שטעטל, די שקצים און שיקסעס אויסגעשלייערט, די פערד פאַרפּוצט מיט געלע בלומען, האָבן זיך די מיידלעך פאַראינטערעסירט, ווער איז די כלה — קאַשקאַ צי מאַרישקאַ? און ווער איז דער חתן?

דער פאָסט־טרעגער איז געווען אַ גאַנצער "פּאַן־בראַט"; שבת פאַרן דאַווענען האָט מען אים אומגעדולדיק אָפּגעוואַרט, ער זאָל די פאָסט אַוועקלייגן אויפן טיש (נעמען פון אים האָבן נאַר

קאלעדיקע געוואגט . . .) אפילו פון דעם ערל האָט זיך געפּילט עפּעס שבתדיקס. וועגן די שבת־גויים, די איינהייצער, שימעק, בעל הקרוליקעס, און דער "קרומער פּיסק" — איז דאָך בכלל נישטאָ וואָס צו רעדן — שטיקער יידן . . . פּרנסה האָבן זיי געהאט נאָר אדאנק דעם שולחן־ערוך, האָבן זיי שוין געוווסט גענוי, וויאזוי זיך צו פירן, לכל פּרטיהם ודקדוקיהם. איינגעשמירט מיט סאַדזע, זענען זיי געלאָפן פון איין שטוב צו דער צווייטער, חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן דאָס איינהייצן, די קאַווע דאַרף דאָך זיין הייס נאָך פאַרן דאַוונען. און דאַן דאַרף מען באַווייזן צוצולייגן צום פייער און נעמען די חלה.

אין דער פינפטער קלאַס איז מיר אויסגעקומען צו לערנען איין חודש אין דער פּוילישער שולע; האָב איך א חודש גענאָסן פון א ספּעציעלער באַראַנאָווער פּריווילעגיע, געזעסן אין קלאַס מיט א סאַמעטן קאַפּל אויפן קאָפּ; ממש א וואונדער — ביי די דזישקעווער אַנטיסעמיטישע לערער איז דאָס אפילו אין באַטראַכט נישט געקומען. געקומען אין דער פרי אין שולע; אויף דער מזרח־וואַנט הענגט זיך דער יויזל, די 'פּאַניע' (די לערערין) זאָגט "פּאַציעזש" און די יידישע יינגלעך היטן דאָס קאַפּל, אז ס'זאָל זיך חס וחלילה נישט אָפּרוקן פון מיטן קאָפּ . . .

פיל פיל יאָרן זענען דורכגעלאָפן זייט מיינע יינגלשע באַזוכן; אסך האָט מען דערווייל דורכגעלעבט, געוואַנדערט און געמוטשעט זיך אין די מלחמה־יאָרן, מיטגעמאַכט דעם ענטוזיאַסטישן געראַנגל פאַר העפּלה, דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון ישראל, און דאָך קען זיך מיר דאָס שטעטל נישט פאַרגעסן. עפּעס אַזוי היימישלעך, משפּחהדיק איז עס געווען . . .

אָט איז פרייטיק נאָכמיטאָג. אָנגעטאָן אין אויסגעריבענע בגדימלעך, אין האַנט א שמייס־בעזים יאָגט מען זיך אין מקווה, אין שוויץ־באָד אַריין. צוריק קומט מען צעפּלאַמט, רויט, מיט נאָך טריפנדיקע פּאות. אויפן וועג כאַפּט מען זיך נאָך אַריין צו אשר קעמפּלער אין שענק אויף א האַלבע ביר און פאַר־בייסט מיט אביסל אויסגעזאָטענע אַרבעס. אָפּגעשוואַנקט דאָס גאַנצע וואָכעדיקע, איילט מען זיך אין שטוב. פאַרגלעט די פּאות, צוגעגלעט די באָרד, טוט מען זיך אָן די שבת'דיקע זיידענע בעקעשע, דאָס ברייטע חסידישע שטריימל, דאָס פּנים רויטלעך פריש, די אויגן גלאַנצן — איצט קען שוין די שבת מלכה קומען. יעדעס ווינקעלע פול מיט ריינלעכקייט און הייליקייט, דער בליצלאָמפּ פאַרשפּרייט א העל־ווייס ליכט, אויך די ליכט אין די מעשענע לייכטער צאַנקען און שפּרינגען קדוש, קדוש . . .

נישט געפעלט האָבן אויך אין שטעטל מחלוקתלעך — טאַקע ווי אין א לייטישער משפּחה . . . און ווי קען דען זיין אַנדערש? מיט וואָס וועט זיך דען באַפרידיקן דער נאַטירלעכער יצר צו אביסל רכילות אדער ליצנות? געענדיקט אַריינקוקן אין א ספר, לייענען א צייטונג אָדער א ביכל, האָט מען זיך גענומען צום ראש הקהל, צו די גבאים, צו די "ציוניסטלעך", אָדער — פאַרקערט, צום רבס מענטשן. דער צענטער פון דער יוגנט איז געווען אין איטשע געלבערס גרינער בודקע. דאָ, צווישן איין לעקער־ביסן צום צווייטן, האָט מען אויסגעהערט איטשעס שאַרף־ווערטלעך, צוגעגעבן כהנה וכהנה, און אַרויס איז מען מיט א געדאַנק וועגן א ניי שפּיצל די בעלי־בתים אָנצוטון. ווער געדענקט דען נישט דעם זאַק סאַזשעס, און נאָך אַנדערע ענלעכע "שטיקלעך"?

ווי אין אנדערע גאליציאנער שטעטלעך זיינען בחורים און "זיידענע יינגעלייט" אין קיין ישיבות נישט געפארן. דער לימוד תורה האט זיך קאָנצענטרירט אין בית־המדרש. דאָ איז געזעסן א בחורל, וועלכער איז ערשט ארויס פון חדר, נעבן א בעל בעמיו, א ייד א זקן, וועלכער האט שוין פון צייט צו צייט א דרימל געכאפט איבער דער גמרא. דעם טאן האָבן דאָ געגעבן די עלטערע בחורים; דער סימפטאָם פון זייער מעמד איז געווען דאָס אָפטוישן דאס רונדע סאמעטענע היטעלע אויף א קאפעליוש. זיי זענען געווען די מתמידים, זיי האָבן געלערנט א שיעור די יינגערע (פארשטייט זיך, שלא על מנת לקבל פרס), זיי האבן געזוכט א הארבע קשיה און שארפן תירוץ. פון זיי האָבן זיך אויך "געשניטן" די אינעליגענטן. געווען אין באַראַנאָוו פיל בעלי תורה; דאָס יידישקייט, דער לימוד, זענען געווען אן אומטיילבארער חלק פון לעבן. קען דען אנדערש זיין? געווען ציוניסטישע אָרגאניזאציעס, א יוגנט וועלכע איז נאָך ווייטער פארקראָכן... אָבער אן איידלער בחור איז אין באוווסטזיין פון אלע געווען דאָך דער לערנער, דער שארפער מוח, א בית־המדרש בחור, וועלכער האָט זיך שוין צוגעכאפט צו א ביכל — ער האָט עס נישט סתם געלייענט, ער האָט עס געלערנט, געזוכט כוונות. דאָס ערנסטקייט און טיפקייט פון דער גמרא איז איבער־געטראָגן געוואָרן אין וועלטלעכע ענינים. פון דאנען דער ערנסטער כאראקטער פון באַראַנאָווער ציוניזם און פון דער באַראַנאָווער לייענענדיקער יוגנט.

אלס גאסט אין שטעטל האָב איך געהאט די זכיה, אז די גרויסע — דער פעטער יהושע שאלער ז"ל אדער דער קוזין ישעי' וואגנער, האָבן מיך פארנאכט מיטגענומען אויף א שפאציר צווישן די פעלדער; זייערע געשפרעכן האָב איך ווייניק וואָס פארשטאנען, צו ערנסטע געווען.

אין צענטער פון מיינע זכרונות שטייט מיין זיידנס, ר' יאָמאלעס הויז (ר' בנימין שאלער הי"ד). צום פראָנט פון מארק איז געווען דאס געשעפט; דאָ פלעגן קומען די גויים פון דער סביבה פארקויפן די גרויסע געלע באַראַנאָווער אייער. דינסטיק אין יריד־טאָג איז דאָ געווען פיל — די הענט זענען מיד געוואָרן פון ציילן. אין אנדערע טעג איז געווען "שיטערלעך"; פון צייט צו צייט איז אריינגעקומען מיכאל שענדאָרף, שלמה האָלענדער, אדער מעכל פינעלעס, אדער אן אנדערער בעל־הבית, כאפן א שמועסל, א חסידישע מעשה דערציילן, אָדער אביסל וועלטפּאָליטיק אדורכקייען. אין שטיבל דערביי האָט געהאָנגען דער גרויסער הילצערנער טעלעפאָן, אין דער זייט א הענטל צו דרייען. צו דעם פארכשופטן מכשיר האָט מען מיך נישט צוגעלאָזט. מיט קנאה האָב איך געקוקט אויפן זיידן: א דריי און נאָך א דריי און ער רעדט שוין מיטן "פאן פאָטשטמיסטש" און שפעטער מיט טארנאָבזשעג, מיט מיעלעץ און אפילו מיט — ווארשע — הפלא ופלא!...

דאס פאָרהויז, א גאָר ברייטער דורכגאנג, האָט געפירט צום בעבעס גאָרטן, צום אייער־סקלאד און צו די קעלערס מיט די קאדזשן קאלך־אייער. פון דער צווייטער זייט איז געווען ניסן צוקערס וווינונג און ירמיה לייבאוויטשעס גאָרטן; אין אים צוויי גרויסע עפל־בוימער. אין מיין פאנטאזיע: עץ החיים ועץ הדעת... אין עק פון פאָרהויז איז געווען דער פלאַץ פון דער סוכה און סוכות האָט דאָ אויסגעזען ווי א פאלאַץ. אראָפגענומען די קאסטענעס פון

בוידעם, האָט מען לאנגזאם ארויסגענומען די קאַלירטע פייגל, געמאכט פון אויסגעבלאָזענע אייער, פארקלעבט מיט רויטן טריוואקס די אָפגעריסענע פליגל, האָט מען זיי אויסגעהאָנגען אונטערן שלאק; אויף די ווענט די אושפיזין, מאַלערייען, — אלעס מיט כוונה — זה אלי ואנווהו.

דער זיידעשי בנימין׳לע איז געווען א פאטריארכאלישער טיפ. אין דער משפחה האָט מען נישט געטון דאָס מינדסטע אָן זיין וויסן און עצה. א קלוגער ייד געווען. פאר דער מלחמה איז ער שוין געווען א בן שבעים און געפירט האט ער זיך ווי א יינגערמאן: אליין נאָך געשטאנען בראש פון אייער־געשעפט, געווען פארבונדן מיט סוחרים פון דער גאנצער געגנט, מיט ווארשע און אויסלאנד. קיינמאל האָט ער קיין צייט נישט געהאט — געשעפטן, קהל־ענינים... תמיד גיך, גיך, מיט קליינע גיכע טריט, אויסגעפוצט, ריין. געווען איז ער פון רבס מענטשן, געפאָרן אמאָל צום טשאָרטקעווער רבין אָדער צום שעניאווער רבין, אָבער ווייט געווען פון גלויבן אין מופתים, ער האָט פארשטאנען דאָס לעבן.

דאָס היימישע, ליבלעכע שטעטל באראנאָוו איז מער נישטאָ; געבליבן זענען בלויז זכרונות — ווענס הערצער וועלן זיי נאך וועקן? וועמען וועלן זיי נאך זיין פארשטענדלעך?...

שרה בירנבוים (שלר)

ערב יום־כיפור

איך וויל זיך דערמאנען און אנשרייבן, ווי ס׳האט אויסגעזען די נאכט פון ערב יום־כיפור אין אונדזער שטעטל.

גלייך ווי אלע משפחות האָט אויך אונדזערע שוין א פּאָר וואָכן פאר די ימים טובים אָנגעגרייט ״כפרות״ אויף ערב יום־כיפור. גאנצע נעכט האָבן די הענער אראָפּגעקרייעט פון בוידים, אזוי אז ס׳איז געווען כמעט אוממעגלעך צו שלאָפן. די נאכט פון ערב יום־כיפור האָט זיך מיין טאטע, יאָמעלע שאלער ע״ה אויפגעהויבן 2 א זייגער ביינאכט, געגאנגען זיך טובלען אין דער מקוה; אויך מיין מאמע, מלכה׳לע ע״ה, און איך, נאָך דאמלס א יינג מיידל, האָבן זיך שוין אָנגעטון און ארויף אויפן בוידים כאפן די ״כפרות״. די קולות פון די עופות זענען געווען אין לשער. ווען דער טאטע איז צוריקגעקומען פון מקווה, האָט מען זיך גענומען שלאָגן כפרות. דערנאָך זענען אָנגעקומען די שוחטים, אליעזר שוחט און חיימל שוחט, מיט די שמשים, חיים שמש און פאָלקע שמש, מיט אש אין דער האנט און מיט לאנגע לאמטערנס. זיי זענען געגאנגען צו אלע חשובה בעלי־בתים אהיים, שעכטן די כפרות. דאָס האָט אזוי געדויערט פון 2 א זייגער ביינאכט ביז גאנץ פרי, דעמלט זענען זיי שוין אהיים געגאנגען. דאָרט האָט זיך געענדיקט די שחיטה מיט א שטופעניש פון די ווייבער, וואָס דער שוחט איז נישט צו זיי אהיים געגאנגען.

בייטאָג איז דער טאטע ווידער געגאנגען אין מקוה און מען האָט זיך געזעצט עסן די ערשטע סעודה. 2 א זייגער בייטאָג איז דער טאטע געגאנגען דאווענען מנחה, צעטיילט אביסל געלט (פאר די אָרעמעלייט פון שטעטל), ווייל מ׳האָט דאָך אים געהאלטן פאר א גביר. אהיימקומענדיק האָט מען זיך שוין געגרייט צום עסן די צווייטע סעודה. 4 א זייגער האָט מען שוין פערענדיקט דאָס עסן און מ׳האָט זיך געגרייט צום ווינטשן. דאָס ווינטשעווען זיך אין שטוב פאר ״כל נדרי״ האָט אויסגעזען זייער טרויריק — מ׳האָט אזוי פיל געוויינט און זיך געווינטשעוועט, אז ס׳איז געווען א פחד . . .

דער טאטע מיטן שטריימל, אָנגעטון אין זיין שווארצער זיידענער בעקעשע און אויף דעם זיין לאנגער ווייסער קיטל, די מאמע — אין איר ווייסן שירצל און א שאליק אויפן שייטל, זיינען געגאנגען צוזאמען מיט מיין ברודער יהושע, צו כל נדרי; איך, מיט די טרערן אין די

אויגן, האָב זיי געווונטשן, אז זיי זאָלן זיך אויסבעטן א גוט יאָר. איך בין געבליבן אליין אינדער־היים. אין שטוב האבן געברענט גרויסע יאָרצייט־ליכט און אלעס איז געווען אזוי ווי איינגעהילט אין א גרויסער אימה. איך האָב זיך צוזאמענגענומען מיט מיינע חברטעס אין איין שטוב אריין און יעדע איינע פון אונדז האָט זיך באזונדער אין איר ווינקל גענומען דאווענען מיט גרויס כוונה. פון צייט צו צייט זיינען מיר געגאנגען פון שטוב צו שטוב א קוק געבן, צי די ליכט ברענען; מיר האָבן דאָס געטון מיט גרויס מורא, ווייל בשעת "כל נדרי" האָט מען נישט געזען אין גאנצן שטעטל קיין איין מענטש אויף דער גאס, ווייל אין צענטער פון שטאָט האבן געוווינט בלויז יידן.

פרומצ׳ה שליסל־בניאל

האבות והבנים

בית הכנסת היווה את המרכז הרוחני והנפשי של קהילתנו בארניב שנחרבה בידי שונאינו.

מי יזכור את הנפשות הטהורות שמילאו את עיירתנו חיים — חיי מסורת ולימוד תורה, קיום מצוות ואהבת הבריות, גידול בנים וחרדה לדרכם העתידה. יום יום ליוו הבנים הצעירים את אבותיהם בדרכם לבית הכנסת. התפילה בציבור איחדה את הלבבות, ובעת צרה לא נותר איש עזוב לנפשו. פני המתפללים גילו ללא אומר מי ומי נזקק לעזרה שהושטה בסתר.

בסמטת בית הכנסת שכן אף ביתו של הרב, ר׳ איצ׳אלי הורוביץ ז״ל. בשבתות ובחגים המה ביתו מרוב חסידים, ובאותם הימים נשמעו ללא הפוגה קולות הלומדים בגמרא ובפוסקים.

גם אשת הרב, הרבנית מיר׳לה הורוביץ, שירשה מוח חריף מאביה הרב הגאון, ר׳ משה הורוביץ מרוזוואדוב, התמסרה ללימוד התלמוד בתוך חדרה, וזיו של אושר שמימי היה נסוך על פניה בשעת המעשה.

בתם יוכבד, (חבד״ל), הפכה — בעיקר בשל ידיעותיה והבנתה את הספרות העברית, הפולנית והגרמנית למקור השראה לבנות העיירה ששאבו ממנה עידוד והחליפו איתה ידיעות והת־רשמויות.

אולם בימים ההם אסור היה להחזיק ספרי לעז בבית הרב, ועל כן הוחבאו הללו במיטה מתחת למזרונים, שמא יתגלה הפסול.

עם התפשטות התנועה הציונית הקים לו הנוער בכוחות עצמו מועדונים ציוניים — מועדון לנערים ומועדון לנערות — שניהם בנפרד נוסדו, כדי שלא יתרחקו הבנים מדרך האבות.

מורה לעברית לא היה מצוי בעיירה, אך בני הנוער קנו להם ידיעות בלשון העברית בלימוד עצמי. בכך נעזרו בעיקר במכתבי שבח וולקובסקי שהיה אחד מן המחנכים המעולים בקראקוב.

כמו כן פיתח הנוער פעילות תרבות ענפה. בין היתר התארגנה להקה להצגות מחזות. רושם רב עשתה הצגת המחזה הראשון ״השטן בגן עדן״ שהועלה על הבימה בידי קבוצת בנות בלבד. באותה הצגה השתתפו: ליצי רוזנצווייג, רוזה הולנדר, חייצ׳ה הרצברג ובנות פנסטר וטייכמאן. ההצגה התקיימה לפני נשים בלבד, והכניסה לגברים היתה אסורה. רק ליד השער ניצב משמר של שלושה תרבותניקים: חיים הורוביץ, רפאל רוזנצווייג ויצחק רוזנפלד.

עם תחילת ההצגה הגיעה השמועה על נוכחות הבחורים במהירות אל אוזני האבות שראו

בכך פגיעה חמורה במינהגים מקודשים. חיש מהר הגיעו למקום מזוינים במקלות, כדי להוציא את בנותיהם בכוח מזירת העבירה, אך בכניסה נתקלו בשומרי הפתח שמנעו מהם את הכניסה. בינתיים התקהלו ברחוב גם מספר נוצרים ששאלו על המתרחש. להם השיב אחד מיהודי העיירה, נטע בר. אך השפה הפולנית לא הייתה שגורה בפיו, ועל כן נכשל בלשונו בענותו: "regilia się pali" במקום: "religia się pali" (הדת בוערת). התשובה עוררה צחוק אצל הנוצרים, והם פנו לענייניהם. אך אבותיהן של הבנות, שנוכחו בהצגה, התיחסו בחומרה לאותה התקרית ופנו לרב העיר בשאלה, כיצד לכפר על עוון זה. אולם אנו, הבנות, לא ראינו עוול בקיום ההצגה, וכוונותינו היו טובות וטהורות.

בתקופה של חיים תוססים בעיירתנו, בדצמבר 1925, עליתי ארצה, ואף זכיתי להעלות את אבי ז״ל עם בני ביתו — לפני עלות היטלר ימח שמו לשלטון.

מענדל פענסטער

אין די יאָרן 1918—1919

ס׳איז געווען אין די יאָרן 1918–1919, נאָכן צוזאמענפאל פון דער עסטרייכישער מלוכה און אויפקום פון דער פוילישער מדינה. עס האָבן זיך דאמלס אָרגאניזירט אנטיסעמיטישע פאָג־ראָם־באנדעס, מיטן צוועק אָנצופאלן אויף יידן, זיי בארויבן און פאָגראָמירן. אונזער שטעטל איז נישט געווען קיין אויסנאם. איינמאל אין א שיינעם פרימאָרגן איז מען אויפגעשטאנען אין דער פרי און עפנענדיק די געוועלבער, האָט מען פלוצים באמערקט גרויסע מאסן פּאָלאקן — מענער און פרויען — ארומשפאצירן אין די גאסן. די יידן האָבן באלד דערשמעקט א פּאָגראָם־שטימונג און פארמאכט די געוועלבער. די מאסע איז געוואָרן אלעמאָל גרעסער און גרעסער און זיי האָבן אָנגעהויבן אויפצורייסן טירן און רויבן די געוועלבער. מיר, א פּאָר יונגע בחורים, ערשט צוריקגעקומענע פון עסטרייכישן מיליטער, נאָך אנגעטאָן אין די מיליטערישע מלבושים, האָבן זיך געווענדט צו דער געמיינדע, אזוי זי זאל אונז געבן געווער; מיר האָבן באקומען א צוויי־דריי ביקסן אלטע, וואס האָבן נישט געשאסן. מיט דער הילף פון איין זשאנדאר האָבן מיר אביסל צוריקגעהאלטן דעם צערייצטן המון. די שטימונג פון א פּאָגראָם האט נאָך אָבער אלץ געהאָנגען אין דער לופט. די פּיאקערס צו דער באן זענען נישט געפאָרן — דער גאנצער וועג אהין איז געווען באלאגערט מיט פּאָגראָמשטשיקעס.

מיין ברודער הערש לייב איז גראָד געקומען צו פאָרן מיט דער באן און נישט טרעפנדיק קיין איינציקן פּיאקער, האָט ער באין ברירה געמוזט אהיימגיין צופוס. אויפן וועג האָט ער אָנגעטראָפן די פּאָגראָמשטשיקעס. נישט וויסנדיק, צי ער איז א ייד צי נישט, האָבן זיי אים אריינגעוואָרפן אין א גרוב. ער איז קוים לעבעדיק אהיימגעקומען.

די לאגע איז געווארן יעדע מינוט געפערלעכער. נאָכמיטאג זענען אנגעקומען א 15 סאָלדאטן מיט אן אפיציר, צו האלטן ארדנונג. זיי זענען איינגעשטאנען אין הויף און מיר האָבן געמיינט, אז עס וועט זיך איינשטילן.

דעם צווייטן טאָג איז מען אויפגעשטאנען גאנץ פרי (ווייל מ׳האָט אזוי אויך נישט געקענט שלאָפן), האָט מען דערזען נאָך א גרעסערן המון ווי נעכטן, גוט ארגאניזירט, און באלד האָבן זיי אָנגעהויבן צו רייסן די טירן און רויבן. מיין פאָטער ע״ה איז געשטאנען אין טלית און תפילין און געדאווענט. דאָס געוועלב אין פראָנט איז געווען פארמאכט און אויף איינמאל זעען מיר א גרויסע מאסע פּאָגראָמשטשיקעס צעברעכן דעם גאָרטן־פּלויט הינטערן הויז און אין געציילטע

מינוטן זענען זיי שוין אין הויז און אָנגעהויבן ראַבעווען. איך האָב אויפגעריסן די פראָנט־טיר און מיר זענען ארויס אין גאס ; דאָרט האָט מען גערויבעוועט אין די פראַנט־געוועלבער. עס האָט שוין געהאלטן ביי איטע ברײַנדלס און פסח צוקערבראָדס געוועלב און ביי וואָלף פעפער. דער לעצטער האט געשטעלט א שטאַרקן ווידערשטאַנד און האָט די פּאָגראָמשטשיקעס באַגאָסן מיט נאַפט און געוואָרפן זאַלץ אויף זיי. דערווייל האָט מען געלאָזט וויסן דעם מיליטער. זיי זענען געקומען צולויפן און אָנגעהויבן שיסן, ווען זיי זענען נאָך געווען ביי שמחה לייבאָוויטשעס הויז. די כוליגאַנעס זענען ארויס פון פסח צוקערבראָדס הויז מיט אָנגערויבטע זאַכן. נתן יוזפס זון איז געשטאַנען אין דרויסן מיט א טאָפּ אין דער האַנט און יעדן פּאָגראָמשטשיק געגעבן א זעץ איבערן קאָפּ. דאס מיליטער האָט נאָכגעיאָגט די באַנדע הינטער דער שטאָט און פאַרפירט א קאַמף מיט זיי. דריי פון דער באַנדע זענען געפאַלן טויט.

דאס מיליטער איז נאָך פאַרבליבן אין בארניוו א פּאָר וואָכן ביז די לאַגע האָט זיך אביסל באַרויקט. איך בין נאָך פאַרבליבן אין בארניוו ביז אויגוסט 1920 און דאַן אַריבער קיין אמעריקע.

מיין איינציקער חלום דאָ איז געווען, צו האָבן אמאָל די געלעגנהייט צו קומען קיין בארניוו. ליידער איז די געלעגנהייט קיינמאָל נישט געקומען...

ברוך נוסענבאָום

צוליב א מיליטערישן מאנטל אָפּגעדאנקט פון בירגערמייסטער־פּאָסטן

צווישן די אלע געוועזענע זעלנער, וואָס זענען אהיימגעקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אויך געווען ברוך נוסענבוים. צוליב דעם וואָס ער איז געווען צוגעטיילט צון א מיליטערישן באקליידונג־לאגער, האָט ער געהאט די מעגלעכקייט זיך אָנצוטאן אין א בעסערן מאנטל.

די קריסטלעכע שקצים, וועלכע האָבן זיך דעמלט אָרגאניזירט אלס פּאָליציי־שוץ, האָבן געוואָרפן אן אויג אויף דעם מאנטל און איינמאָל אין א שיינעם טאג, ווען ברוך האָט זיך געפונען אינמיטן מארק, זענען די שקצים צוגעקומען צו אים און פארלאנגט פון אים דעם מאנטל, מיט דער דערקלערונג, אז אזויווי זיי היטן די שטאָט ביינאכט און ס׳איז זיי קאלט, ווילן זיי האָבן דעם מאנטל. ברוך האָט פּראָטעסטירט, אז ערשטנס — האָט זיי קיינער נישט באשטימט אלס היטער, זאָלן זיי געבן דאָס געווער די יידישע יינגעלייט, וועלן זיי אליין היטן די שטאָט, און צווייטנס — איז איצט ווינטער און ער האָט נאָך נישט קיין ציווילע קליידונג.

זיי האָבן געוואלט מיט כוח אראָפּשלעפּן פון אים דעם מאנטל, זיינען אָנגעלאָפן מענטשן, צווישן זיי ר׳ ניסן צוקער ע״ה, ער האָט געמאכט א געוואלט און ברוך האָט אויפגעפאָדערט די שקצים, אז זיי זאָלן גיין מיט אים אין דער געמיינדע צום בירגערמייסטער. קומענדיק אין דער געמיינדע, האָט ר׳ שמחה לייבאָוויטש זיי געזאָגט, אז זיי האָבן נישט קיין שום רעכט אוועקצונעמען דעם מאנטל פון א געוועזענעם זעלנער. די שקצים האָבן געזאָגט צו ר׳ שמחה׳ן, אז היינט האָבן זיי צו שאפן און נישט ער.

צומאָרגנס איז ר׳ שמחה געפאָרן קיין טארנאָבזשעג און אָנגעגעבן זיין רעזיגנאציע.

נאָך דעם געשעעניש האָט זיך א דאנק חיים בעריש האָראָוויץ ע״ה אָרגאניזירט א יידישע פארטיידיקונס־גרופּע און מיט שטיינער אין די הענט איז זיי געלונגען צו פארטרייבן דעם ערשטן צוגעגרייטן פּאָגראָם פון די דאָרפישע פויערים אויף די יידן. די פויערים האָבן געמאכט א צווייטן פּרווו און דאָס מאָל זענען זיי אָנגעפאלן פון דריי זייטן און ליידער אָנגעמאכט א חורבן איז שטעטל.

משה בלומענקעהל

יידישע ישובים ארום בארניוו

אויב מ׳וויל געגוי באשרייבן דאָס שטעטל בארניוו, ווי ס׳האָט אמאָל אויסגעזען בכל הפרטים, קאָן מען נישט אויסמיידן דעם גליל־באראנאָוו, ווייל אָן זיי וואָלט דאָס יידישע בארניוו געווען א מחוסר אבר.

ווען עס האנדלט זיך וועגן די קהלישע ענינים, האָבן די יידישע ישובים פיל בייגעשטייערט צו די קהלישע הכנסות: שחיטה, בית־עלמין, פארשידענע קרנות און אנדערע אומדירעקטע שטייערן. דאס זענען דאָך געווען די הויפּט־קהלישע הכנסות, צו וועלכע די ישובניקעס זענען געווען פארפליכטעט צוגלייך מיט די בני העיר. אויב ווידער עס האנדלט זיך וועגן עקאָנאָמישן מצב פון דער יידישער באפעלקערונג אין שטעטל, זענען די ישובים געווען א מקור פרנסה כמעט פאר אלע שטאָט־לייט. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די וועכנטלעכע ירידים אין פאדעוו, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באטייליקט 90% בארניווער סוחרים; די דאָזיקע ירידים האָבן לעצטנס איבערגעשטיגן די ירידים אין בארניוו גופא. אויך די ישובניקעס וואָס האָבן געהאט געוועלבלעך אין די ארומיקע דערפער, האָבן די סחורות איינגעקויפט אין בארניוו און מיט דעם אויך געבראכט שפע אין שטעטל. אזוי זיינען די ישובים געווען פאר דער שטאָט אן אבר שרוב החיים תלויים בו, פאר דער קופת הקהל און פאר פיל יחידים.

ס׳איז אויך כדאי צו דערמאנען, אז צווישן די ישובניקעס האָבן זיך געפונען פיל איידעלע יידן — בני תורה און חסידים, און זיי האָבן זייערע קינדער דערצויגן אין דעמזעלבן גייסט און געשאפן פאר די קינדער די מעגלעכקייט צו זיצן און לערנען תורה. זיי האָבן אין די דערפער אויפגעשטעלט בתי־מדרשים, איינגעקויפט ספרים און געהאלטן די בעסטע מלמדים, נישט קוקנדיק אויף דעם הויכן שכר לימוד, וואָס פאר פילע פון זיי איז ער געווען איבער זייערע מעגלעכקייטן.

איך וויל דאָ באזונדערס זיך אָפּשטעלן אויף פּאדעוו (Padew), וואָס איז געלעגן 7 קילאָמעטער פון בארניוו (אויפן וועג קיין מיעלעץ). דאָס איז געווען ווי די גמרא זאָגט אויף מתא מחסיא ״מפקא מכפר ומפקא מכרך״ — נישט קיין שטאָט און נישט קיין דאָרף. — פאדעוו איז נישט געווען קיין שטאָט, עס האָט אָבער געהאט אלע מעלות פון א שטאָט. הגם די יידישע באפעלקערונג דאָרט איז געווען קליין אין כמות, — עס האָבן דאָרט געוווינט בערך 30 משפחות — איז זי אָבער געווען גרויס אין איכות; עס האָבן געוווינט דאָרט בני־תורה, רודפי

צדקה וחסד און מיט מסירות נפש זיך באצויגן צו יידישקייט. איך חיל דאָ דערמאנען עטלעכע פון די דאָרטיקע יידן, וועלכע זענען געווען גוט באקאנט אין דער גאנצער געגנט: אבי מורי מענדל בלומענקעהל, די ברידער ר׳ יצחק און ר׳ צבי לעשקאָוויץ, ר׳ שמאי יאכנאָוויץ, ר׳ מאיר שליסעל, ר׳ שמואל פאסטערנאק, מיין חבר ר׳ אביגדור לעשקאָוויץ — ד׳ ינקום דמם!

די פאַדעווער יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער גוטער מידה פון הכנסת אורחים. אָרימעלייט און סתם אדורכגייער האָבן פשוט געפלאנט צו האלטן שבת אָדער אזוי נעכטיקן א נאכט אין פאדעוו, ווייל די דאָרטיקע יידן אָן אויסנאם, האָבן יעדן פרעמדן אויפגענומען זייער פריינדלעך, געגעבן עסן און טרינקען און נאָך מיטגעגעבן צידה לדרך.

פאדעוו איז אויך געווען א גייסטיקער צענטער פאר די יידן פון די שכנותדיקע דערפער, ווייל פאדעוו האָט געהאט א שיין בית־המדרש, ווו מ׳האָט געדאוונט בציבור יעדן טאג — אידערפרי און אין אוונט. אין משך פון טאָג האָבן דאָרט געלערנט בהתמדה בחורים, וואָס ס׳איז געווען תורתם אומנתם און צווישן זיי אויך מיינע ברידער — יעקב־יצחק און נפתלי הי״ד. זיי האָבן געלערנט אין די בארימטע ישיבות אין פוילן און שפּעטער מרביץ תורה געווען אין דער היים. פאדעוו האָט אויך געהאט א כשרה מקווה. יעדן ערב שבת און ערב יום־טוב איז געווען דאָ א מין באגעגעניש פון יידן פון דער סביבה, וועלכע זענען אהערגעקומען זיך טובל זיין לכבוד היום; מיט פיל ליבשאפט און שמחה האָט מען זיי דאָ געווונטשן "א גוטן שבת" אָדער "א גוטן יום־טוב" און "כל טוב"!

אזויווי אין אונדזערע שטעטלעך זענען נישט געווען קיין מושב־זקנים און אין פאדעוו אוודאי נישט, זיינען דאָרט געווען עטלעכע אלטע פאָרפעלקער, וועלכע מ׳האָט געמוזט מפרנס זיין מן התמחוי. איך געדענק ווי מיין מאמע, האשה החשובה אסתר מלכה בלומענקעהל ע״ה און נאָך אנדערע פרויען האָבן זיך מיט זיי מטפל געווען און אָרגאניזירט אזוי די הילף פאר די זקנים, אז מען האָט זיי באזארגט מיט אלעמען וואָס זיי האָבן באדארפט. די פרויען האָבן געטון פיל צדקה און גמילת חסדים, זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט די ארימעלייט פון דער געגנט, געלאָפן מיילן כדי צו ברענגען הילף א קראנקן ייד אין א פארוואָרפן אָרט, געבראכט א דאָקטאָר, פארשאפט פאר אים מעדיצין א. א. וו.

ליידער האָט דער גרויסער חורבן פון ת״ש־תש״ה אפּגעמעקט יעדן שפּור פון די יידן אין בארניוו און איר סביבה. די חז״ל זאגן: "אין עושין נפשות (מצבות) לצדיקים", — מיר קענען דאָס סיווי נישט טון, זאָלן דעריבער די ווערטער, געשריבן מיט צער און ווייטיק פון א יליד פאדעוו זיין פאר די טייערע קדושים א זכר לדורות, און מיר — אודים מוצלים מאש — זאָלן זוכה זיין צו דער ענדגילטיקער גאולה!

תרבות, חברה ומפלגות

דאס קולטורעלע, געזעלשאפטלעכע
און פארטייאישע לעבן

ברוך ויינרב

הווי חברתי בעיירתנו:
חסידים, ציונים ו״המזרחי״

זוכר אני כאילו אשתקד היה הדבר: פעם במוצאי שבת, בליל סגריר, חזר אבא מבית הכנסת שמח וטוב לב. בפנים קורנות הבדיל על כוס חלב ושר בניגון חסידי את המבדיל, ומיד פתח בסיפור מאורע גדול ונורא: מעשה בלורד אנגלי מחסידי אומות העולם, שנתן לעם ישראל מתנה עצומה, את ארץ ישראל! מדינה יהודית!... אתחלתא דגאולה!... בן־יום נעשו כל חובשי בית המדרש לציונים! למחרת נתאספו כל נכבדי העיר בביתו של ר׳ ראובן פרידמאן לייסד אגודה של ״שלומי אמוני ישראל״ למען יישוב א״י. ״בפעם הראשונה״ — קמץ ר׳ ראובן אגרוף — ״יתאספו יחד חסידי רוזוואדוב, דז׳יקוב וגם בלז כדי לחוג ביחד עם הציונים את חג הצהרת בלפור! היאומן כי יסופר״ — הרעים בקולו — ״אפילו שבתי ווליק הבטיח להשתתף! ימות המשיח ממש!״

מפי אבי ז״ל נודע לי מקץ שנים, שבאסיפה זו השתתפו כמעט כל ״הבעלי בתים היפים״ שבעיירה. כאשר עברו המפגינים בשוק בדרכם לבית המדרש, עמדו רוב הבעלי־בתים בדלתות בתיהם והציצו לראות מי ומי ההולכים, וכלתה נפשם להשתתף בתהלוכה עם הציונים. וייזכרו כאן אחדים מהיראים והשלמים, שחיבת ציון שבלבם עמדה להם אז להבין את הרגע ההיסטורי והשתתפו בשמחה הלאומית: ר׳ פסח שליסל, ר׳ חיים פורשים, ר׳ איטשה פייגלס ובנו יונה, ר׳ ראובן פרידמאן, האחים מנדל וישראל וינרב וייבדל לחיים ר׳ ראובן בראנד.

כמה זמן ארכה האחדות השלמה למען המדינה היהודית — צעיר יותר מדי הייתי מלזכור זאת. אבל חרותה עדיין בזכרוני שמחת לבי אז, כאשר ידי ביד אבי בוססנו יחד אחרי התהלוכה הצנועה ברפש השוק־הגדול אל בית המדרש, שם נשא דברו ראש הציונים מקראקא, ד״ר י׳ שווארצבארד, ולבי לב נער עברי רחב מגיל...

*

עוד בתחילת המאה ה־19, שנים רבות טרם נשמעו שריקות קטרי־רכבות במחוז בקעת־צויזמיר הפורייה, עטופת־הבר ויערות־העד הריחניים, כבר היתה בארניב עיר ואם בישראל. גרו בה אז יותר מאלף משפחות יהודיות, אשר התפרנסו בכבוד בצלו של הקיר״ה[1]. סוחרי

[1] ר״ת: הקיסר ירום הודו. כך כונה קיסר אוסטריה בפי נתיניו היהודים.

בארניב, מצודתם היתה פרוסה בכל רחבי אירופה. שיירות־מסחר היו באות משם עד לייפציג במערב, וינא במזרח ודאנציג בצפון. סוחרי עצים מבארניב הפליגו על דוברות, לאורכו של הנהר ויסלה עד המפרץ הבאלטי.

סוחרים אלה, שלפעמים שהו בדרך כמה חודשים, היו שגריריה של העיירה אל העולם הרחב. מלבד הכלים הנאים והמכונות החקלאיות שהביאו אתם בעגלות המשא שלהם ממקומות רחוקים בשביל לקוחותיהם האיכרים, היו מביאים אתם גם חדשות מהעולם הרחב. מפאת היעדרם של עיתונים, היו הם העיניים והאוזניים של העיירה לכל המתרחש בקיבוצי היהודים שבתפוצות הגולה.

בשנים הסוערות שאחרי המהפכה הצרפתית, כשאך נפתחו שערי הגיטאות באירופה, כבר עמדו יהודי בארניב בקשר עם גאוני הדור אשר באשכנז ובלבוב. לפי עדותם של ישישי בארניב ר׳ משה׳לה וייכסלבוים, אברהמ׳לה משל, ומאירל "הקטן" ויינרב זכרונם לברכה, נמצאו הרבה שאלות־ותשובות מגדולי הפוסקים שבאותו הדור ליהודי בארניב.

התנועה החסידית שהבקיעה באורה הגדול מפאתי הרי־הקארפאטים לתוך אהלי יעקב בערי גאליציה, היכתה שרשים בבארניב עוד בשחר ימיה. נמצאו עוד בימינו ותיקים, עדי־שמועה, שסיפרו מעשיות מפליאות מהרפתקאות אבותיהם כשהיו עולים לרגל אל ה"חוזה" מלובלין. כששק מופשל לאחורי גבם, נדדו במשך ימים ושבועות בדרך, עד שהגיעו ברגליים בצקות.

בארניב היתה מעורבת במחלוקת העצומה שהתלקחה בעולם החסידי בראשית המאה הי"ט, בימי מלחמות נאפוליאון. ה"חוזה" מלובלין ראה בחולש־על־גויים זה את גוג ומגוג, שאחריו יבוא המלך המשיח. ולכן התפלל לנצחונו על מלך רוסיה. אבל חבריו ותלמידיו הגדולים, המגיד מקוז׳ניץ, "היהודי הקדוש" מפשיסחה ור׳ נפתלי מרופשיץ התנגדו לו.

מלכה האחרון של פולין, סטאניסלאב פוניאטובסקי, הקים לו בבארניב מצודת־אבנים נהדרה בין הנהרות ויסלה וקשמיינצה. הארמון הזה, הידוע עתה בשם ארמון דולנסקי, היה בפרוס המאה הי"ט מקום מושבו של הגנראל יוזף פוניאטובסקי בן דודו של המלך. בארמון זה נכנסו ויצאו שליחים במו"מ עם נפוליאון ונחתם הברית עם צבא פולין ללחום שכם אחד.

ברימאנוב העיר, בחצרו של ר׳ מנדלי, סערו אז הרוחות בציפייה לגאולה הקרובה לבוא. גם ר׳ מנדלי היה שותף לתקוותיו המשיחיות של ה"חוזה" וגם הוא התפלל לנצחונו של נאפוליאון. חסידי רימאנוב מספרים, שלא פעם נראה הגנראל פוניאטובסקי בחדרו של הרבי כשהוא יושב כפוף ומתייעץ אתו על ענייני אסטרטגיה. בפי ה"מתנגדים" נקרא ביתו של ר׳ מנדלי בלגלוג "המפקדה השנייה של נאפוליאון"... ובבארניב התלחשו על האורח הנסתר, שבא תכופות במרכבה רתומה לשישה סוסים דוהרים מרימאנוב אל ארמונו של הגנראל...

אחרי מפלתו של נאפוליאון בא הקץ גם לתסיסה משיחית זו. ר׳ נפתלי מרופשיץ שהיה הראשון שיצא נגד רבו ה"חוזה" מלובלין בעניין זה, היה אבי החסידות של גאליציה המערבית. הוא השאיר אחריו מסורת של אי־אימון לכל תנועה הדוחקת את הקץ. זה היה אחת הסיבות להתנגדות העצומה שנתקלה בה לאחר־זמן התנועה הציונית מצד האדמו"רים בסביבה זו.

רבה הראשון של בארניב מעדת החסידים, היה ר׳ ישראל הורוויץ זצ"ל. אביו, ר׳ אליעזר

מדז׳יקוב (בנו של ר׳ נפתלי מרופשיץ), היה מגדולי האדמו״רים של דורו, ונהרו אליו חסידים מכל קצווי ארץ. ר׳ ישראל הצעיר, שמו יצא בין המוני החסידים כמקובל ואיש קדוש. חסידי הגליל התחילו נוהרים אליו לבארניב אך יצאו בפחי נפש. ר׳ ישראל סירב לקבל ״פתקאות״ וגירש את החסידים מביתו.

בימיו עמד בבארניב גם ״קלויז״ מיסודו של ר׳ יעקב (גיסו של ר׳ ישראל). ב״קלויז״ זה ישבו בחורים, למדני העיר, יומם ולילה ולמדו ש״ס ופוסקים מפי ר׳ יעקב רבם. ר׳ יעקב זה היה גדול בתורה, ורבים מתלמידיו יצא שמם בכל רחבי פולין כלמדנים מופלגים. ריננו אחרי ר׳ יעקב, שתלמוד תורה אצלו עיקר, ושהוא נתפס במקצת ל״מתנגדות״. המנהג שהנהיג, שבכל יום שבת יאמר בחור אחר פלפול בש״ס ופוסקים, נחשב בעיני החסידים ליוהרה. התלקחה מחלוקת גדולה בעיר, ופעמים הגיעו הדברים לידי חילול השם.

באותם הימים התגורר בבארניב אחד קדוש, מקובל, נחבא אל הכלים, ר׳ נפתלי־חיים שמו, בנו של ר׳ מאירל מדז׳יקוב. לאחר שגמר בדעתו לעלות לארץ ישראל שם האיש מסווה על פניו, לבל יראו עיניו עוד את ארץ הגלות. יותר משנה, עד שהוציא לפועל את מחשבתו, לא הסיר את מסווה הארג השחור מעל פניו, עד שזכו ליאור באור ציון. הסיפורים על קדוש זה התהלכו עוד בדורנו, והשפעתם על תינוקות של בית רבן היתה גדולה. נפוץ היה המנהג באותם הימים בין ישישי בארניב לעלות לעת זקנתם לא״י. נמצאים מכתבים בעזבונו של אבי ז״ל מזקנו ר׳ יעקב קופל ביגלאייזן ז״ל, שעמד בנסיונות קשים, עד שהגיע לצפת לעת זקנתו. לפי דבריו, נמצאו כבר אז בצפת כמה זקנים יוצאי בארניב. הוא נפטר בשנת תרס״ב בצפת.

ר׳ אברהם שמחה זצ״ל, בנו של ר׳ ישראל, ישב על כיסא אביו. הוא ידוע בשם ה״ירושלמי״ מפני שבהיותו בן 68 עלה לא״י (שנת תרס״ט). הארץ נקנתה לו ביסורים גדולים. הוא נדד כמה חודשים דרך רחבי אירופה, תורכיה וסוריה עד שהגיע למחוז חפצו.

בשנת 1897 הצית אספסוף פולני מוסת את העיירה מארבע רוחותיה. האש ליחכה את הבתים היבשים, ובפחות משתי שעות נשרפו עד היסוד כל בתי היהודים וכל רכושם עלה בעשן . . .

עברו כמה שנים והעיירה נבנתה מחדש. הקיר״ה הלווה כסף לנשרפים, והיו גם כאלה שקיבלו פיצויים מחברות־ביטוח, אבל חלק הארי מתושבי העיר עזב את מקום מולדתו, לבלי שוב עוד אליה. גורלה של בארניב להישאר עיירה קטנה, נחתם.

לאחר שעלה ה״ירושלמי״ לא״י פרצה מחלוקת גדולה בציבור על כיסא הרבנות. שני האחים בניו של ר׳ אברהם שמחה, ר׳ יצחק ור׳ אלטר, התחרו על הירושה. הריב התחיל עוד בפני אביהם, אך אחרי צאתו של ר׳ אברהם שמחה מן העיר התפרצו המדנים בצורה מחפירה. ״מלחמה״ זו נרמזה בסיפוריו הסאטיריים של מ״ד בראנדשטטר, שגר באותם הימים בבארניב. בסופו של דבר ישב ר׳ יצחק על כיסא אביו [2].

[2] ״הרב ר׳ יצחק בהרה״ג ר׳ אברהם שמחה שליט״א הורוויץ נולד תרכ״ד. אביו הרה״ג הג״ל שליט״א שמש בכתר הרבנות דק״ק בארנוב 40 שנה, תרס״ט עלה לירושלים. והיא בן הרה״צ ר׳ ישראל ג״כ אב״ד הנ״ל. בן הרה״צ ר׳ אליעזר זצ״ל אבד״ק דזיקוב, בן הגאון והצדיק ר׳ נפתלי ז״ל אבד״ק ראפשיטץ״. (אהלי־שם — נערך ונסדר ויצא לאור ע״י שמואל נח בהו״רר דובר זצ״ל גאטליב בפינסק, תרעב 1912).

תנועת ההשכלה שלחה את קרניה גם לעיירה הנידחת. כתבי עת עבריים, גרמניים וגם פולניים הגיעו לכאן בצקלונם של סוחרי בארניב המרובים, ולאחר מכן גם ע״י הדואר. יהודים מבארניב חתמו על ה־"Neue Freie Presse" שיצא בווינא ועל ״המצפה״ העברי שיצא בקראקא. היו גם בעיירה מושכים בשבט סופר, ששלחו כתבות ל״המצפה״. אחד מהם היה יהודה לייב ויינרב, שהשתתף בעיתון בקביעות. בחורי בית המדרש היו מצניעים את העיתונים בין דפי הגמרא ומתענגים בסתר על מאמריו של סופר צעיר אחד שחתם את שמו: צ׳אצ׳קס (הוא־הוא עגנון).

שמעו של ד״ר הרצל הגיע גם לבארניב העיר, וצעיר אחד בעל חתימת זקן שחורה ועבותה, מבחורי בית המדרש, שלח מכתב לד״ר הרצל ואיחל לו הצלחה בפעולותיו למען עמו הנדכא. ולא ארכו הימים וחבילה באה מקראקא הכרך לביתו של כותב המכתב, הבחור ראובן בראנד, ובחבילה — קופסאות, קופסאות כחולות ועליהן באותיות מרובעות ״קרן קימת לישראל״. נדהם הצעיר: מאין יודעים עליו בכרך? לימים הגיע מכתב מ״ההסתדרות הציונית״ וביאר את טיבן של הקופסאות. אסף הבחור כמה מחבריו וגילה להם את סודו והתייעץ עמהם, כדת מה לעשות עם החבילה שנפלה לתוך ידיו. מצאה הקרן חן בעיני הבחורים, ואמר מי שאמר לראובן הצעיר: ״קריינא דאיגרתא איהו להוי פרוונקא״.

לסוף 62 שנה מאז, נזדמן כותב הטורים האלה עם הישיש ראובן בראנד בניו־יורק, בשמחת בר־מצווה. נזכר האיש במאורעות אלה וסיפר על חבריו שהשתתפו עמו אז בהפצה הסודית של אותן הקופסאות, וכיצד הגיעו הדברים לאוזניו החדות של ר׳ נטע בר, והוא ענש את כל החבורה עונש חמור: הוא נעל בפניהם את ארון הספרים של בית המדרש, כי הוא היה אז ״גבאי״ לקניין ספרים. ומתעמקים הקמטים במצחו הרחב של ישיש נעים זה, כשהוא משתדל להעלות מתהום הנשייה את אלה שהשתתפו עמו אז בקונספיראציה ציונית זו, שכמעט כולם כבר הם בשוכני־עפר: ר׳ אלימלך מוהר, מרדכי לייבוביץ׳, א׳ קינסלר, יונה איטשה פייגלס, האחים מנדל וישראל ויינרב, וייבדל לחיים ארוכים הר׳ יוסלי הורוויץ, בנו של ר׳ אלטר מריגליץ זצ״ל השוכן כאן בברוקלין. אני מקווה שזכר ״חטאת־נעורים״ זו לא תגרום לו מבוכה חלילה.

ההתנגשות הראשונה בין ה״חרדים״ ובין ה״לאומיים״ בגאליציה, אירעה בשנת 1904 בשעת הבחירות לפרלמנט האוסטרי. בפעם הראשונה העמידו הציונים מועמד משלהם, כנגד בן־חסות של השלטון, עו״ד מתבולל, לווינשטיין שמו. באסיפה פומבית שהתקהלה ברחובות העיר דרו־הוביץ׳ להאזין לנואם ציוני, התנפלו פתאום מטעם המלכות אנשי חיל־הפרשים, ושלושים יהודים נרמסו תחת פרסות סוסיהם.

מעשה זוועה זה התפוצץ אז כפצצה ברחוב היהודי. כלי מבטאם של חסידי בלז, ״מחזיקי הדת״, תמך בכל תוקף במועמדה של המלכות, וריב אחים התגעש בכל ערי גאליציה.

באולם בית המדרש הגדול, עטופים בטלית ותפילין עמדו ״מעגלים״ (רעדלעך) של מתווכחים והתדיינו בחמת־אף. פרק זה בתולדות היהדות הגאליצאית היה ראשיתו של מאבק אחים עיקש, שלא נפסק עד בוא החורבן בימי היטלר ימ״ש.

•

מי יודע פחדו של ילד עברי, החוזר הביתה מן ה״חדר״ בחשכת ליל חורף, כשבידו רק פנס נודף־עשן לשמירה... בן שמונה הייתי וכבר טעמתי טעם פוגרום.

זוכר אני את הפחד המצמרר שאחז את בני הבית, ואת האימה בחוץ, כשנוסדו יחד איכרי הסביבה על העיר בשנת 1919 ובלבם חמס ורצח. בעד סדקי תריסי החלונות של בית דודי, ישראל, שם מצאה משפחתי מקלט בימי הזעם, ראיתי בפעם הראשונה בחיי גיבור־חייל יהודי. בקרן השוק העזובה, בפתח רחוב הארמון, עמד בן־דודי מאיר ורובה בידו (אך לפני ימים אחדים שב משדה הקרב באיטליה). המונים־המונים צבאו הפורעים עליו, ולא ערבו את לבם לעבור את הגשר. ויסופר כאן גם על גבורתו של וולף פפר, שגם הוא עמד יחידי בפני המון מרצחים שהסתערו על חנותו. נפט ומלח שפך על הפורעים. עשרות מהם הוכו בסנוורים והשאר נמלטו על נפשם.

שבו ימי מנוחה לעיירה והחיים חזרו למסלולם הישן. חזרו תינוקות של בית־רבן ללכת בלוויית ה״בְּהֶלְפֶר״ לבתי יולדות, לקרוא ״שמע״ בניגון ולקבל שקית אגוזים וסוכריות במתנה. חזרו צללים כהים לצעוד באפלת הלילה לעבר רחוב בית המדרש לתיקון־חצות, וקול לומדי תורה שוב בקע מכותלי בית המדרש יומם ולילה.

דומה, כלום לא נשתנה. אך למראית עין בלבד. שבתאי ווליק, מראשי הקנאים, הריח שדבר־מה השתנה מאז הימים שלפני המלחמה. אפילו ניגון הגמרא בגד בבחורים וגילה שמץ מחוסר המנוחה שהעיק על לבותיהם. עינו החדה הבחינה לא פעם בכתבים סודיים שעברו מיד ליד תחת השולחנות במהירות הבזק והוסתרו בקאפוטות הארוכות של הלומדים.

רוחות חדשות התחילו לנשוב בבארניב אחרי מלחמת העולם הראשונה. אלה שהיו פעם בחורי בית המדרש שבו משדה הקרב או מהעולם הגדול, שם נתגלגלו בימי המלחמה, ובדרכם אבדו להם הפיאות ונתקצרה כנף בגדם. בתולות ישראל כשרות נישאו ולא גזזו שערות ראשן. בבארניב העיר נפתח אולם של שמאליים, בהנהלתו של הירש לייב פנסטר, ובחוצות קריה לעיני כול יצאו זוגות של בחורים ובתולות חבוקי־זרוע בלי בושה וחרפה. ואם לא די בכך, נפתח גם אולם של ציונים, ובריש גלי היו מתאספים שם בחורים ובחורות מהבתים הכי אורתודוקסיים שבעיירה. והגיעו הדברים לידי כך, שחבורה של חרדים ור׳ נטע בר בראשם הסתערו על האולם כאשר נערכה שם הצגה לכבוד פורים, והעיירה היתה כמרקחה. וכאן ראוי לציין לשבחם של ה״האפיקורסים״, שלמרות סערת הרוחות, איש לא נגע לרעה בר׳ נטע בר, שלא יאמרו: ״רבם דחפו״.

הימים שאחרי ההתנגשויות הצטיינו בערות יוצאת מן הכלל מצד החרדים לבחורים הרכים, שעדיין לא נתפסו ל״אפיקורסות״. עינו הקפדנית של ר׳ נטע בער היתה בהם. במרץ ובהחלטיות עמדו ה״יראים״ בפרץ נגד הזרם. כנים היו באמונתם, והיא עמדה להם להדליק מחדש את אור התורה בעיירה.

רבה של בארניב, ר׳ יצחק׳ל, פיקח ואיש־מעשה היה כל ימיו. כשראה את בנו יחידו, את

אביגדור, בעל משפחה ואב לשני בנים, יושב בהונגאריה בבית חמיו בטל ומחוסר פרנסה, יצא לעת זקנתו לבקש לעצמו כיסא־רבנות בעיר זאוויכוסט, והניח לבנו את כסאו בבארניב.

ר׳ אביגדור, רבה האחרון של בארניב, היה איש תם וישר, אוהב את לומדי התורה ומקרבם לשולחנו. בימיו חזרה העטרה ליושנה. אף־על־פי שאדיקותו הקיצונית, נוסח אונגארן, גרמה לבסוף לפירוד לבבות בין לומדי התורה בעיירה, היה מכובד אפילו על יריביו, ובהשפעתו עשו גם הם חיל בתורה. בנו הבכור חיימ׳ל היה סמל של תמימות ויראת שמיים, וגם אחיו הצעיר לא נפל ממנו בזה. כל אחד מהם ריכז סביבו חבורה של בחורים שהתמידו בלימודי ש״ס ופוסקים.

בן ט״ו הייתי כאשר יצאתי מרשותו של ר׳ נטע בר לרשות עצמי, כמנהג בני גילי באותם הימים. (אם אדמה את ה״חדרים״ של העיירה לארגוני החינוך של היום, הרי ״חדרו״ של ר׳ אשר פריזר ואחיו נח, בעליית ביתם, היה גן ילדים. ה״מכון״ של ר׳ משה חיים נוסבוים ושל ר׳ אברהם ציזל, היה בית ספר עממי, וכיתותיו של ר׳ נטע בר — בית ספר תיכון. ה״אוניבר־סיטה״ נתקיימה בבית המדרש. חבורה של שני בחורים או שלושה קיבלו שיעור בגמרא ובתוספות מ״בעל־בית״ למדן כמה שעות ביום, על פי רוב שלא על־מנת לקבל פרס, והבחורים המשיכו ללמוד תורה בעצמם במשך כל היום עד לשעות המאוחרות בערב). וכך נכנסתי עם חברי הירשלי מיץ תחת חסותו של ר׳ מרדכי כץ הקפדן. הוא היה המדריך שנתן לנו את ה״כלים״ לשוט בהם בים התלמוד. הוא הרבה לספר לנו מהרפתקאות ימי עלומיו ביערות פולין כשהיה פקיד עצים. הוא היה מסביר מצוין. רק כשנתקשה לפעמים בעניין מסובך, מר היה גורלנו! אז בא עלינו בנזיפה קולנית, וכל מי שהיה באותה שעה בבית המדרש פסק ממשנתו לראות בקלונם של שני בחורים שפניהם הסמיקו מאוזן לאוזן.

לסוף שנתיים היה רבנו המובהק ר׳ חיימ׳ל כהן (ויינרב). איש טהור ותמים היה רבנו זה, ולב זהב לו. לימד אותנו שלא על־מנת לקבל פרס במשך שלוש שנים, עד יומו האחרון כשהס־תלק מאתנו זקן ושבע ימים. כמנהגם של ישישים אהב גם הוא להשביענו משיחות החולין שלו. הנושא החביב עליו היה תמיד זליג בנו יחידו, שעלה כ״חלוץ״ לארץ הקדושה, והוא חשב דבר זה כזכות גדולה לעצמו. בעת ובעונה אחת שפך גם דמעות שליש על שהתחבר בנו לקיבוץ בלתי דתי. אהבתו של ר׳ חיימ׳ל כהן לציון היתה גדולה. גם בשעותיו האחרונות על ערש דווי, הצטער שלא זכה להיות ממחונני עפרה.

לא אזכור מה גרם, שביום קיץ אחד עמדו רגלי בעליית ה״פעראיין״ הסוציאליסטי, מיסודו של הירש לייב פנסטר. שעת צהריים חמה ומחניקה היתה אז, והאולם שעל פי רוב מלא שאון היה עתה ריק מאנשים. גברה סקרנותי להציץ לפני ולפנים של המקום ״הכי־טמא״ שידעתי. בברכיים כושלות במקצת עמדתי והסתכלתי על הקירות המכוסים בסיסמאות מהתנ״ך דווקא, פסוקים באותיות אדומות בולטות מישעי׳, עמוס וכו׳ — ״וגר זאב עם כבש״, ״כי מלאה הארץ דעה״, ״השואפים על עפר־ארץ בראש דלים״, ועוד כהנה. מן הקירות הציצו עלי כל מיני פרצופים, מהם בעלי בלוריות ארוכות, מהם בעלי שפם עבות וגם בעלי זקן די־סימפאטיים . . .

עודני נדהם ממראה עיני, והנה הופיעה בדלת דמותו הגוצה של ה״בעל־דבר״ בעצמו. הירש

לייב׳לה, בעיניו הצוחקות ובפניו המאירות נכנס וקידמני בברכה. רק דברים אחדים הוציא מפיו, ומבוכתי ופחדי גזו והיו כלא־היו. אחרי רגעים מספר הרגשתי כאילו לא איש מבוגר עומד לפני, רק נער בן גילי. — ״זהו י״ל פרץ״ — הורה באצבעו על תמונה אחת, בהטעמה רכה של הריש — ״הוא אהב מאוד ילדים יהודים״. ותוך כדי דיבור התחיל לקרוא לפני סיפור ביידיש, שהקסים אז כל כך את הדמיון שלי, סיפורו של פרץ: ״אם לא למעלה מזה״.

כגנב בצהריים דלגתי במהירות הבזק מן המדרגות הרעועות של העלייה, כשאני חובק מתחת לבגדי כרך סיפורים של פרץ, שידידי החדש תחב לתוך ידי. וכך טעמתי בפעם הראשונה מעץ הדעת האסור של הספרות החילונית. בבית, טמון בעליית העצים, ישבתי שעות חבוי מעיני אנשים, וכביכורה בטרם קיץ בלעתי ספר אחר ספר, מכל אשר יעלה המזלג... לא ארכו הימים ואני הייתי גם לבן־בית ב״בית־עקד הספרים״ של האגודה הציונית, שאולמה נמצא אז בסימטא שמאחורי העירייה. שם כיהן באמונה הירשלה ה״חגב״ גרפונקל כספרן של האגודה (משרה גדולה וחשובה בימים ההם...). וכך נפתח לפני האוצר של הספרות העברית המודרנית שהיתה גדולה בעיני כים. לאט־לאט החלו מתחמקים לשם באין־רואים עוד בחורים לבושי ״קאפוטות״ שחורות, כדי לשתות מן המים הגנובים.



חברי האגודה הציונית ״בית יהודה״
מיטגלידער פון ציוניסטישן פאריין ״בית יהודה״ (1922)

עס שטייען פון רעכטס: דוד וויינרעב, פייוויש האָלענדער, משה בירנבוים, חיים בעריש האָראָוויץ, רפאל ראזענצווייג, ברוך נוסבוים, יחזקאל בראנד

עס זיצן פון רעכטס: נתן פאָמעראנץ, מנשה בראנד, אפרים שעפּס, מאיר וויינרעב, משה גוטספרוינד, שמואל מיץ

עס ליגן פון רעכטס: לייזער צוקערבראָד, הערש מעסינגער, ברוך וויינרעב, בצלאל קאָרנבליט


ויהי היום, ויבוא ה״פליט״ ויגד לאשר בבית הרב, כי נשבו כל בחורי בית המדרש לאפי־קורסות ר״ל! ר׳ פסח׳ל בארון, ת״ח ישיש מגאליציה המזרחית, מחסידי בלז וקנאי לא קטן, שנקרא בפי כול ״פסח׳ל הפליט״, למרות השנים הרבות שעברו מאז השתקע בבארניב — חלונות ביתו פתוחות היו אל מול פתח האולם הציוני. ואף שקצר־ראייה היה הספיק לראות ולרשום את כל שמות הבחורים שהתגנבו לשם ויצאו טעונים ב״טרפה־פסול״ תחת כנף בגדם. אותו היום שבו מסר ר׳ פסח׳ל את שמות ה״פושעים״ הצעירים בין מנחה למערב בבית הרב, נהפך לתשעה באב. הרוחות נסערו. הקרבן הראשון היה ר׳ חיים׳ל כהן, הרבי שלנו, אשר אסר עליו הרב מיד באותו מעמד להמשיך את שיעור הגמרא אתנו. לעולם לא אשכח את הדמעות ששפך האיש העדין הזה כשבא להודיע לנו שהוא נאלץ להפסיק את לימודיו. אבל הבלגתו לא ארכה יותר משלושה ימים. הוא ויתר על ה״מניין״ החביב עליו בבית הרב, ועל אפם וחמתם חזר אלינו להמשיך את השעורים.

גילוי ה״מחתרת״ הציונית בבית המדרש גרם לריאקציה נוראה בעיירה. קריאה יצאה מבית הרב לכל בחור שלא נתפס עדיין ל״שמד״, להיבדל מבית המדרש. וכך נתפלגו לומדי התורה בעיירה לשני מחנות.

לא ארכו הימים ומחלוקת עצומה ומרה התלקחה בין בחורי בית המדרש לבחורי בית הרב. במשך דורות התקיימה בעיירה חברה לקניין ספרים, כארגון אבטונומי של בחורי בית המדרש, עם ״פקידים״ משלהם. אחת לשנה, בסעודת שמחת תורה, על חבית בירה, נערכו בחירות דימוקראטיות לפקידים. בכל ערב שבת חיזרו זוג של בחורים עם פנקס על כל בית שמזוזה קבועה בדלתו, לאסוף כספים בשביל המוסד. עתה באו בחורי בית הרב ויסדו חברה משלהם, ושני בחורים חבושי כובעי קטיפה (אופנה חדשה שהנהיג אצלם שבתאי ווליק, כדי להפלות בין הבחורים שלו לבין ה״ציונים״) יצאו אל העיר בפנקס משלהם. לא מצא הדבר חן בעיני החברה הישנה, ולא הספיקו בחורים אלו לצאת מסימטת הרב, עד שהתנפלה עליהם פלוגה של בחורי בית המדרש וכיבדום במהלומות וגירשום.

וכמה גדולים דברי חכמים: ״קנאת סופרים תרבה חכמה״. למורת רוחם של אנשי בית הרב, דווקא התחזק לימוד התורה בבית־המדרש ביתר שאת וביתר עוז. בחורים גדולים בתורה כשלמה׳לה קמפלר, רפאל פרידמאן ועוד, באו בכל לבם ונפשם לעזרת הבחורים הצעירים בלימודיהם. גם לאחר שכבו האורות בבית הרב, עדיין היה מנסר ניגון הגמרא בבית המדרש. באיים בודדים של אור מהבהב בחללו השחור של המקום הקדוש, בשעות יום ובשעות לילה, היו יושבים בחורים מתמידים וצלם הארוך מתנועע אתם ורוקד בקצב. לא פעם הבחנתי בחשכה בצלו של שבתאי ווליק מאחורי הבימה, שבא לבדוק חרש, מתוך סקרנות שבקנאה, מי המה הבחורים ה״פושעים״ היושבים על התורה בשעה מאוחרת כזאת. רק באחת התנחמו הקנאים, שבחורינו מבלים גם שעות ביום ״לבטלה״ בלימוד התנ״ך עם המפרשים...

וייזכר כאן בהוקרה ובאהבה מורה החוג ללימוד המקרא, חברנו רפאל פרידמאן הי״ד, שנתן מידיעתו הרחבה בתנ״ך לחמשת תלמידיו, שאני הייתי אחד מהם. ידיעתי בשפה העברית — כולה שלו.



"צעירי מזרחי" (1928)

עמלם של בחורי בארניב התחיל להפריח ולתת פירות בשדה התרבות העברית. רפאל רוזנצווייג, אחד מעילויי בית המדרש הוותיקים, החל לפרסם מאמרים עיוניים ב"היום" הוואר־שאי, ואחרי שנתחדשה "הצפירה" היה הוא בין סופריה הקבועים. הוא משך אליו את תשומת לבם של חוגים רחבים מקוראי העיתונות העברית בוויכוחיו עם מנהיגי הציונות הפולנית, ד"ר י' טהון וד"ר רייך. מאמריו בהמשכים הופיעו אז ב"הצפירה" בכותרת "כלפי לייא?". שם משיב בחור בארניבי זה על דבריו של מנהיג הציונים הווארשאיים, יצחק גרינבוים. נמצאו אז בבארניב כחצי תריסר בחורים מושכים בעט־סופר. פנחס בירנבוים נתפרסם מיד אחרי המלחמה כפדגוג מצוין בליטא הפולנית. מאמריו על חינוך עברי חדיש הופיעו בירחון לענייני חינוך שיצא בווילנא. עזריאל דריליך היה לסופרו של השבועון היידי "אונזער לעבן", שהופיע בלייפציג. רפאל פרידמאן כתב ב"הצפירה" ואליעזר טייכמאן (נחליאל) נעשה לסופרה המיוחד של "הצפירה" לגאליציה המערבית, והוא אז בן שבע עשרה שנה.

הרעיון לארגון של ציונים דתיים צעירים חיכה לגואלו. ציוני העיירה, שרובם היו דתיים ומסורתיים, אפילו אלה שיצאו קצת מן השורה, עדיין דבוקים היו בטבורם לבית־המדרש. רעיון "המזרחי" היה נחלת חלק גדול מהם, ולא היה מקום לארגון מיוחד. והנה התחילו רוחות חדשות לנשוב בפולין, בימי גראבסקי. בשנת תרפ"ה הגיע לעיירה שמעה של התנועה החדשה של חלוציות דתית, "הפועל המזרחי", שחרתה על דגלה סיסמא חדשה־נושנה: "תורה־ועבודה". אחי מאיר (לימים אחד ממייסדי כפר הראה אשר בעמק חפר) הספיק כבר אז לבוא בכתובים עם המרכז בווארשא, וחומר קריאה על רעיונות התנועה החדשה התחיל לשפוע דרך צינורות הדואר לתוך עיירתנו. ארבעה נכנסו אז לפינה הצרה שבין התנור לכיור אשר בבית המדרש,

והחליטו לארגן סניף של "המזרחי הצעיר": אחי מאיר, זלמן ויינרב, יחזקאל בראנד ונטע שליסל. המועדון הקטן ששכרוהו ממאיר־יעקב זיסמאן מלא היה מפה לפה כמעט בכל ערב. לשם התאספה הסולת של הנוער הדתי להתווכח בבעיות לאומיות ובפילוסופיה דתית. כשהגיעו ימי החורף והקור היה איום, וכסף בקופה אין, יצאו בכל יום זוג של בחורים אל החורשה הסמוכה לקושש עצים כדי לחמם את אולמם הקטן. חביבה היתה פינה זאת בעיני בחורים אלו, עד שכל קרבן מצדם לא היה יקר בעיניהם לקיימה. במועדון הזה הורם הדגל למרד בחיי ניוול ובטלה של גלות. כאן התפתח הרצון הכביר והשאיפה להתחדשות, לחיים בריאים וישרים, בארץ אבות.

בראשית בא המרד במושגים של המעמד הבעל־ביתי, שלימוד מלאכה גנאי הוא לו לאדם מישראל. קמעה־קמעה יצאו בחורי בית המדרש ללמוד מקצוע כדי להכשיר את עצמם לעלייה לא"י. מהם למדו נגרות, רצענות וגם עבודת אדמה. הנחשון הראשון שקיבל רשיון מאבותיו לעבוד כשוליה אצל נגר גוי, היה יהושע שלר, ואחריו באו הניך פייט, לייזרל צוקרברוט ומשה מיץ. ה"הכשרה החקלאית" בשדהו של ר' שמעון טייכמאן אשר במיטרוב הגדולה, אף שהיתה מורכבת מבנו אלטר אליעזר, ישראל מרדכי פומראנץ וכותב הטורים בלבד, היתה בכל זאת אופיינית והיוותה גרעין חיוני בחלוציות הבארניבית.


יהודי יוצא מן הכלל היה ר' שמעון טייכמאן, שהיה בעל־בית עירוני ותלמיד־חכם, אך חיבב את עבודתו בשדה. את התעניינותנו בשדהו וטיפולנו בעז הלבנה והדקה שלו קיבל בסבר פנים יפות, אבל התייחס בחשד לפעולתם של הציונים שם בפלשתינה. וישבה אשתו הצדקנית והמלומדת, גיטלה ז"ל, בצהרי שבתות הקייץ הארוכים, וחרש הגניבה מבט מלא־צער ומכאוב מעיניה הנוגות אל־עבר בנה יחידה והשבה שמתקרב היום והיא תמסור את בנה לשרות העם והארץ.

מי לא יזכור את היום שבו יצא החלוץ הדתי הראשון מעירנו לעלות ארצה — אלכסנדר זיסמאן טרופ, הבחור הצנום והעדין, בנו של מרדכי "קנופיסר", שהיה הראשון לזכות בסרטי־פיקאט. בימי גזירת פאספילד היה זה, ורכישת סרטיפיקאט היה אז קשה כקריעת ים־סוף. יצאה כל העיירה מנער עד זקן ללוות את גיבורם בשירים ובמחולות. כשעברו שורות הצועדים בדרכם אל התחנה ה"סקופאנית" שרו הצועדים בדבקות את השיר "אויפן וועג שטייט א בוים" (על אם הדרך עומד עץ), ודמעה כל עין משמחה.

מעטים היו המכתבים שנתקבלו בעיירה מבחור זה אחרי שהגיע לארץ. והנה עברו שבועות ואין קשב ממנו. ביום בהיר אחד נתקבל בביתי גליון צנום של שבועון חדש שיצא בירושלים, בטאונו של "הפועל־המזרחי", "נתיבה" (זוכר אני שגיליון ג' היה זה). ועמד אז כדרכו אליעזר חברי לצדי לעלעל בחוברת החדשה, והנה התפרצה זעקה נוראה מגרוננו. בעמוד ב' הופיע הנקרולוג הראשון של ה"נתיבה", קרבנה הראשון של התנועה הצעירה על מזבח־העבודה העברית, ובמסגרת שחורה שמו של אלכסנדר זיסמאן טרופ ע"ה. נדהמים עמדנו וקראנו בעיניים זולגות דמעות על חברנו שבא לארץ אבות להסתפח בשורות הפועל הדתי ויצא לעבוד עם הקבוצה הראשונה בעבודת־הכביש, ע"י "שיך־אבריק", בתנאי עבודה הכי־קשים

של אותם הימים. הוא חלה בקדחת צהובה, ואחרי שלושה ימים יצאה נשמתו בטהרה. כך נפל הקרבן הראשון של הפועל הדתי על שדה העבודה העברית, בחור תמים מבארניב אשר בגאליציה.

עברו שבועות וגם חודשים אחרי הטראגדיה הזאת, ואיש מחלוצי העיירה לא זז לעלות ארצה. סרטיפיקאטים אי אפשר היה להשיג. הגיעו אז ימי הירידה של "עליית נאלווקי" והמשבר הקשה בשדה העבודה של שנת תרפ"ו. בינתיים ישבו בחורינו ולמדו, קראו בעיתונים



הוועד הציוני המקומי
ציוניסטישער לאָקאל־קאָמיטעט (1922)

עס זיצן פון רעכטס: מאיר וויינרעב, מאיר חיים האוזער, ראובן בראנד, אפרים שעפס, יידל בערנשטיין, חיים בעריש האראוויץ
עס שטייען פון רעכטס: יאָסקע האָראָוויץ, משה גוטפרוינד, רפאל ראזענצווייג, מענדל טייכמאן, ברוך נוסבוים

והתווכחו בענייני מפלגות וסתם פוליטיקה. והיו גם מהם שעזבו את העיירה לחפש עבודה בכרכים, כי פשוט כלה הלחם מן הבית. אבל האולם של "המזרחי הצעיר" עדיין המה מבחורים, ובלילות סהר של קיץ יצאו חבורות חבורות לטיולים על האפרים הירוקים שהשתרעו לאורכה של הקשמייניצה, ובאוויר הצח התפרצה שירה אדירה של כמיהה ותקווה.

והנה באה תקלה ממקום אחר. בווארשא נתפלגה חבורה של צעירים מ"המזרחי הצעיר", כדי ליצור אגף שמאלי בתנועה, וגם התקשרה עם "הליגה למען א"י העובדת", ארגון של הסתדרות העובדים הכללית. יוצרה של התנועה הזאת, פנחס ואסרמאן, בא בכתובים עם מאיר ויינרב ושלח לו צרור חוזרים על האידיאולוגיה החדשה של סוציאליזם דתי בסיסמת "דת

ועבודה". מאיר קיבל את תורתו של זה כתורה מסיני, וקללת הפירוד ירדה גם על החוג האידיאלי של סניפנו. הרבה דיו נשפך אז במלחמה רעיונית זו... אזכור עוד את קסת הדיו שהתפוצצה על אחד הכתלים באולם הקטן בעת ויכוח רותח בין יחזקאל בראנד ובין מאיר, ומי משני היריבים היה המשליך לא אזכור, כי שניהם מזרע אהרן הכוהן היו. רק כעבור כמה חודשים, כאשר קיבל מאיר כרוז מרבותיו החדשים עם הוראות כיצד לארגן בעירו את הפגנות האחד במאי, ונצטווה שכל חבריו יצעדו ברחובות העיר ודגל אדום בידם, התחלחל הלז במקצת וגם נתקררה אמונתו, והשלום חזר לאכסניה שלו.

עוד אפיזודה אחת נשארה רעננה בזכרוני מימי המלחמה לכיבוש הלבבות לרעיון הלאומי בעירנו: ביקורו של ש"ז שרגאי בבארניב בשנת תרפ"ח. העיתונים היהודיים מווארשא הודיעו על הרושם הגדול שעשה ביקור שליחו הצעיר של "הפועל המזרחי" בערי השדה של פולין וגאליציה. אליעזר טייכמאן (נחליאל) ועבדכם כותב הטורים האלה, שנינו החלטנו שלא נחמיץ הזדמנות כזו. ידענו שלבקש את מנהיגי הסניף שהם יזמינו אותו — תהיה זו ברכה לבטלה. באין ברירה הבלגנו על מצפוננו ומכתב־הזמנה מזויף יצא מתחת ידינו אל המרכז בקראקא, ובו הובטח גם כיסוי ההוצאות מקופת הסניף...

זוכר אני עוד היום את פניו הנדהמים של אחי מאיר, כשהגיעה לידו יום אחד טלגרמה מקראקא, ובה הודיעו לו ששרגאי יגיע עוד בו ביום לבארניב, בשעה שלוש אחר הצהריים, בתחנת מסילת הברזל שבסקופן. גלגלי עיניו התהפכו בחיפזון ורק לבנן נראה, ואני ידעתי שעלי להיעלם, והתחמקתי מן הבית. אחרי שעה עמדנו אני ואליעזר מן הצד וראינו בהתרוצצות חברי הסניף, שהתחילו להאשים זה את זה במעשה הזדון. — מה יעשו עם אורח כזה, ובמה ישלמו את הוצאות דרכו, ואוצר הסניף ריק זה חודשים ואף שכר דירה לא סולק?... ובאו מאיר חיים הויזר ועוד כמה מהציונים הכלליים ודיברו על לב החברים הצעירים, שמעט כסף יינתן להם מהאגודה הציונית, כמה בחורים יחזרו על פתחי הבעלי־בתים לאסוף נדבות "מתן בסתר", והשאר יעזור אלוקים...

לבשו יחזקאל בראנד וירמיה מאיר קנרק את בגדי השבת שלהם ויצאו בעגלתו של אברהם העגלון לקבל את פני האורח. והיו הרגעים לשעות כשעמדנו בקרן הרחוב כדי לראות את פני־האיש שלא ידענו מה מראהו, הצעיר הוא או זקן? איש מודרני, או טיפוס מן הישן? והנה כרכרה העגלה מרחוק בשלג ובה עלם צעיר בעל זקן שחור, כזה של ד"ר הרצל, טיפוס בלתי שכיח במקומותינו.

בינתיים הגיע שמע ביקורו של שרגאי לבית הרב, ועמדו שם על המשמר, לבל יהיה חלילה אחד מבחוריהם בבית המדרש כאשר ידבר "המסית והמדיח" שם. יום א' בערב אחרי מנחה ומעריב נתקהלה כל העיירה אל בית המדרש, וגם הנשים באו והציצו מהעזרה העליונה שלהן. באין רואים התחמקו לשם גם כמה מבחורי בית הרב שלא יכלו לעמוד בניסיון. פתח שרגאי את נאומו בדברי תורה מתובלים באגדה, ועבר לבאר טעם נטילת ידיים ע"פ הרמב"ם, שאדם מישראל חייב לשאת את כפיו לשמיים קודם שהוא טועם לחם ולהצהיר שהלחם שהוא אוכל לא בא מגניבה או גזילה אלא מיגיע כפיו. ועמדו הכול בפיות פעורים מרוב הערצה

לעלם השחרחר בעל העיניים הבוערות, שהצית להבה בלבם, שלהבת אהבה לעמו ולארצו. ונמצאו גם בין הקהל מן המתנגדים שאמרו: דיברה הסיטרא־אחרא מתוך גרונו של זה, כי על פי דרך הטבע אי אפשר לו לאדם להוכיח בראיות ברורות כאלה שהציונות כשרה מן התורה המסורה...

וגם שרגאי התאהב בנוער הבארניבי והתפלא למצוא נוער כל כך מפותח ברוחו בעיירה נידחת ודלה כזו. ואזכור אני גם את דברי הפרידה שלו, במלונו של ר׳ פסח שליסל, שסיים באגדה מגמרא תענית ה׳: ״כי הוו מיפטרי מהדדי (ר׳ נחמן מר׳ יצחק) אמר ליה: ליברכן מר. אמר ליה: אמשול לך משל. למה הדבר דומה? לאדם שהיה הולך במדבר, והיה עיף ורעב וצמא, ומצא אילן שפירותיו מתוקין וצלו נאה ואמת המים עוברת תחתיו. אכל מפירותיו ושתה ממימיו, וישב בצלו, וכשביקש לילך אמר: אילן אילן, במה אברכך? שיהיו פירותך מתוקין? הרי פירותיך מתוקין! שיהא צלך נאה? הרי צלך נאה! שתהא אמת המיים עוברת תחתיך? הרי אמת המיים עוברת תחתיך! אלא, יהי רצון שכל נטיעות שנוטעין ממך יהיו כמוך״.

•

ויורשה לי לסיים בתפילה: שתהא נשמת עיירתנו ונשמות קדושיה הטהורים צרורות בצרור החיים החדשים הנוצרים בארצנו הקדושה, כדי שיתגדל ויתקדש שמה רבה בעולם.

משה וויינריב

דער אנהויב פון ציוניסטישער טעטיקייט

דער אָנהויב פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין באַראַנאָווו פאַלט אויס אויף די ערשטע יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט און פון 4–5 קאָנגרעס. עס האָבן אָנגעהויבן קומען אין שטעטל די צייטונגען "הצפירה", "המגיד", "הקול" און פון זיי האָט זיך פאַרשפּרייט די בשורה פון דער נייער באַוועגונג. געפאַלן איז זי אויף א פרוכטבאַר פעלד. אין האַרץ פון דער בית־המדרש־יוגנט איז געווען פאַרבאָרגן א שטרעבונג צו עפּעס נייעס, צו אן אויפוואַכן, א ווילן צו געניסן פון דער וועלט־קולטור, פון ברייטע האָריזאָנטן. אויך די עקאָנאָמישע ירידה האָט געוועקט חלומות וועגן הייליקן לאַנד פון "ראָזשינקעס און מאַנדלען". און נאָך א פאַרבאָרגענער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט: אין יענע יאָרן האָט חסידות שוין פאַרלוירן פון זיין רעוואָלוציאָנערן, באַנייערישן כוח. דאָס ראָפּטשיצער חסידות האָט געהערשט אין דער גאַנצער געגנט, געוואָרן א זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך — די יוגנט זוכט אָבער נייעס, זי וויל נישט מסכים זיין מיטן אַלטן. אין ציוניזם האָט די רעליגיעזע יוגנט געזען אן אידעאַלן וועג פאַר איר ענערגיע און באַנייאונג. דער ציוניזם אין שטעטל איז געווען דער עיקר א גייסטיקע באַוועגונג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די השכלה אין איר נאַציאָנאַלער פאָרם.

די ערשטע "ציוניסטלעך" אין שטעטל זענען געווען לייביש וויינריב (מיין עלטערער ברודער) און ראובן בראַנד. אַרום זיי האָט זיך קאָנצענטרירט א גרופּע יינגעלייט, ווי נפתלי פרידמאַן, אייזיק טענענבוים, מלך ראָזענצווייג, ירמיה לייבאָוויטש, חיים הויזער, יחיאל נוסבוים, אלתר קינסטליך און אַנדערע. מען איז זיך צוזאַמענגעקומען ביי וויינריב אין הויז; דאָ איז געווען די ערשטע בלוי־ווייסע קרן־קיימת־פּושקע. מיין פאָטער, ר׳ פישל, איז געווען מער א וועלטס־מענטש, אַרומגערייזט אלס סוחר פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן — ספּירט און תבואה. ער איז שוין געגאַנגען "דייטשמעריש" אָנגעטאָן און ממילא האָט ער געהאַט מער פאַרשטענדעניש פאַר יונגעלייט. ביי דער עלטערער גענעראַציע האָבן זיך "געריבן" די יינגערע, ווי משה אליין, אביגדור פייערליך, חיים שאַלער, משה גוטווין און אַנדערע. וואָס האָט מען געטון ביי די צוזאַמענטרעפן? — גערעדט, געלייענט, "דורכגעפּשטלט" ביכלעך און אַרטיקלען. דאָס לערנען איז דאָך אַלץ געווען אויטאָדידאַקטיש, האָט מען עס געמוזט מיט וועמען "אדורכקייען".

ביים רבס מנין האָט מען גערעדט, אז די סטרא אחרא הערשט ביי וויינריבן — עפּעס טאָן

מ׳וז מען. איינמאָל אין א שבת צום לייענען זענען אריינגעקומען דעם רבס מענטשן אין בית־המדרש, א קלאָפּ געטון אין בעלעמער און מעכב געווען די קריאה: ״רבותי, ביי פישל ווײנריב ברענט א פייער!״ אין בית־המדרש איז געוואָרן א גערודער, א געפילדער... דער פּאָטער איז בלאַס געוואָרן און געזאָגט צו משהן — דעמלט א 17־יעריקער בחור —: ״זעסט, וואָס עץ האָט אָפּגעארבעט!?״ די גבאים האָבן זיך אריינגעמישט און דער פּאָטער האָט צוגעזאָגט צו דערפולן זייער אולטימאַטום: מוצאי שבת וועט ער זיי ארויסגעבן די פּושקע מיטן געלט און אלע ״טריפה־פסול״. אין שטעטל האט זיך געקאָכט. באלד נאָך הבדלה זענען צוגעקומען צוויי מענטשן מיט א לאַמטערן און דאָס אלעס צוגענומען. מיט א צייט שפּעטער האָט מען באַקומען פון קראָקע א נייע פּושקע... און דעם רבס מענטשן זענען מיד געוואָרן פון קאַמף.

די צאָל בחורים און ייִנגעלייט וואָס זענען זיך צוזאמענגעקומען איז געשטיגן. די עלטערן זענען מיד געוואָרן פון רוימען נאָך אזא עולם. האָט מען געמוזט דינגען א לאָקאַל און אזוי ארום געשאַפן אן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם. געהייסן האט די אָרגאַניזאַציע ״בית יהודה״ (פאַרוואָס — ווייסט מען נישט). געדינגען האט מען א שטוב ביי ביילע האָדעס טייכמאַן, אויבן אין מאַרק. משה חיים הויזער איז געווען פּרעזעס און משה ווײנריב דער סעקרעטער. אין יאָר 1910 בערך האָבן זיך אָרגאַניזירט אויך פאַרהייראַטע. מ׳האָט געצאָלט חודש־געלט, א קרן אויף ספרים, אן אָנפאַנג פון א ביבליאָטעק. צוזאמענגעקומען איז מען זיך יעדן פאַרנאַכט, צוזאמען געלייענט אָדער געלערנט, אמאָל פלעגן קומען רעדנער פון קראָקע, אָדער חיים ניגער פון טאַרנאָוו. דאָס לייענען — אפילו פון א צייטונג — האט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון א בלעטל גמרא לערנען, געגריבלט זיך, פאַרטיפט, נאָר נישט אפּנארן!...

געווען אויך א שאַרפער ויכוח: יעקב פייט האָט פאַרלאַנגט, אז מ׳זאָל אויך מיידלעך אריינגעמען אין פאַריין. די מערהייט איז געווען דאַקעגן, נישט געוואָלט צופיל אויפרעגן די בעלי־בתים. מיט דער צייט האָט זיך דאָס פון זיך אליין געענדערט. בשעת א רעפעראַט פון משה לייב פענסטער האָט זיך אריינגעריסן נטע בער און געשריגן: ״געוואַלט, ייִנגען מיס מיידן צוזאמען!״ מ׳האָט אים געוואָלט ארויסוואַרפן, אָבער משה לייב האָט נישט צוגעלאָזט: ״ער, נטע־בער, מיינט עס ערנסט, ער גלויבט באמונה שלמה, אז די וועלט וועט חלילה נישט האָבן קיין קיום, ווען באַראַנאָווער יידן וועלן נישט גיין אין גלייכן וועג...״ נטע־בער שער איז טאַקע געווען א תמים — זיין דאַווענען, דער קריאת־שמע — עד כלות הנפש; מקוואות, סגופים, איינגאַנצן געווען אויסגעטון פון דער וועלט. געשטאַמט האט נטע־בער פון פּשוטן עולם; זיין פאָטער משה שניידער איז געווען אן אָרענטלעכער ייד, אָבער א פּשוטער; ער האָט זיך אליין ארויסגעשלאָגן, פיל געלערנט און געוואָרן א פייערדיקער ראָזוואַדאָווער חסיד. געווען איז ער לא עלינו — א קינדערלאָזער, זיך מפרנס געווען פון א קליין געוועלבל און געמוזט ווערן א מלמד פון עלטערע ייִנגלעך. מיטן ווייב האט מען זיך נישט גערופן ביים נאָמען, נאָר: ״מיינער זאָל לעבן״, אָדער ״מיינע״. אויך משה איז געווען פון זיינע תלמידים; פון אים האָט ער גראָד געהאַלטן, אז ער וועט זיין א גוטער ייד, און אפשר גאָר א ״גדול״. ווען ער איז געוויער געוואָרן, אז משה איז ״אָפּגעברענט״ געוואָרן, האָט עס אים שטאַרק וויי געטון, אזוי



קבוצת חברות של ארגון נוער ציוני
א גרופּע חברות פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע (1919)

ווייט, אז ווען ער איז געקומען דאָס ערשטע מאל מיט א קראוואטל אין חדר אריין, האָט ער עס אָפּגעריסן צוזאמען מיטן האלבן קאָלנער. א ייד א תמים...

עטלעכע ייִנגעלייט האָבן דאמאלס געהאט א גרויסע השפּעה אויף דער יוגנט: לייביש וויינריב האט געשריבן אַרטיקלען אין עברית אין "המצפה" אין קראקע און אויך אין "מחזיקי דת", וועלכע איז דערשינען אין לעמבערג. די צייטונגען זענען אנגעקומען אין שטעטל און ארויסגערופן א גרויסן שטורם. קריטיקירט האָט ער די פארשידענע מנהיגים פון דעמלסדיקן לעבן, וועלכע זענען נישט געווען קיין "הלכה למשה מסיני", און דאָס פאלק האָט אין זיי געזען א הייליקייט. די גאָלדענע קייט און זייגער, אן וועלכע א לייטישער בחור האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן, האָט פארביטערט דאָס לעבן פון פילע טאטעס פון כלה־מיידלעך אין דער צייט, ווען פרנסה איז נישט געווען בריווח. ווו שטייט דאָס, אז דאָס מוז זיין? און די פאבריקאנטן פון סאמעטענע קאפּעלושן און רונדע גאליציאנער היטעלעך — זיי ציען דאָך די הויט; זאָל דער עולם שטרייקן, אָפּטוישן זיי אויף א געווענלעכן "ליציפּעט" אָדער שטאָפּענעם קאפּעלוש! אזעלכע געדאנקען זענען שווער געווען דאמאלס צו פארדייען.

מלך ראָזענצווייג האָט געקענט שפּראכן — אלץ פון ווערטערביכער געלערנט און געווען פון די גרויסע משכילים. אליעזר זילבערמאן, א בארנאווער אידעם, האָט געקענט פיל לערנען. שפּעטער, ווען ער איז א יורד געוואָרן, האָט ער געלערנט מיט איינצעלנע, געקליבענע ייִנגלעך. אליין א שטיקל קאָמפּאָזיטאָר, האָט ער געקענט גוט נאָטן און איז געווען אויך א בעל דקדוק. ביי אים האָט משה געלערנט די ערשטע כללים פון לשון־קודש. רש"י — האָט ער געזאָגט —

קען מען נישט לערנען אָן דעם ספר ״דבק טוב״, און דקדוק — לויטן ״המסלול״. געווען אויך א חוקר, בעל מידות; פאר דער מלחמה איז ער אוועק קיין טאָרנע.

לייביש בלומענפעלד האָט געהאט א פענאָמענאַלן זכרון. ביי 17 יאָר האָט ער שוין געקענט פיל מסכתות אויסנווייניק. מ׳האָט אים געוויזן מיטן פינגער אָן אָרט אין דער גמרא, האָט ער געקענט זאָגן אויסנווייניק צען בלעטער ווייטער, ער האָט אויך געקענט גוט דייטש און פיל געשריבן אין דער שפראך, געשריבן אויך פיל וועגן יהדות, ממש — בור סיד שאינו מאבד טיפה... ער האָט חתונה געהאט קיין ציעשאנאָוו, און באלד נאך דער וועלט־מלחמה געשטאָרבן אויף טיפוס. דאָס שטעטל איז דאן געגאנגען אויף רעדער...

אנדערע פרטים —

יידישער בירגערמייסטער: מאיר חיים הויזערס פאָטער — לייביש הויזער איז געווען א לעדער־סוחר. ער איז אסך יאָרן געווען פרעזעס פון קהל און א צייט אויך בירגערמייסטער.

נאך אים איז שמחה לייבאָוויטש געווען ״בורמיסטש״.

ישעי׳ לאסער

די טעטיקייט פון „מזרחי״

בארניוו איז געווען א קליין שטעטל און די מעגלעכקייט צו דערגרייכן וויסן איז געווען דאָ א באגרענעצטע, ווייל מער ווי א חדר און א פוילישע פאָלקסשול איז אין שטעטל נישט געווען; ארויסשיקן לערנען אין אנדערע מקומות — איז קיינעם אפילו אויפן געדאנק נישט געקומען צוליב צוויי סיבות: צוליב פינאנסיעלע טעמים און צוליב מורא, אז מ׳זאָל חלילה נישט „קאליע״ ווערן. פונדעסטוועגן האָט כמעט די גאנצע יוגנט געלערנט און געשטרעבט צו ביל־דונג, בפרט די רעליגיעזע־ציוניסטישע יוגנט.

נאָך אן הפסקה פון עטלעכע יאָר, ווען מיר האָבן געהאט נאָר א סעקרעטאר אין „מזרחי״, מיין קוזין משה מיטע הי״ד, וועלכער איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט דער צענטראלע אין קראָקע, האָבן מיר, א פאָר יונגע חברים ווי: הערש מאגענהיים, א. נארד, יהושע שאלער, צבי מיטע, ישעיה וואגנער (איצט אין אמעריקע), משה אהרן הויזער י״ד, וואלוויש, און אלתר צייזל י״ד, אפרים און ישראל מרדכי פאמעראנץ און דער שרייבער פון די שורות, רפאל פרידמאן און נאָך אנדערע צוגעטרעטן צו באנייען און פארשטארקן די טעטיקייט פון „מזרחי״. דאס ערשטע האָבן מיר געדונגען ביי אברהם פאנצער אויפן שטאָק א שיינעם, גרויסן זאל, נישט ווייט פון בית־המדרש. ביסלעכווייז האָבן מיר אריינגעצויגן די גאנצע בית־המדרש־יוגנט. דאָס האָט ארויסגערופן אסך אויפרעגונג אין די חסידישע קרייזן. איך דערמאן זיך אין א אָוונט נאָך פורים, וועלכן מיר האָבן איינגעאָרדנט פארן קרן־קימת מיט אייגענע כוחות; געווען איז דאָרט א געשענקטער בופעט, א לעבעדיקע צייטונג, אביסל פארוויילונג און א רעדע וועגן ארץ־ישראל. דאָס איז געווען זייער א געלונגענער אָוונט, מיט א פיינער הכנסה פארן קרן־קימת.

צומאָרגנס איז געווען א רעש אין שטעטל. ר׳ שבתי וואליק איז מעכב הקריאה, אזא „נבילה״: יינגלעך מיט מיידלעך צוזאמען ביז נאָך 12 ביינאכט, געזאמלט אזויפיל געלט פארן קרן־קימת!... די ערשטע רעאקציע איז געווען קעגן די בית־המדרש־יינגלעך — נישט לאָזן זיי לערנען אין בית־המדרש! איר ווילט ווערן גויים? —געזונטערהייט! — נאָר פון בית־המדרש ארויס! — צוגענומען די גמרות און מען לאָזט נישט לערנען. דאָס וואָס ס׳האָט זיך אפגעטון ביי די חברים אין שטוב, קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן. צוביסלעך האָבן זיך די חסידישע קרייזן צוגעוווינט, די צייט האט געברענגט אירס, זיי האָבן געזען, אז מיר זענען

נישט אזוי "שרעקלעך" און זיי האָבן געביטן זייער צוגאנג צו אונדז אויף אזוי ווייט, אז ווען שבתי, וועלכער איז געווען פרעזעס פון "ביקור חולים", האָט געדארפט עמעצן וואָס זאָל גיין נעכטיקן צו א קראנקן, האט ער זיך געווענדט צו די חברים פון "מזרחי".

מיר האָבן געפירט א ציוניסטישע טעטיקייט, געזאמלט אויף קרן קימת, צעטיילט טאשן־פושקעס, (ווייל אין שטוב אריינגעמען א קרן־קימת־פושקע האָט מען מורא געהאט), און אויך א סאָציאלע טעטיקייט. אויב א חבר איז געווען נויטבאדערפטיק, האָט מען אים געהאָלפן און פארזאָרגט. א קולטורעלע טעטיקייט האָבן מיר געפירט אין ראמען פון אונדזערע כוחות און מעגלעכקייטן. יעדן אָוונט, נאָכן לערנען אין בית־המדרש (ווייל כמעט אלע חברים זענען געווען פון די חובשי בית־המדרש), זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען קודם לייענען די צייטונגען, ווייל אין אונזער לאָקאל זענען געווען אלע צייטונגען — יידישע און העברעישע, אויסגאבן פון "מזרחי" אין ווארשע און אויך פון ארץ־ישראל, ("נתיבה"). צוויי מאל אין וואָך זענען געפירט געוואָרן תנ"ך־קורסן, איין מאָל — ציוניסטישע געשיכטע פון ד"ר יעקב צינעמאן, און צוויי מאָל אין דער וואָך — העברעאישע קורסן, און אחוץ דעם פארשידענע דיסקוסיעס. מיר האָבן אָרגאניזירט א העברעאישע און יידישע ביבליאָטעק.

יעדן פארטאָג, 3 א זייגער זיינען שוין געקומען יידן אויפשליסן דאס בית־המדרש. צו דעם האָבן געהאט דריי "שיינע יידן" — ווי מ'האָט דאמאלס געזאָגט — א חזקה: ר' בצלאל דריליך, ר' פסח שליסל (וואָס האָט זוכה געווען עולה צו זיין קיין א"י און איז דאָ נפטר געוואָרן) און ר' נטע בער. א זייגער 4 זענען שוין געקומען אסך יידן; זיי האָבן געלערנט, געזאָגט תהילים. פארענאכט איז דאָס בית המדרש געווען פול געפאקט — וועלכער ייד איז נישט געגאנגען דאווענען אין בית־המדרש? נאָך מנחה־מעריב האָבן אחוץ די בחורים פון בית המדרש געלערנט אויך פיל בעלי־הבתים. איך וועל פרווון זיי אויסרעכענען לויט מיין זכרון: פסח שליסל, מרדכי שליסל, בצלאל דריליך, מענדל לאסער, מאָטל קירשענבוים, ר' אליעזר שו"ב, אברהם ציזל, יצחק מאיר וואגנער; אחוץ דעם האבן פיל יידן געלערנט ביים רב: שבתי וואליק, מיכאל שענדאָרף, ואהרון, אחרון חביב שכנא שניצער; אשר קעמפלערס איידעם, האט געגעבן א שיעור פאר בחורים: בצלאל מירטענבוים, אבא קארנבליט, משה אהרן פריזער און ישעי' לאסער. דאָס איז געווען מיטאָגצייט. ביינאכט האט ער געלערנט מיטן רבס זון.

צבי מיץ

די באלפור—דעקלאראציע

דאָס ערשטע וואָס האָט אויף מיר געמאכט א שטארקן רושם איז געווען די באלפור־דעקלאראציע. דער רעש און דער געפילדער אין שטעטל האָט אויף מיר אזוי געווירקט, אז ביז היינט נאָך קען איך נישט פארגעסן דאס התלהבות און די שמחה. מ׳האָט געמיינט, אז די גאולה איז שוין געקומען. די באראנאָווער ציוניסטן האָבן זיך דערלויבט ארויסצוהענגען א בלוי־ווייסע פאָן אין בית המדרש. איך געדענק, אז מ׳האָט זי ארויסגעהאָנגען פון פענסטער פון דער ווייבער־שול אין בית־המדרש אריין. די פאָן איז געווען לאנג פון סופיט ביז צום פוסבאָדן. פון דער חסידישער זייט האָט מען נישט געשטערט. איך געדענק עס ווי אין א חלום — איך בין דעמלט נאָך קיין 10 יאָר נישט אלט געווען. ס׳דאכט זיך מיר, אז ראובן בראנד האט זיך מיט דעם באשעפטיקט.

איך מוז דאָ באמערקן, אז די קעגנער זיינען נישט געווען אַנטי־ציוניסטיש, נאָר פשוט — זיי האָבן מורא געהאט, אז די יוגנט וועט מיט דער אידעע "קאליע" ווערן.

א צייט שפעטער, ווען איך בין שוין גרעסער געוואָרן און אָנטייל גענומען אין ציוניסטישער ארבעט, זענען געווען שטערונגען פון די קעגנער.

מיט יאָרן שפעטער וואָלט מען זיך נישט געווען געקענט דערלויבן ארויסצוהענגען א פאָן אין בית־המדרש.

צבי מיץ

די העברעאישע שולע
צום אָנדענק פון עסקן און נדבן, דעם קדוש,
זיסקינד ראָטענשטרייך ז״ל

אין יאָר 1931 איז אין באראנאָוו געגרינדעט געוואָרן א העברעאישע שולע. די שוועריקייטן זענען געווען גרויס — פון איין זייט האבן זי שטארק באקעמפט די פרומע מיטן רב בראש. הגם די שולע איז געווען נאר פאר מיידלעך (יינגלעך זענען געגאנגען אין ״חדר״); די שולע האָט געהאט א 70–80 שילערינס. די לערערין מרים קאנער (היינט אין ישראל) איז געווען ביים גרינדן די שולע. זי האָט איר ארבעט דערפולט מיט איבערגעגעבנקייט און בשלימות. פון דער צווייטער זייט — ס׳איז נישט געווען קיין געלט אויסצוהאלטן די שולע. מיר האָבן זיך געוואָנדן קיין אמעריקע, אָבער פון דאָרט האָבן מיר א גאנץ קליינע הילף באקומען. אונזער בודזשעט האָט באטראָפן ביז 200 זלאָטעס א חודש — דאמאלס איז דאס געווען אסך געלט.



בית־הספר העברי — די העברעישע שול (1931)
פון רעכטס: ה׳ ראָטענשטרייך און מאיר חיים האוזער



בית־הספר העברי — די העברעישע שול (1932)

עס זיצן דערוואקסענע: זיסקינד ראטענשטרייך, מאיר חיים האוזער, די לערערין קאנער, לייזער צוקערבראד. די באצייכנטע: גאלדא מיץ.



הצגת־פורים של ילדי בית־הספר העברי

א פורים־שפיל פון די קינדער פון דער העברעישער שול (1932)

עס האָט זיך צו מיר געמאָלדן אן איבערגעבענער אלגעמיינער ציוניסט זיסקינד ראָטענשטרייך, וועלכער איז געווען א רעליגיעזער ייד, און געדעקט דעם גאנצן דעפיציט פון דער שולע. ער האָט זיך אונטערגענומען אויפצוהאלטן די העברעאישע שולע, — זעלבסטפארשטענדלעך איז דאָס געהאלטן געוואָרן שטרענג בסוד, דאס איז געווען זיין ווונטש, אז קיינער טאָר נישט דערפון וויסן. אין שטעטל האָט דאָס געהייסן, אז מען קריגט שטיצע פון אמעריקע.

קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווּסט, אחוץ מיר און מיינע צוויי ברודער. איך באוווּנדער זיך אליין, ווי ס׳איז צו מיר געקומען אזא כוח, קיינעם נישט צו דערציילן וועגן דעם סוד. ס׳איז געווען א קאָמיטעט פון דער שולע און פאר זיי אליין האט מען זיך אויך געמוזט היטן. א געהיימניס, וואָס איך האָב געטראָגן 30 יאָר אין מיר און איך גיב אָפּ א שבח דעם רבונו של עולם, וואס ער האָט מיך געלאָזט לעבן און איך קען עס איצט דערציילן.

רפאל קעסטענבוים

דער „י. ל. פרץ קולטור־פאריין" און זיין גרינדער

ווען אין אסך אנדערע שטעט און שטעטלעך פון פוילן האבן שוין עקזיסטירט כלערליי יידישע אָרגאניזאציעס — פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע — איז אונזער היימשטעטל בארניוו געשטאנען מן הצד. דאָס וויל אָבער נישט זאָגן, אז יידן האָבן זיך דאָרט בכלל נישט „געמישט אין פּאָליטיק", בפרט די יינגערע און אויפגעקלערטע, וואָס פלעגן באַציען צייטונגען אין דייטש פון ווין, אָדער דאָס העברעאישע וואָכנבלאט „המצפה" פון קראקע. נאָך דער ערשטער וועלט־שחיטה ווידער האָט די יידישע יוגנט אָנגעהויבן צו באציען פון ווארשע די צוויי גרויסע טעגלעכע צייטונגען, דעם „מאָמענט" און דעם „היינט", וועלכע מ'האָט געשמאק געלייענט. מען פלעגט אויך לייענען צו ביסלעך די קראקעווער פויליש־יידישע טעגלעכע צייטונג „נאָווי דזיענניק".

קיין יידישע ארבעטער זענען אין שטעטל נישט געווען; עס זענען געווען עטלעכע בעלי־מלאכות, בעיקר שניידער, וואָס פלעגן ארבעטן מיט זייערע קינדער און געהאלטן אמאָל אויך א לערניינגל.

אויב ס'האָט אין אונזער שטעטל נישט עקזיסטירט קיין קלאסן־קאמף, האָט אָבער דערפאר עקזיסטירט א פונאנדערטייל צווישן דעם „געמיינעם גאטונג" און „אונדזערס גאטונג", וואָס האָט זיך באטראכט פארן יחוס. דאָס האָט אָנגעהאלטן ביזן יאָר 1918, ווען פוילן איז געוואָרן אן אומאָפּהענגיקע מדינה. די פויערן פון די ארומיקע דערפער האָבן זיך דעמלט צעהוליעט — געקומען אין שטעטל און אָנגעהויבן צו מאכן פּאָגראָמען אויף שוצלאָזע יידן. זייער איבערראַשונג איז געווען גרויס, ווען זיי האָבן דערזען דעם ווידערשטאנד פון די יידן, דעמאָביליזירטע יינגעלייט פון דער עסטרייכישער ארמיי. די צעהוליעטע פויערן האָבן זיך געמוזט צוריקציען.

אין אָט די שטורמישע טעג איז אָנגעקומען קיין בארניוו הערש לייבעלע, אדער הערשעלע — ווי מען פלעגט אים אויך רופן — דער זון פון ר' יעקב אלי' און חיה'לע פענסטער ז"ל. געקומען איז ער פון ווין, ווו ער האָט אין די געפערלעכסטע מלחמה־טעג גענומען אָנטייל אין אנטי־מלחמה אקציעס. מען האָט אים געשטעלט פאר א קריגס־געריכט און ער איז שיעור נישט פארמשפט געווארן צום טויט. אדאנק זיין מינדעריעריקייט איז ער געוואָרן איבערגעגעבן א ציווילן געריכט.

קוים אָנגעקומען אין זיין היימשטעטל, האָט ער גענומען טראכטן צו טאָן עפּעס פאר די

בארניווער יידן, פאר דער דאָרטיקער יידישער יוגנט. נאָך א קורצן יישוב־הדעת מיט די דערוואקסענע בחורים, איז געוואָרן באשלאָסן צו גרינדן א פאריין. דאָס ערשטע זיצאָרט פונעם פאריין איז געווען ביי משה גארפינקל (משה בלעכער) אין הויז. צו דעם דאָזיקן ערשטן פאריין, וואס הערש לייבעלע האָט געגעבן דעם נאָמען ״י. ל. פרץ קולטור־פאריין״, זענען צוגעשטאנען אויך עלטערע בחורים פון פארשידענע שיכטן און קולטורעלן ניווא. די יידישע מיידלעך פונעם שטעטל האָבן זיך צוריקגעהאלטן דערווייל. עס זענען אנטשטאנען חילוקי־דעות; משה ווײנריב, מאיר חיים הויזער און נאָך אנדערע האָבן געהאלטן, אז מען דארף לערנען יעדן שבת אין פאריין חומש אויפן מאָדערנעם אופן און הערש לייבעלע פענסטער אָבער איז געווען ביי דער מיינונג, אז מען דארף האלטן רעפעראטן וועגן יידישער געשיכטע, יידישער ליטעראטור, טעאטער וכדומה. נאָך לאנגע ויכוחים איז מען געקומען צום באשלוס, אז מען וועט לערנען איין וואָך חומש און איין וואָך וועלן פאָרקומען רעפעראטן און שמועסן אויף פארשידענע טעמעס. אזוי האָט דער פאריין געלעבט א געוויסע צייט בשלום. לאנג האָבן אבער די צוויי עלעמענטן נישט געקענט הויזן אונטער איין דאך. די באלעבאטישע און בית־המדרש־בחורים זענען אוועק און געשאפן דעם פאריין ״בית יהודה״. א קליינער טייל פון זיי איז יאָ געבליבן. צו זייער אוועקגיין האָט צוגעיאָגט א קליינער אינצידענט: — איינמאָל אין א פרייטיק־צו־נאכטס, ווען דער נאפטלאָמפ האָט געברענט און מען האָט נישט געפונען קיין שבת־גוי אים אויסצולעשן, האָט דוד אנמוט, (וואָס איז אומגעקומען אלס פארטיזאנער אין 1942 אין פראנקרייך) נישט־ווילנדיק אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. נו, מער האָט מען נישט באדארפט. אויף צומארגנס האָט דאָס גאנצע שטעטל געקלונגען און מען האָט גערעדט אומעטום וועגן ״גרויסן געשעעניש״ — ביים רב און אין בית־המדרש. ווייבער זענען געקומען צולויפן צו משה גארפונקל מיט א געוואלט, פארוואָס מ׳האָט צוגעלאָזט צו דעם, און די יידענע זיינע, אסתר גיטל, האָט אפילו גוזאָגט, אז זי האָט געהערט ווי ער, דודל ״שמדניק״ האָט געגעבן א זאָג — זי האָט נישט געוואָלט ארויסברענגען דאָס וואָרט פון איר מויל — אז ס׳איז חלילה נישטאָ...

פיגע טשייטש, וואָס האט שוין פון לאנג געהאט אריבערגעשפרונגען אכציק יאר, און ווען זי האָט געשוווירן, פלעגט זי זאָגן: ״כ׳זאָל אזוי נישט וויסן פון קיין יונגן טויט״ — איז אויפגע־שפרונגען, קלאָפנדיק איין האנט אין דער אנדערער: ״אסתר גיטל, ווו ביסטו געווען, הע? האָסט אים, דודלן, נישט געקענט געבן א פרעג און אויסשטעכן אים מיט דעם די אויגן — זע, דודל, עס פאלט א רעגן און ווער מאכט רעגענען, אויב נישט זיין ליבער נאמען?״ — און געווישט בשעת מעשה אירע פינגער אויף די פייכטע שויבן.

שבת־צו־נאכטס האָט דער רב גערופן משה גארפונקל און אים אויפגעפאָדערט ארויסצוווארפן פון זיין הויז דעם פאריין. איז מען געבליבן טאקע שטיין פאר זייער א וויכטיקן און ערנסטן פראָבלעם: ווו געפינט מען איצט א לאָקאל? קיינער האָט נישט געוואָלט קומען אין א קאָנ־פליקט מיטן רב. מ׳האָט אזוי לאנג געזוכט ביז מ׳האָט ענדלעך עפעס געפונען: ביילע האָדעס מייטשעס האָט פארמאָגט צוויי בוידעם־שטיבלעך — אין איין שטיבל האָט ר׳ חיים כהן געלע־

רנט מיט זיינע תלמידים חומש מיט רש״י און אין אנדערן האָט פייגע טשייטש געהאלטן דאס אויבסט מיט וועלכן זי האָט געהאנדלט. זי האָט זיך צוריקגעצויגן מיט אירע עפל, בארנעס און פלוימען צום ראנד פונעם דאך נעבן שטיבל, וואָס נישט געקוקט אויפן פארמאכטן טירל מיטן שלעסל, פלעגט נישט איינער פון דער יונגער חברה זיך אונטערלענען מיט זיי דאָס הארץ...

ביילע האָדעס האָט פארדונגען דעם פאריין דאָס בוידעם־שטיבל, ווייל ביי איר איז נישט געווען קיין שום זאך, וואָס מ׳האָט געקענט אסורן, און חברה האָט זיך גענומען תיכף צום ריינמאכן דעם נייעם לאָקאל. די ווענט זענען געוואָרן אויסגעפוצט און באהאָנגען מיט בילדער פון פארשידענע יידישע און נישט־יידישע שרייבער, מיט די פאָרטרעטן פון גרויסע מענטשן און מיט רעפראָדוקציעס פון פארשידענע קונסט־ווערק. דער באלקן פון לאָקאל האָט געהאט צוויי בעלקעס; אויפן ערשטן, באלד ביים אריינגאנג איז געווען אן אויפשריפט מיט רויטער פארב ״וויסן איז מאכט״, און אויפן צווייטן בעליק — דער פסוק: ״ואהבת לרעך כמוך״, און איבער דער גאנצער ברייט פון דער וואנט, איבער די צוויי פענסטער צו דער גאס צו, האָט מען געקענט לייענען דעם נביאישן פסוק געשריבן מיט א רויטלעכער פארב: ״לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, וגר זאב עם כבש״; ״און קומען וועט א צייט, ווען א לעמל וועט הויזן איניינעם מיט א וואָלף און די שווערד וועט ווערן פארוואנדלט אין א אקעראייזן״.

יעדער איינער האָט געברענגט אין לאָקאל אריין וואָס ער האָט געקענט — ווער א צעבראָכן בענקל, ווער א פּאָר ברעטער, פון וועלכע מ׳האָט צונויפגעשטעלט א טיש, א שענקל, אין וועלכן מ׳האָט אריינגעשטעלט עטלעכע ביכלעך און מ׳האָט דאָס גערופן ״ביבליאָטעק״. די דאָזיקע ביבליאָטעק האָט זיך פארגרעסערט פון טאָג צו טאָג; די ביכער זענען געקויפט געוואָרן פאר די פּאָר גראָשן וואָס די מיטגלידער פונעם פאריין האָבן געצאָלט. א גרויסער טייל פון זיי האָבן נישט געקענט צאָלן די עטלעכע גראשן, ווייל דער רוב פון זיי האָט דאָך נישט געארבעט. מ׳האָט אריינגעשטעלט אין לאָקאל אן אייזערן אייוועלע, אויפגעהאָנגען א נאפטלאָמפּ און מ׳האָט דעם פאריין געגעבן דעם נאָמען ״יידישער קולטור־פאריין פרץ״. אזא סטעמפּל האט מען ארויפגעקלאפּט אויף אלע ביכער און דאָקומענטן פונעם פאריין. קומען אין פאריין האט מען געקענט פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאכט, און מען איז טאַקע געקומען, ווייל מ׳האָט זיך דאָרט גוט געפילט — ס׳איז געוואָרן ווארעם אויף דער נשמה. מ׳האָט גערעדט מכוח פארשידענע פּראָבלעמען. ווינטער פלעגט מען כאפּן דאָרט א ציטער, ס׳איז געווען קאלט. ווען הערש לייבעלע פלעגט זיך נעמען לייענען א דערציילונג פון א יידישן שרייבער, פּאָרטראָגן א ליד פון א יידישן פּאָעט, דערציילן וועגן לעבן און שאפן פון גרויסע מענטשן, מאָלן פאר אונז ליכטיקע צוקונפטבילדער, האָט מען פארגעסן, אז אין לאָקאל איז נעבעך ביטער קאלט און אז דער מאָגן איז ליידיק...

אנדערש איז געווען זומער: אנשטאט צו זיצן אין לאָקאל פונעם פאריין, איז מען געגאנגען צו די ״וואלעס״ הינטערן הויף, וואָס זענען פוןביידע זייטן וויסלאָק געווען באוואקסן מיט קליינע ווערבע־ביימלעך; צווישן די ביימלעך האָבן געוואקסן שווארצע בערעלעך, מיט וועלכע מען פלעגט זיך דאָס הארץ דערקוויקן. און אז ס׳איז געוואָרן גאָר הייס, האָט מען אראָפּגעצויגן

פון זיך דאָס העמדל מיט די הייזלעך און אריין אין וואסער זיך גוט אדורכשווימען. ארויסגעגאנגען פונעם וואסער, האָט מען אראפגעצויגן צוויי צווייגן פון א בוים און געמאכט א הושטאַווקע. הערש לייבעלען איז דאס נישט שטארק געפעלן און ער האָט געזאָגט, אז מען דארף נישט צעברעכן קיין צווייגן, ווייל אויך א בוים לעבט, און אז א לעבעדיקע זאך — ווען מען שלאָגט זי, טוט איר וויי, און דערביי געגעבן צו פארשטיין דעם לעבנמעכאניזם פון א פלאנץ.



הנוער הבארניבי ״בחורשה״ — בארניווער יוגנט ״אין וועלדל״ (1930)

עס שטייען פון רעכטס: חיים גאַרפינקעל, בלומע זילבער, ראָכטשע גארפינקעל,ביילע מעט, זעליג געלבוואקס, מאטל פון דארף מיטרעוו, שלום פענסטער

עס זיצן פון רעכטס: רויזע פאמעראנץ, מרדכי פרייזער, שפרינציע טייל, הערש פענסטער, לאה פענסטער מיטן טעכטערל חיה, חייטשע קאנארעק, לייבוש יעקב מעסינגער, נעכעלע מעסינגער

הערש לייבעלע האָט נישט אדורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט אויפצוקלערן זיינע תלמידים דעם באטייט פון אלע יידישע ימים טובים; ספּעציעל האָט ער ליב געהאט דעם פסח, ווי דעם יום־טוב פון פרילינג און פון באפרייאונג.

אין טאָג פונעם 1־טן מאי האָבן זיך אלע אנגעטון יומטוב׳דיק. דער לאָקאל איז געווען אויסגעפוצט. הערש לייבעלע האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער עסטראדע נעבן ביידע פענסטער, און פול מיט התלהבות גערעדט וועגן אינטערנאציאָנאלן יום־טוב פון פרייהייט און פארברידערונג פון אלע מענטשן איבער גאָר דער וועלט. אויסגעשטעלט אין שורות, די יינגערע יינגלעך און מיידלעך פאָרויס און די עלטערע נאָך זיי, מיט הערש לייבעלען בראש,

האָט מען מיט אויפגעהויבענע קעפּ מאַרשירט, זינגנדיק לידער פון דוד עדעלשטאַט, אברהם רייזן און אנדערע. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לאָנקע און הערש לייבעלע האָט געגעבן צו פאַרשטיין דעם זינען פון 1־טן מאַי. מיר, די תלמידים זיינע, האָבן מיט באַגייסטערונג געשלונגען זיינע ווערטער.

אין שטעטל האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן פאַריין, בפרט וועגן הערש לייבעלען. די אויסגעשפּראָכענע קעגנער זענען געווען די פּני, די עם הארצים. די שטילע פרומע יידן, די וואָס האָבן געקענט תורה, זענען געווען נעוטראַל. אַלע בעלי־מלאכות און האַרעפּאַשניקעס זענען געווען מיט אים. געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן אינגאַנצן נישט געהאַלטן פון זיין אינטע־ליגענץ, ווייל אַ יידענע האָט אים אַמאָל געבעטן, ער זאָל שרייבן אַן אָנקלאַג אין געריכט, האָט ער געענפערט, אַז אַן אָנקלאַג שרייבן קען ער נישט, פּשוט דערפאַר, ווייל ער איז קעגן דעם, אַז איין ייד זאָל אָנקלאָגן דעם צווייטן. נו, איז די יידענע געגאַנגען צו "חיימל דאָס קינד". ער, האָט יאָ אָנגעשריבן דעם אָנקלאָג און נאָך וואָס פאַר אַ אָנקלאָג — אהא! — האָט שפּעטער געזאָגט די יידענע — דאָס הייסט אַ געלערנטער מענטש!...



קבוצת תלמידים ותלמידות של ה. פענסטער

א גרופּע שילער און שילערינס פון ה. פענסטער

ערשטע שורה אויבן: עס שטייען פון רעכטס: ירמיה איציע זאַלצמאַן, ישראל גאַרפינקעל,ביילע מעט, גבריאל שפּרינגער, נעכע מעסינגער, וואָלף שפּרינגער, שפּרינציע טייל, בלימע זילבער, מענדל מעט

צווייטע שורה: מאָטעק טאָפּער, רויזע פאַרמעראַנץ, לוי שפּרינגער, דוד קעסטענבוים, יעקב אַנמוט, מישקעל אַנמוט, בערל טאָפּער, בנימין מעט

דריטע שורה: צפּורה חנה מאַטעלס, שלום טעפּער, יענטעלע מעט, רבקה טייל, שלום פענסטער, מאיר שניידערס אַן אייניקל, אַ טאָכטער פון בלינדן קלמן, שיינדעלע אונטערבערגער

אין שטעטל איז דערוווייל געוואָרן א פרייד: מ׳האָט געשמועסט, אז עס דאַרף אָנקומען פון אמעריקע א פּאָר וואַגאָנען מיט לעבנסמיטל און קליידער, וואָס דער ״דזשאינט״ שיקט פאַר די אָרעמע יידן. אָנגעקומען איז טאַקע, אבער קיין קליידער און קיין מעל האט מען נישט געזען. מ׳האָט אנגעהויבן רעדן אויפן קאָמיטעט, וואָס איז באשטאַנען פון עטלעכע ״שיינע יידן״.

איינמאָל בין השמשות איז עמעצער פון די חברים געקומען צו לויפן צו ר׳ מאיר שניידער און איבערגעגעבן הערש לייבעלען, וועלכער איז דארט געזעסן, אז מ׳האָט ארויסגעפירט איצט פון קאמיטעט מעל. הערש לייבעלע איז געלאָפן אין בית המדרש, איז שנעל ארויף אויפן בעלעמער און דאָס איבערגעגעבן. ער האָט גערעדט הויך און מיט א ציטערדיק קול אויסגערופן: ״דאָס דאָזיקע מעל האָט מען געשיקט פאַר די אָרעמע און הונגעריקע יידן — זיי געהערט עס!״ ר׳ חיימל כהן, דער עלטסטער פון די כוהנים אין שטעטל, א מלמד, האָט א ציטערדיקער אויפגעהויבן די הענט און אויסגערופן בשעת הערש לייבעלעס רעדן: א—מ—ת, א—מ—ת! ר׳איז א גוי, אָבער אן ערלעכער מענטש!

דער עולם האָט זיך באלד געגעבן א לאָז פון בית המדרש צום לאָקאל פונעם קאָמיטעט; די יוגנט מיט הערש לייבעלען בראש. ס׳איז געקומען תיכף צו לויפן דער ד״ר מעלער, וואָס האָט זיך באמיט דעם עולם מיט הערש לייבעלען צו בארואיקן, און ר׳ יעקב אלי׳, דעם פאָטער זיינעם. עס זענען געקומען אויך זשאנדארן. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער עס האָט געהייסן זיי קומען. פלוצים האָט זיך דערהערט פון הינטער דעם פלויט פון גלחס גאָרטן אויפן אדרעס פון אונדזער לערער: ״ב־אָ־ל־ש־ע־ווי־י־ק! באָלשעוויק!״ ד״ר מעלער האט געפרעגט הערש לייבעלען, וואָס ער וויל. ״ברענגגען צוריק דאָס מעל״ — איז געווען זיין ענפער. מיר ווילן עס פונאנדערטיילן צווישן די אָרעמע״. און אזוי איז טאַקע געשען.

ס׳איז געשאפן געוואָרן א נייער קאָמיטעט, וואָס האָט באדאַרפט פאַרוואַלטן מיט אלע געקומענע פּראָדוקטן. אין קאָמיטעט זענען אריין: ד״ר מעלער, עטלעכע אנגעזעענע יידן און, פאַרשטייט זיך, הערש לייבעלע, וואָס די בעלי־מלאכות און אָרעמלייט פון שטעטל האָבן געהאלטן פאַר זייער פאַרשטייער. צו אים זיינען געוואָרן צוקאָאָפּטירט עטלעכע בעלי־מלאכות.

איינמאָל, ווען ביי א זיצונג איז א בעל־מלאכה־דעלעגאַט איינגעשלאָפן פון מידקייט, האָט אים א צווייטער געוועקט, זאָגנדיק: וואָס שלאָפסטו עפּעס? דו מוזט דאָך הערן וועגן וואָס מ׳רעדט. — איך מוז נישט הערן — האט יענער געענפערט — איך קאָן רואיק שלאָפן, איך האב מיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן; אז הערש לייבעלע איז דאָ, וועט אונדז קיין שום שלעכטס נישט געשען.

אזוי איז הערש לייבעלע געווען נישט בלויז דער גרינדער פון אונדזער פאַריין, נאָר אויך דער קעמפער פאַר גערעכטיקייט. דערמיט האָט ער ארויסגערופן רעספּעקט ביי אלע די, וואָס זענען לכתחילה געווען קעגן אים, און דער פאַריין האָט באקומען כסדר מער חשיבות און אָנהענגער, אזוי אז מ׳האט געקענט זיך פאַרמעסטן אויף גרעסערע ארבעטן. מ׳האָט אָנגע־

הויבן צוגרייטן א טעאטער־פאָרשטעלונג — איינע נאָך דער צווייטער; מען האָט געגעבן צוויי טעאטער־פארשטעלונגען אין זאל פון "סאָקאל". געשפילט האבן די מיידלעך און יינגלעך, וואָס זענען געוואָרן גאנצע אקטיאָרן, — ש' אנסקי'ס "טאָג און נאכט" און נאך א פיעסע. אחוץ דעם פלעגט מען געבן אין לאקאל פונעם פאריין קלענערע פארשטעלונגען, צווישן זיי סצענקעס פון לעוו טאָלסטאָי. דא האָט ער, הערש לייבעלע, געשפילט מיט זיינע יינגערע תלמידים.

עס זענען אויך פאָרגעקומען אין פאריין פארשידענע אוונטן, טיילמאל מיט אינסצעניזירטע פאָלקסלידער, צווישן זיי "די סאָכע" מיט עזריאל דריליך ז"ל, וואס איז געווען א קענער פון העברעאיש. די דייטשע רוצחים האָבן אים דערשאָסן אין נייסאנץ, ווו ער איז געווען אן אָנגעזעענער געשעלשאפטלעכער עסקן, צוזאמען מיט זיין פרוי, גאָלדע און זייערע דריי קינדער.

ביים פאריין איז געווען אויך א צוגאָב־שול פאר קינדער פון די "פאָווּשעכנע"־שולן, ווו זיי האָבן געלערנט יידישקייט.

הערש לייבעלע האָט איינגעפירט אין שטעטל א נייעם יום־טוב: א באגריסונג פון פרילינג. קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט פלעגן קומען איינמאָל אין יאָר פרימאָרגנס אין פאריין מיט בינטלעך בלומען אין די הענט — באגריסן דעם פרילינג, געזונגען און דעקלאמירט לידער, וואָס האָבן געהאט א שייכות מיט פרילינג, און דערנאָך האָט מען זיך געלאָזט מיט געזאנג צום הויף צו.

עס האָט זיך איינמאל פארשפרייט אין שטעטל א קלאנג, אז דער רב מיט זיינע מענטשן גרייטן א מארש אויפן פאריין און אז זיי וועלן אויך קומען שטערן א פאָרשטעלונג. נישט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט, איז אין א שיינעם העלן טאָג הערש לייבעלע געגאנגען צום רב פרעגן, פארוואָס ער וויל שטערן דעם פאריין. דער רב האָט אים געגעבן א ברייטן "שלום־עליכם"; הערש לייבעלע האָט זיך פאָרגעשטעלט און זיך באמיט אויפצוקלערן דעם רב, וואָס אזוינס דער פאריין טוט, ווי ער לערנט ארעמע קינדער שרייבן, לייענען און דרך ארץ, קינדער וואָס קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט זיי — זאָל'זשע דער רב אונז נישט שטערן. די איינציקע תשובה פון רב איז געווען: איך וועל יאָ שטערן! — אויב דעם רב געפעלט נישט דער פאריין, פארוואָסזשע האָט ער נישט געשאפן קיין תלמיד תורה פאר די ארימע קינדער? — האָט הערש לייבעלע געפרעגט דעם רב.

הערנדיק וועגן דאָזיקן באזוך ביים רב, איז מעשל טאטע, אן אָרימער דאָרפסגייער, נישט טויט נישט לעבעדיק באלד געקומען צולויפן אין מארק, מיט צוויי פארבראָכענע הענט און גערופן:

— געוואלט, יידן! ווי לאָזט מען דאָס אליין א רב?! ער האָט דאך געקאָנט אים נאך זאגמאליען!...

— ווער? — האָבן זיך די יידן וואָס זענען געשטאנען אין א קרענצל קעגנאיבער שמחה פארלעגער, געפרעגט.

— וואָס הייסט ווער? — האָט מעשל טאטע געזאָגט — ער, הערש לייבעלע.


אַלע יידן, אויך ווייבער, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געלעכטער, זאָגנדיק: — ביסט אַראָפּ פון זינען, מעשל. הערש לייבעלע, אַ מענטש, וואָס וועגט נישט קיין 50 קילאָ, וואָס טשעפּעט נישט קיין פליג און וואָס איז אַ צער בעל החיים, עסט נישט קיין פלייש, — וועט זיך גאָר נעמען שלאָגן ?!...

— מיין קינד — האָט זיך אָנגערופן אַ יידענע — וואָלט דאָס באַדאַרפט זיין; ביי מיר וואָלט איך אים געוויזן — וואָלט ער שוין יאָ געגעסן פלייש...

דער לאַנג דערוואַרטעטער טאָג פון דער פאָרשטעלונג איז ענדלעך געקומען; אַלע האָבן זיך אויסגעפּוצט צו גיין זען זי; זי האָט געזאָלט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל, ווו ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ בינע. דער זאַל איז געווען פאַרצירט מיט פאַרביקע פּאַפּירן און דער נאַפטלאָמפּ באַהאָנגען מיט פאַרשידנפאַרביקע בענדער, וואָס האָט געמאַכט אַ שיינעם עפעקט. אַלעס איז געווען אין דער בעסטער אָרדנונג.

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געזאָלט אָנהויבן, האָבן זיך די פרומע פאַרזאַמלט פאַרן פאַריין און אָנגעהויבן שרייען: מיר וועלן נישט דערלאָזן, אַז שטיוול זאָלן טאַנצן מיט שיך (יינגלעך מיט מיידלעך). אונדז, יינגוואַרג האָט דאָס נישט שטאַרק אָנגעשראָקן. הערש קלמן און נאָך איינער, אַ שטאַרקער בחור, האָבן פאַרזיכערט און גאַראַנטירט, אַז קיין איין איינעם פון זיי וועט נישט געלונגען אַרויפצוקומען אויף די שמאָלע טרעפּלעך וואָס פירן צום פאַריין. און אַזוי איז טאַקע געווען. אָבער — נישט קאָנענדיק ״איינברעכן די פעסטונג״, האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער אין די שויבן. ווען פוילישע זשאַנדאַרן האָבן באַמערקט דעם צוזאַמענלויף, האָבן זיי געפרעגט, וואָס עס קומט דאָ פאָר. ר׳ נטע בער, דער גרעסטער מלמד און פאַנאַטיקער אין שטעטל (זיין פאָטער ר׳ משה שניידער, אַ הויכער, שיינער ייד, פלעגט נייען בעיקר קליידער פאַר פּויערטעס), וואָס פלעגט זיך אַריינלייגן אַרבעס אין זיינע האַלבע שיך כדי צו האָבן יסורים, — איז אַרויס דער ערשטער; אָנגעכאַפּט מיט זיינעביידע הענט ביים קאָפּ, האָט ער געשריגן: ״געוואַלט!״ ״געוואַלט!״ “Regilia się Pali !” (געוואָלט האָט ער זאָגן: “Religia się pali !” (די רעליגיע ברענט). ווי די זשאַנדאַרן האָבן געהערט, אַז עס ברענט, זענען זיי אַרויף אין פאַריין זען וואָס עס ברענט. זיי האָבן טאַקע געזען ווי עס ברענט, אָבער נישט די רעליגיע, נאָר עס האָט געברענט אַ באַגייסטערונג אין די יינגע אַמאַטאָרן־אַקטיאָרן וואָס האָבן געשפּילט אַ פּיעסע. די זשאַנדאַרן וואָס האָבן קיין יידיש נישט פאַרשטאַנען, זענען געבליבן אַ פּאָר מינוט און זענען אַוועק, פאָדערנדיק ביי די דעמאָנסטראַנטן, זיי זאָלן אַהיימגיין שלאָפן.

אין פוילן האָט מען זיך אין יענער צייט געשלאָגן — ס׳איז געווען די צייט פון פויליש־באָלשעוויקישן קריג. דאָס איז געווען אין דער צייט פונעם פוילישן צוריקצוג. דער לובלינער מיליטערישער שפּיטאָל האָט באַדאַרפט קומען קיין באַרניוו. די פרייע געדאַנקען, וואָס מ׳האָט געפּרעדיקט אין אונזער פאַריין, זענען דערגאַנגען צו דער פוילישער פּאָליטישער פּאָליציי. גראָד אין דער צייט (אין יאָר 1920) איז הערש לייבעלע געפאָרן קיין קראַקע איינקויפן ביכער פאַר דער ביבליאָטעק און איז דאָרטן שווער קראַנק געוואָרן. געהיימע פּאָליציי איז



בחורשה — "אין וועלדל" (1937)

עס שטייען פון לינקס: הערש מיץ, גאלדע מיץ, טויבע זוסמאן־פענסטער, הערש פענסטער, צבי מגן, אלתר שליסל, פוליע פרידמאן, לאה בליצער, משה׳לע מיץ

אונטער זיי פון לינקס: די ברודער אפרים און ישראל־מרדכי פאמעראנץ, מרדכי פרייזער

עס זיצן פון רעכטס: רחל זיסמאן־פענסטער, איר ברודער שלום, פערל גאנז, משה גאנז, קאנארעק

בשעת זיין אָפּוועזנקייט געקומען פון טראנאָבזשעג, געזוכט אים און דורכגעפירט ביי זיינע עלטערן א רעוויזיע. זיי האָבן צוגענומען בעת דער רעוויזיע זיינס א קליינע פאָטאָגראַפיע. זיינע חברים און חברות האָבן פארשטאנען מיט וואָס דאס שמעקט, אים געגעבן צו וויסן, אז ער זאָל נישט צוריקקומען. ער האָט אָפּגעוואַרט א שטיקל צייט דאָרט, און ווען ער איז שפּעטער געקומען צו אונדז, האָבן מיר אלע און אויך ער דערפילט, ווי הייס און סכנהדיק דער באָדן איז געוואָרן פאר אים. שטיל האָבן מיר באגלייט אים א סטאציע ווייטער פון דער בארניוועער. ער איז אוועק קיין ווין און פון דאָרטן קרוב צוויי יאר שפּעטער — קיין פאריז. די בריוו, וועלכע ער האָט געשריבן פון ווין און פון פאריז, זענען געווען גאנצע לעקציעס.

אונזער פאריין האָט נאָך עקזיסטירט א שטיקל צייט. די יוגנט איז אונטערגעוואקסן און אסך זענען אוועק געפאָרן פון שטעטל. דער בארניוועער "יידישער קולטור־פאריין פרץ" האָט נישט זיינס גלייכן. איך בין זיכער, אז פאר אלע די, וואָס געפינען זיך היינט אין אמעריקע אדער ערגעץ אנדערש ווו, איז עס דאָס שענסטע קאפּיטל פון זייער יוגנטצייט. זאָל׳זשע דאָס וואָס איך האָב געשריבן דאָ, זיין דער שכר פאר הערש לייבעלעס אומדערמידלעכער און איבערגעגעבענער ארבעט, וואָס ער האָט געפירט אין משך פון צוויי יאָר אין אונדזער אָרים, היינט חרוב געוואָרענעם שטעטל.

צבי מגן (הרש מאגנהיים)

עזרה לנצרכים

"צדקה וגמילות חסדים שקולים כנגד כל מצוות שבתורה" (תוספתא, פאה ד יט).

בין יהודי בארניב הייתה קיימת מסורת של פעילות סוציאלית ועזרה הדדית. פעילות זו התבטאה במתן הלוואות ללא ריבית למעוטי יכולת, שהתפרנסו מן היד אל הפה, וכל ההון החוזר שבידיהם לא עלה לעתים קרובות על 100–200 זלוטי. בעיקר היו אלה מבני העיר שהתפרנסו מרוכלות בכפרים הסמוכים. בדרך כלל היו הללו אנשים עניים, שעמלו קשות, כדי לפרנס את משפחותיהם. כתריסר מיהודי בארניב נמנו עם סוג עניים זה. עם עלות השחר יצאו לכפר, עמוסים שקים וסלים, בהם סחבו מוצרי סידקית, סבון, גפרורים וכיוצא באלה. רוכלים אלה חזרו על פתחי האיכרים. לא פעם ספגו עלבונות, גידופים וכינויי גנאי מפי פרחחים. אף זאת הייתה פרנסתם. רוכלי העיירה גם קנו מן הכפריים מיני תוצרת, כגון עופות, דבש, ביצים ולעתים אף כבש או עגל. יגיעי כוח חזרו על מטענם הכבד מאוחר בערב הביתה. מיד אחר שמכרו את הסחורה, שהביאוה מן הכפר, בתוספת רווח קטן לשם פרנסה, הלכו לפרוע את ההלוואה, שניתנה להם ממישהו ללא ריבית, כדי שיימצאו ראויים לקבל הלוואה חדשה כעבור כמה ימים.

כשם שלא הזכרתי את שמות הרוכלים, כן לא אפרט את שמות היהודים שגמלו חסד לנצרכים ופתחו כיסם למען "הלוואה כשרה", כפי שמקובל היה לכנות הלוואה בלי ריבית. עשרות יהודים בבארניב היו נודעים כגומלי חסדים, ומן הדין הוא לציין, כי ביניהם כמעט שלא נמצאו עשירי המקום וכי רוב רובם היו מבין שדרות המעמד הבינוני בלבד.

יותר משהיו בני עיירתי גומלי חסדים, היו הם נותני צדקה, ומהם שהעדיפו מתן בסתר, כדי שלא לבייש את הנזקק. העזרה הסוציאלית לא הייתה מאורגנת, אך הייתה זאת צדקה שניתנה מעומק הלב, באופן ספונטאני. בשעת איסוף כספים לשם מתן סעד למשפחה, שירדה מנכסיה, גם נתגלה הצורך לסייע לנפגעים ממחלות. בפעולה זו הצטיינו מספר נשים צדקניות, לאו־דווקא מבנות האמידים. הן עקבו אחר המתרחש בבתים של עניים וידעו אצל מי חלה אחד מבני המשפחה, היכן חסרו עצים להסקה בחורף, וכן מי ומי היה זקוק לחלה לשבת. תמיד ידעו נשים אלה ממי לקחת ולמי לתת. כמו כן היה נהיר להן אל מי לפנות: לבעל או לאשה, שכן היו משפחות בהן האשה נהגה לתת צדקה ובעלה היה ממאן ולהיפך.

בשנות השלושים, כשהורע המצב הכלכלי של יהדות פולין, יצאו מאות יהודים ויהודיות לאסוף נדבות. הם נדדו בעגלות מעיר לעיר וחזרו על הפתחים. לפעמים פקדו את העיירה יותר מעשרים עניים כאלה ביום. עוברי הדרך נזקקו לאוכל וללינה. בדרך כלל קיבלו ממישהו לחם ודג מלוח וישבו להם לאכול בבית המדרש. קשה יותר היה לספק להם מקום לינה. בקיץ יכלו לישון בגורן, בשדה או בעליית הבית, בו היה שחת בנמצא, בעיקר אצל בעלי עגלה, אבל אלה היו מועטים. למזלם של העניים נמצאו מספר יהודיות רחמניות, שקנו להן מצוות, והציעו בבתיהן מצעים לנודדים העניים.

משנתרבו העניים, שחיזרו על הפתחים, נועצו ביניהם כמה אנשים טובים, שרצו להקל על סבלם של עוברי הדרך ולמנוע מהם את ההליכה מבית לבית, כדי לאסוף פרוטה מכל איש. על כן קיבלו על עצמם לסור אל בתי התושבים היהודיים אחת לחודש ולגבות מהם תשלום שבועי קבוע למען עניים אלה. נקבעה מכסה לכל משפחה בעיר, לעשירים גדולה יותר ולעניים קטנה יותר. ומאז הלך כל נודד נצרך לגזבר של חברת צדקה זו וקיבל את הכסף ("אָפּפּארטיק־געלד"), שנקבע לכל עני — זלוטי או שני זלוטי, סכום שאיפשר לו לנסוע לעיר אחרת.

משראו העוסקים בצרכי ציבור, שעשו מעשה טוב, החליטו להרחיב את מסגרת הסיוע ולהבטיח לעניים אף מעט אוכל חם בשעות צהריים. לשם כך הגדילו במקצת את מכסת התשלום לכל משפחה ופתחו קופה בשם "הכנסת אורחים". נקבע אדם, שהתמסר לתפקיד זה, ובמשך הזמן נודע שמו בכל העיירה. הלך עני שרצה לאכול, בא אליו וקיבל ממנו פתק שזיכה אותו לאכול אצל אישה, תמורת תשלום, ששולם לה מן הקופה, מבלי שהרוויחה מכך.

הואיל והעניים התרבו והכסף היה בצמצום, התנדבו במשך הזמן משפחות רבות להגיש לעני פעם בחודש או אפילו בשבוע ארוחת בוקר, ארוחת צהריים או ערב. דרושה הייתה התנד־בות בקנה מידה גדול, כדי לנהל את המפעל. וכן הוטל ניהול "הכנסת אורחים" על חובשי בית המדרש, שעשו שליחות מצווה זו במסירות ובסבלנות. לא פעם אירע לנו, חובשי בית המדרש, שנכנס אלינו עובר אורח עני, שעה ששרויים היינו בפלוגתה על סוגייה קשה בגמרא, וביקש פתק לארוחת בוקר.

אם בימות החול היו קיימים אי אלה הסדרים להכנסת אורחים, הרי היה המצב גרוע יותר בלילות שבת ובשבת. בזכות מספר משפחות, שמסורת הייתה בידן לקחת הביתה אורח לשבת, לא היה כל קושי באירוחם, אך כשנתרבו ומספרם הגיע ל־20 ויותר, היה זה מחזה שובר לב לראותם בפתח בליל שבת, בעוד שבעלי בתים יוצאים לבתיהם ומתעלמים מנוכחותם. הייתי אז בן 13 או 14. באותם הימים טיפלתי במתן פתקאות לעניים לארוחות בימי חול, ואכן עלה על דעתי, כי מן הראוי הוא להנהיג שיטה זו גם לשבת. אולם לשם כך צריך היה להבטיח את מקום הארוחה עוד במשך השבוע. ואמנם הלכתי מדי שבוע בשבוע ביום ראשון לאותן המשפחות שאירחו עניים בכל שבת, וכמו כן לאלה שנהגו כך לפרקים, והבטחתי אצלן מקומות. לאחר שקיבלתי את הסכמתן, הדבקתי במשך השבוע בבית המדרש רשימת האנשים שהתנדבו לקבל פני אורח בשבת הבאה.

בתחילה עלה תמיד מספר העניים על זה של המתנדבים, אולם במשך הזמן נהפך המצב: בעלי הבתים התחננו ממש לשלוח להם אורחים לשבת, ולא נמצאו די עניים שייענו להזמנו־תיהם; אפילו אנשים, שמעולם לא הכניסו לביתם אורח בשבת, אם מטעמי קמצנות או עניות, ואם משום שנפשם סלדה מלשבת ליד שולחן אחד עם עובר אורח — אפילו יהודים מעין אלה ביקשוני להכניס אותם לרשימה. יתר על כן — אנשים שהיו עניים עצמם, ביקשו לתת להם לפי התור הזדמנות לקבל פני אורח בשבת, והם מצאו סיפוק רב בפרסום שמותיהם ברשימה, שהוצגה ברשות הרבים, בצדם של שאר נכבדי העיר.

ברצוני להזכיר, כי מספר משפחות אמידות טענו, שאין באפשרותן לשבת ליד שולחן אחד עב עובד אורח, אך עם זאת מוכנות היו לשאת בהוצאות לאירוחו במקום אחר. מובן, שעוררה טענה זו רוגז רב, והיו שתבעו לאלץ את "איניני הטעם" לנהוג ככולם. לעומתם הטעמתי, כי מצד העני אין חשיבות במקום הסעודה, כי אם העיקר הוא שייהנה מארוחה טובה. וכן באתי בדברים עם אשר קמפלר ועם רעיתו מלכה, והם נאותו תמורת תשלום הוגן — אך ללא רווח — להושיב על שולחנם אורחים לשבת.

מוסד זה של "הכנסת אורחים" פעל כהלכה, עד שיצאתי ללימודי בישיבת "כתר תורה" שבקראקוב. מספר חובשי בית המדרש הלך ופחת, ולא נמצא מתנדב שהמשיך במשימה, וכך חזר הכול לקדמותו.

צבי מגן (מאנגהיים)

מטבח חם לילדים

קיבלתי את הפרטים, שאני מוסרם כאן, מאת דן בירנבוים (דוניש), שהגה את הרעיון להקים מטבח לילדים והיה הרוח החיה במפעל זה.

היה זה בשנת 1932–1933, כאשר הוויסלא עלה על גדותיו והציף את בארניב ואת כל העיירות הסמוכות לה. הממשלה חילקה באמצעות העירייה מצרכי מזון, כגון קמח, חיטה, גריסין וכן עצים להסקה, כדי לאפשר בישול ארוחות לילדי המשפחות שנפגעו. הארוחות הוכנו במוסד לטיפול בילדים, אך ילדי יהודים לא יכלו לאכול שם, כי האוכל לא היה כשר.

דן בירנבוים, אחד הפעילים במועדון הנוער היהודי "בית יהודה", פנה לראש העיר יאן דז'ווינסקי וביקש ממנו להקצות מצרכים לילדי היהודים שאינם נהנים מן התמיכה הממשלתית. על שאלת ראש העיר, כיצד הילדים עשויים ליהנות ממנה ללא מטבח כשר, השיב דן בירנבוים בהבטחה להקים מטבח כשר במועדון "בית יהודה". ראש העיר סיפק כמה מאות קילו חיטה ושעורה, העביר סכום כסף קטן וכן המציא עצים לצורכי המטבח. עתה צריך היה לגייס מתנדבות לבישול האוכל ולחלוקתו לילדים ואף לדאוג לכלים ולמצרכים הדרושים.

התמזל מזלו של דן בירנבוים, שבשכנותו הייתה גרה חיה קינצלר, בתו של פסח קינצלר, ואשתו של פייביש קינצלר. בירנבוים דיבר אל לבה של אישה טובת־לב זו והיא הסכימה להתנדב להאכלת ילדי עניים. הסכמתה של חיה קינצלר ניתנה ביום שישי אחרי־הצהריים, ובו ביום הכין דן בעזרת אחיו, אברהם הירש ז"ל וחבריו, קצת אורז וחלב, שלח לקנות לחם, כדי שיוכלו הילדים לאכול כבר ביום ראשון. ועוד במוצאי שבת, כשהנוער התכנס במועדון, הודיעו על פתיחת המטבח במועדון בחודשי החורף, ובו במקום נקבעו מבין הבנות תורניות, שיבשלו ויחלקו את האוכל.

במשך השבת התפרסם דבר המפעל החדש ברבים, וביום ראשון הגיעו הילדים הראשונים על מנת לאכול צלחת אורז, לחם בגבינה ולשתות כוס חלב. תחילה באו מעט ילדים, כי היו מבין ההורים שהתביישו לשלוח את ילדיהם למטבח צדקה, אך העובדה, כי המטבח נפתח בכותלי מועדון נוער, וכי המבשלות והמגישות נבחרו מבין בנות העיר שפעלו בהתנדבות ובמסירות, עזרה לילדים הנצרכים להתגבר על תחושת הבושה. וכך הגיע מספר הילדים, שאכלו במטבח ארוחת צהריים חמה מדי יום ביומו, ל־60–70.

פעולות המטבח עשו רושם עצום על יהודי העיר, בעיקר על החרדים, שראו עד כה במועדון אך ורק מפגש למעשי הוללות, והנה כעת — אף הם נוכחו לדעת, כי הנערים והנערות מסוגלים למעשים נכבדים, שלא על מנת לקבל פרס.

כשאזלו כספי התמיכה של העירייה, המשיכו בני הנוער של המועדון לאסוף כספים בצורות שונות ולקיים את המטבח. במשך הזמן השתפר גם טיב התבשילים, נרכשו כלי שולחן בשריים ואף הוגשו תבשילי בשר פעמים מספר בשבוע. לפי הצורך קנו סוחרי בהמות עגל או כבש ומכרו אותו למטבח במחיר הקנייה. כן שחט השוחט ללא תמורה לצרכי המטבח, בעוד שהקצב פשט את העור וניקה את הבשר בהתנדבות. המפעל הרים את קרן עיירתנו שהתחילה משמשת דוגמה לכל עיירות הסביבה.

סבורני, כי נעשה עוול לאנשים, שהתנדבו לעבודה נעלה זו, אלא אם כן נזכיר אותם כאן. הראשון מבין הקרובים ביותר לפעולה זו היה אברהם הירש בירנבוים ז״ל, שהיה ראשו ורובו נתון למפעל המטבח. כמו כן הושיטו את עזרתם להצלחת הפעולה אברהם נורד, לייב פנסטר, אברהם גרינבוים ואחיו יאנקל גרינבוים (ז״ל), שחטב עצים לצורכי המטבח, אליעזר צוקרברוד, רפאל פרידמן ז״ל ואחרים.

בין הבנות יש לציין לשבח את האחיות רבקה, לאה וצלבה בליצר, רחל ואלאווסקי ושאר הבנות של המועדון שמרביתן נרצחו בבלז׳ץ.

אהרן בליצער

הכנסת אורחים

יעדן שבת פלעגן זיך געפונען אין בית המדרש פרעמדע ארימעלייט, מיט וועלכע עס האט זיך פארנומען אשר פרייזער און פארזאָרגט זיי ביי א בעל־הבית. יעדן שבת פלעגן נעמען אן אורח לייביש טאָפּער און יעקב זייוועל, און אויב עס האט פאסירט, אז ס׳איז קיין אורח נישט געווען, פלעגן גלייך נאכן דאווענען צוקומען לייביש טאפער און יעקב זייוועל צו אשר פרייזער און פרעגן אים, וואס האט פאסירט — נישטא קיין אורח? אויף דעם פלעגט אשר ענפערן א צופירדענער: — ניין, זאָל גאָט העלפן, אז פון היינט אָן זאָלן קיין אורחים נישט זיין און יעדער זאל זיין אין דער לאגע שבת צו מאכן ביי זיך אין דער היים.


טיפוסים ודמויות

טיפן און געשטאלטן

רבקה קאָפּע

הערש לייב פענסטער

(עטלעכע כאראקטער־שטריכן צו זיין ווערן א בן־שבעים)



הערש לייב פענסטער

דאָס דערמאנען דעם נאָמען הערש פענסטער איז ביי מיר כמעט שטענדיק פארבונען מיט א וויזיע פון שבת־יום־טובדיקע טישן מיט זינגענדיקע יידן...

הערש פענסטער איז געבוירן געוואָרן אין באראנאָוו, מערב גאליציע, ביי פרומע עלטערן. אלס קינד האָט אים זיין פאָטער מיטגענומען צום רבין. אויף זיין זעלבסשטענדיקן וועג האָט ער מיטגענומען די טראדיציאָנעלע יידישקייט פון זיין היים, מיט די מידות טובות פון זיין צניעותדיקער מאמען, וועמענס כאַראקטער ער האָט געירשנט.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געלעבט אין ווין, אין א קרייז פון יידישע און נישט־יידישע פערזענלעכקייטן. געלערנט און גענערט זיך פון די גרויסע גייסטער, ווי גוסטאוו לאנדאוער, פעטער קראָפּאָטקין און אנדערע. פענסטער אליין איז קיינמאל נישט געווען געבונדן מיט קיין פארטיי, זיך אָבער אליין דיסציפלינירט צום עטישן סאציאליזם. אן אקטיווער קעמפער קעגן קריג, האָט ער אין לעצטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה דעמאָנסטרירט אויף די גאסן פון ווין און אריינגעפאלן אין תפיסה.

קיין פאריז קומט פענסטער אין יאר 1922. ער לערנט די פראנצויזישע שפּראך און איז טעטיק אלס זשורנאליסט. ער דרוקט זיך אין דער היגער פרעסע און ווערט מיטארבעטער אין "די פרייע ארבעטער־שטימע" פון ניו־יארק.

בעת דעם נאציאָנאל־סאָציאליסטישן רעזשים אין דייטשלאנד, ווען ס'האָט זיך אנגעהויבן דאָס פיבערדיקע אנטלויפן פון היטלער־גיהנום, ווען עמיגראנטן האָבן איבערגעלאָזט זייער האָב און גוטס און געקומען לעבן אונטער דעם שוץ פון גאסטפריינטלעכן פראנקרייך, האָט פענסטער אויפן סאָציאלן און קולטורעלן געביט אויפגעטאָן א גראנדיעזע זאך: ער האָט געגרינדעט "דאס יידישע ווינקל" אויף רי רישע. דאָס איז געווען א קולטור־אינסטיטוציע פאר דערוואקסענע און קינדער. אסך אינטעלעקטועלע יורדים פון דייטשלאנד האָבן דאָ באקומען א מאָלצייט, קליידונג, און אין דער ערשטער ריי — דערמוטיקונג. דאָ פלעגן אויך

ארויסטרעטן יידישע געלערטע, שרייבער א. א. וו. למשל אליהו טשעריקאָווער, איציק מאנגער, מאָריס שווארץ. פּרעזידענט פון ״ווינקל״ איז געווען דער באקאנטער סקולפּטאָר נחום אראָנסאָן.

פענסטער האָט ליב אויפצווויקלען זיינע דערמאָנונגען פון יענער קולטור־אינסטיטוציע און דערציילט מיט א גלאנץ אין אויג, וויאזוי ער האָט אויפגעשטעלט א פּאָדיום, איינגעפירט קינדער־פאָרשטעלונגען און אימפּרעזעס פאר דערוואקסענע. ער האָט אפילו אנגעשריבן אן איינאקטער פאר די קינדער: ״חנה מיט די זיבן זין״ [1].

אין דער היטלער־תקופה, אינעם וואלגער פון לאגער צו לאגער, איז דער רירעוודיקער פענסטער אויך נישט אָפּגעשטאנען פון זיין קולטור־ארבעט, ספּעציעל פאר דער יוגנט. ער האָט געמוטיקט מיט זיינע פאטעטישע רעדעס, נישט ארייננצופאלן אין עצבות, כאָטש ער אליין האָט געטיילט דעם זעלביקן גורל פון די מיטלאגערניקעס.

נאָכן בלוטיקן היטלער־שטורעם האָט פענסטער געשאפן זיין קאָלאָסאל ווערק ״אונדזערע פארפייניקטע קינסטלער״. אין דער יידישער חורבן־ליטעראטור האָט דאָס גרויסע ווערק פון הערש פענסטער געמאכט געשיכטע. פענסטער האָט אונדז אויסגעלערנט ליב האָבן דעם באקאנטן און אומבאקאנטן קינסטלער, וואָס האָבן אדאנק זיין אויפטו זוכה געווען צו תחית המתים. אונטער יעדער פאטאגראפיע, ווו עס געפינט זיך די באשרייבונג וועגן אומגעקומענעם קינסטלער, פילן מיר ממש הארצקלאפּ פון זיינס א לעצט, קורץ־אָטעמדיק בריוועלע, געשריבן פון טויטן־לאגער צו א נאָענטן, אז אפילו דאָס אבסטראקטע פונעם קרבן׳ס טראכטן איז געוואָרן קאנקרעט לעבדיק [2].

פענסטער איז א געפילפולער, סענטימענטאלער מענטש, אן ענטוזיאסט; ער האט ליב צו דערציילן א מעשהלע און דערביי אליין פריער לאכן — ווי א קינד; און כאָטש איר קענט דאס שוין, מוזט איר מיטלאכן, ווייל זיין געלעכטער באצווינגט אייך...

אין בריוו צום רעדאקטאָר פון בוך שרייבט פענסטער:

״...בדרך כלל האָב איך געלעבט אין קראָקע, געארבעט דאָרטן די ערשטע צייט אין א

[1] אייגנטלעך איז ״חנה מיט די זיבן זין״ געווען בלויז אַ פראגמענט פון דער פּיעסע, וואס האט זיך באזירט אויף אויף אנדערע עפּיזאדן פון אונדזער געשיכטע. די הויפּט־ראָל האט געשפּילט די מיטגלידערין פון דער ״ווילנער טרופּע״ פרידאַ בלומענטאַל, ע״ה.

[2] אין בוך, דערשינען אין פאריז 1951, מיט א הקדמה געשריבן אין יידיש פון מארק שאגאל, רעדט דער מחבר ארום 85 אומגעקומענע יידישע קינסטלער פון פאריז. צום סוף ברענגט ער א רשימה פון 140 קינסט־לער, וואס זענען אומגעקומען אין דער אָקופּירטער אייראפּע בעתן נאצי־רעזשים. כאראקטעריסטיש פארן מחבר איז די הקדשה צום בוך, וועלכע מיר ברענגען דא בשלמות: ״געהייליקט דעם אָנדענק פון אלע מיינע אויף קידוש־השם אומגעקומענע משפחה־מיטגלידער, די יידן פון דער קהילה קדושה פון מיין גאליציש געבוירן־שטעטל בארנעוו (בארנאוו), די מיליאָנען קדושים פון אלע אָפּגעמעקטע קהילות קדושות, יענעם אומבאקאנטן ברודער ציגיינער און זיינע שטאמברודער, די אומגעצוימטע און פרייע קינסטלער־נאטורן, וועלכע גייענדיק מיט זיי צו די גאז־קאמערן, האבן זיך געווענדט צו די יידישע קרבנות מיט די ווערטער: ״וועגן אייך וועט מען שרייבן, ווער וועט אבער אונדז דערמאנען?״ און אלע מענטשן־קרבנות פון דער קאטאסטראפע — יהי זכרם ברוך!״

געשעפט און דערנאָך זיך גענומען שטודירן און געלעבט פון לעקציעס. אין קראָקע בין איך אריין אין דער יוגנט־אָרגאניזאציע "יוגנט", וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון "פועלי־ציון"; געווען דאָרט אקטיוו, ארויסגעטראָטן מיט רעפעראטן. שפּעטער האָט דער פאריין אויך אריינגענומען מיידלעך. די יידישע שרייבער, צווישן זיי אברהם רייזען ז"ל, האָבן ליב געהאט צו קומען דאָרטן, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין קראָקע.

ווען די ערשטע וועלט־שחיטה איז אויסגעבראכן, בין איך אוועק פון דאָרטן. נאָכן אָפּזיין עטלעכע וואָכן אין מערישן שטעטל פּאָהרליץ מיט א גרעסערער צאָל יידישע פליטים, האָב איך זיך געלאָזט פון דאָרטן גלייך קיין ווין. געווען דאָרט עטלעכע יאָר און געקומען אין משך פון דער מלחמה א צווייט מאָל קיין קראָקע און בארניוו. קומענדיק נאָך דער מלחמה, האָט איך אָנגעטראָפן אויף א כוואַליע פון פּאָגראָמען. איך בין אריין אין קראָקע אין יידישן זעלבסטשוץ, מיט וועלכן עס האָבן זיך פארנומען דעמאָביליזירטע יידישע אפיצירן פון דער צעפאלענער עסטרייכישער ארמיי. איך בין געפאָרן קיין בארניוו, ווו עס איז אויך געווען א זעלבסטשוץ, און געשאפן דאָ דעם "קולטור־פאריין פרץ". פאָרנדיק איינמאל קיין קראָקע איינקויפן יידישע ביכער פאר דער ביבליאָטעק, האָב איך — קומענדיק צוריק — געטראָפן מיין שטעטל אין א מוראדיקן מצב: די יידישע קלייטלעך אויסגערויבט און דאָס וואס די כוליגאנעס האָבן נישט צוגערויבט, האָבן זיי (ווי דאָס איז געווען מיטן געוועלבל פון מיין פאָטער ז"ל) ארויסגעוואָרפן אין גאס, אין דער בלאָטע אריין — אָנזיכטסקארטלעך, פאפיר וכדומה. אלץ איז געווען פאר־האקט. מיין מאמע, די צדיקת, האט דערזעענדיק מיך זיך צעוויינט; איינגעהילט אין איר שאל, האָט זי געזאָגט צו מיר: "זעסט הערשעלע, אָט איז דיין פוילן...".

הגם איך בין תמיד געווען מיט יידן, מיט דער יידישער פאָלקסמאסע, און זי קיינמאל נישט פארגעסן, האָב איך עפּעס דעמלט, קוקנדיק אויף די יידן פון שטעטל, זיך געפילט שטארק שולדיק לגבי זיי. געלעבט — האָב איך זיך געזאָגט — אין ווין, גערעדט מיט מענטשן וועגן גרויסע זאכן, געקומען אָפט אין קאָנטאקט מיט דער ווינער ארבעטערשאפט, מיט דער ווינער אינטעליגענץ, אָבער דיין פלאץ דארף זיין אָט דאָ, מיט די אָרימע צעשראָקענע יידן. איך בין דעמלט געווען עפּעס גרייט צו פאלן די ארימע יידן צו די פיס און בעטן ביי זיי מחילה...

האָבנדיק פארברענגט אן ערך צוויי יאָר אין בארניוו, האָב איך געמוזט פארלאָזן דאָס שטעטל. די פּאָליציי, אָדער בעסער געזאָגט — די זשאנדארמעריע האָט געהאט אן אויג אויף מיר, מיך געהאלטן פאר א "געפערלעכן". איך האָב בשתיקה פארלאָזט מיט הארצווייטיק די יידישע קינדער, די יידישע יוגנט, און דורך אן אנדערע באן־סטאציע געפאָרן קיין קראקע. א צוויי טעג שפּעטער איז אָנגעקומען א כאָפּטע מיט באוואָפנטע זשאנדארן — פון טארנאָבזשעג (וואס יידן פלעגן מייסטנס רופן 'דזיקיוו') מיט די היימישע זשאנדארן — זוכן מיך. זיי האָבן געמאכט א רעוויזיע ביי מיין טאטן .בארניוו האָט דאָס ערשטע מאָל געזען אזא מין רעוויזיע.

פון קראָקע בין איך געפאָרן צוריק קיין ווין; באזוכט דאָרט די פעדאגאגישע קורסן פאר לערער פון ד"ר זיגפריד בערנפעלד. מאָדנע — איך האָב אין מיין דערציערישער ארבעט אנגעווענדט די אלע מעטאָדן וועגן וועלכע ער, בערנפעלד, האָט גערעדט בעת זיינע לעקציעס.

סוף 1922 געקומען מיט 10 סערבישע דינאַרן קיין פּאַריז און גלייך פאַרפאָרן צו שלום שוואַרצבאַרד ז״ל, אין זיין זייגערמאַכער־געוועלבל. איך האָב די ערשטע צייט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון לעדערנע ביליקע בייטלעך און דערביי געלערנט מיט גרויס התמדה וויקטאָר הוגאָס לשון. איך בין אַביסל שפּעטער אַריינגעטרעטן אין באַרימטן פראַנצויזישן פאַרלאַג ״האַשעט״.

פאַרלאָזט די אַרבעט אין דאָזיקן פאַרלאַג, האָב איך געלעבט פון לערנען די יידישע עמיג־ראַנטן — וואָס זייער צאָל האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן — די פראַנצויזישע שפּראַך, ביחידות און אין יידישע אינסטיטוציעס. געגעבן אויך אַ ביסל לעקציעס פון ענגליש יידן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאָרן פון דאַנען קיין אַמעריקע.

איך האַב געלערנט פראַנצויזישע לימודים צומערשט אין דער ״אַליאַנס פראַנסעז״ און פון דאָרטן בין איך אַריין אין דער פּאַריזער אוניווערסיטעט, סאָרבאָן, וווּ איך האָב שטודירט די פראַנצויזישע ליטעראַטור, די פראַנצויזישע שפּראַך, געשיכטע וכדומה, און באַקומען אַ דיפּלאָם אַלס ״פּראָפעסאָר פון דער פראַנצויזישער שפּראַך פאַר אויסלאַנד״.

איך האָב געשריבן וועגן ראָמען ראָלאַן און אַרויסגעטראָטן מיט רעפעראַטן וועגן אים, און אויך וועגן טאָלסטאָי; געשריבן אויך וועגן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע און גאַנדי. דעם ערשטן געהערט אין ווין אויף דער אוניווערסיטעט. ער האָט אַזוי שטאַרק דערמאַנט אין מיין טאַטנס דזיקיווער רבין . . .

איך האָב אויך געשריבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן י. ל. פּרץ, וואָס איז תמיד נאָענט מיין האַרץ און געפילן, און וועגן גרויסן פראַנצויזישן פרייהייטלעכן דענקער, שרייבער, ערודיט און טיפן איידעלען הומאַניסט, האַן רינער. מיין אַרבעט וועגן אים האָבן נאָענטע חברים אַרויסגעגעבן אין פאָרם פון אַ בראָשור צום אָוונט לכבוד דעם דערשיינען פון מיין גרויס ווערק ״אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער״, ביי וועלכן איך האַב אָוועקגעלייגט יאָרן פון מי און מאַטער.

איך האָב — גלויב איך — אָנגעהויבן צו אַרבעטן ווי אַ סעקרעטאַר ביי שלום אַש, אַרום 1925, זייט ער האָט זיך באַזעצט אין פראַנקרייך. ער האָט דעמלט פאַרפאַסט די טרילאָגיע ״מאָסקווע״, ״פּעטערבורג״, ״וואַרשע״, — צוזאַמען אַרום 7–8 יאָר.

אין 1932 בין איך געוואָרן רעדאַקציע־מיטגליד פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג ״דער טאָג״, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן נח פּרילוצקי ע״ה. די דאָזיקע צייטונג איז דערשינען איך משך פון נישט קיין גאַנץ יאָר.

פאַרן חורבן פלעג איך פאָרן אַלע צוויי־דריי יאָר קיין פּוילן, מחמת בענקשאַפט צום פּוילישן יידנטום. דאָס לעצטע מאָל בין איך געווען דאָרט אין יאָר 1937. נישט געקוקט אויף דער שנאה צו יידן, האָב איך ליב געהאַט די פּוילישע לאַנדשאַפט און די פּוילישע ליטעראַטור. כאָטש איך שטאַם פון אַ פרומער, טראַדיציאָנעלער יידישער היים, איז מיר אויסגעקומען צו לעזן פריער די פּוילישע קלאַסיקער, ווי די יידישע.

איך האָב אין יענעם יאָר אַרומגעוואַנדערט אין פּוילן איבער שטעט און שטעטלעך מיט מיין אומפאַרגעסלעכן פריינד, דעם יונגן און אַסך־צוזאָגנדיקן מאָלער־קינסטלער יעקב מאַנטשניק ז״ל.

ער האָט געמאָלן דאָרט די אַלטע ייִדישע שולן; די בילדער זענען אַרויס אין פאָרעם פון אַן אַלבום אין פּאַריז מיט אַן הקדמה פון געוועזענעם פראַנצויזישן בילדונגס־מיניסטער, דע־מאָנזי.

דער קדוש יעקב מאָנטשניק האָט מיט זיין קינסטלער־נשמה פאָרויסגעזאָגט, אַז ס׳וועט קומען אַ מוראַדיקער שטורעם און ער האָט געוואָלט כאָטש פאַרייביקן עטלעכע אַלטע שולן אין פּוילן. ער האָט מיך ממש געצויגן צו פאָרן מיט אים, זאָגנדיק: לאָמיר פאָרן ביידע — איך וועל מאָלן דאָרטן די שולן און דו וועסט שרייבן — איידער ס׳וועט ווערן צו שפּעט...

הערש פענסטער

שטעטלדיקע טיפּן

ר׳ יויזיפּ — דער יושר־מאַנער

ווי פון א חלום שלייערט זיך ארויס פאר מיינע אויגן דער דאָזיקער הויכער, ברייטפּלייציקער גלייכער ייד, מיט זיינע שווארצע פונקלדיקע אויגן, מיט דער גלאַנציקער שווארצער, שיטערער באָרד, מיטן אלטן סאמעט־קאפּעליוש אויפן קאָפּ, מיטן קיילעכדיקן פּנים, וואָס איז געווען באַצויגן מיט א קופּער־טונקעלער הויט און בולטע פּנים־שטריכן. אויף יעדער זייט באַק איז געווען א גלייכער פּאה־פּאס. מיט זיין הייך, מיט די זיכערע טריט, וואָס ער האָט געשטעלט גייענדיק פּאמעלעך איבער די געסלעך פון שטעטל, אָנגעטאָן אין זיין לאַנגער, שווארצער זשיפּיצע, האָט ער זיך אויסגעטיילט פון אלע אנדערע יידן פון שטעטל.

ער, ר׳ יויזיפּ, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אמתע פּערזענלעכקייט. געווען איז דער דאָזיקער ייד א שניידער; ער האָט געניית דער עיקר פאר פּויערים. דאָס שניידער־פאַך איז פאר אים, ר׳ יויזיפּ׳ן, נישט געווען אזוי שווער און קאָמפּליצירט, — גענומען האָט ער עס לייכט און מיט א שמייכל, זיך נישט געבראָכן קיינמאל דעם קאָפּ ביים מאָס־נעמען אָדער ביים מעסטן; גענומען א שטריקל, געגעבן א מעסט די לענג פונעם פּויער, וואָס איז געשטאַנען א פאַרגלאָצטער פאר אים, געמאכט איין קניפּ, דערנאָך ארומגענומען מיטן שטריקל די ברייט פונעם פּויער, געמאכט נאָך א קניפּ, און תיכף דערנאָך זיך גענומען שניידן מיט דער גרויסער שער זיינער.

טיילמאָל פלעגט ער אויך הייסן דעם פּויער זיך במחילה אוועקלייגן אויף דעם טיש זיינעם און אזוי אים די מאָס גענומען — מחמת שפּאס.

אנדערש אבער איז שוין געווען ביי די פּויערימס זין; פאר זיי, די יונגע שקצים, האָט מען שוין געמוזט נעמען די מאָס מיט א צענטימעטער, אָבער אויך דאָ האט ר׳ יויזיפּ נישט געמאכט קיין לאַנגע שהיות: ער האָט די שקצים, וואס זיינען געשטאַנען פאר אים גלייך ווי א ווירע, גענומען מיטן צענטימעטער די מאָס און איינער פון זיינע זין האָט פאַרשריבן מיט א שטיקל קרייד אויף דער טיר דאָס, וואָס ער, ר׳ יויזיפּ, האָט זיי דיקטירט.

די פּויערים און די שטעטלדיקע גויים האָבן אים גערופן "קאשקא". קאשקא האָט געזאָגט, קאשקא האט געהייסן — פלעגן אלע זאָגן. קיינער האָט נישט געוווסט, פון וואנען עס האָט זיך צו ר׳ יויזיפן גענומען דער דאָזיקער נאָמען.

ר׳ יויזיפ איז געווען פון די גאַר ערשטע אין שטעטל, וואָס האָבן געקעמפט פאַר יושר; נאָך איידער עס זענען געקומען די יונגע, די ״ציציליסטן״, האָט ער שוין געהאַט געקעמפט מיט די נגידים, מיט די ״קאַרפּן־קעפּ״ — ווי ער פלעגט זאָגן — אַז ס׳זאָל זיין צדק און יושר. ער, ר׳ יויזיפ, פלעגט זאָרגן דאַפאַר, אַז ס׳זאָל די ״געמיינע לייט״ קיין עוולה נישט געשען; ער האָט געפירט אַ ביטערן קאַמף מיט די אַלע, וואָס זענען געזעסן אין בית המדרש ביי דער סאַמע מזרח־וואַנט און געהאַט פאַר זיך אַלע כיבודים: די שענסטע עליות און שמחת תורה — די ״אתה הראת׳עס״; פאַר די ״געמיינע לייט״ איז געבליבן נאָר דער ״עוזר דלים״. ער, ר׳ יויזיפ, דער פויערישער שניידער, פלעגט טון אַלצדינג, כדי אַרויסצורייסן פון זיי, די ״קאַרפּן־קעפּ״, די חזקות, וואָס זיי האָבן גענומען אין ״אַרענדע״... ער איז געווען גליקלעך און זיך געפרייט ווי אַ קינד, ווען ער האָט זיי, די ״קאַרפּן־קעפּ״, געקענט אָפּטון אַ שפּיצל... האָט אַ ״שיינער״ בעל־הבית, מוצאי יום־טוב, איידער מ׳האָט געהאַט אָנגעצינדן אַ ליכט אין בית המדרש און געדאַוונט מעריב, געהאַט אַ חזקה אויף דעם ״לשנה הבאה בירושלים״, פלעגט ער, ר׳ יויזיפ, קאָנספּיראַטיוו צונויפנעמען בשתיקה די ״געמיינע לייט״ (אָרימעלייט) אַרום באַלעמער און אַרויסראַטעווען פון די ״נגידישע הענט״ דעם ״לשנה הבאה בירושלים״. דאָס יינגוואַרג פלעגט אים דערביי צוהעלפן און שטאַרק לאַכן. אָפּגעטאָן דאָס שטיקל ״אַרבעט״, האָט ער זיך אַליין צעלאַכט ווי אַ קינד... אַ טייל פון די ״קאַרפּן־קעפּ״ זיינען געווען אַביסל אין כעס: ״ס׳טייטש, הייתכן? — וווּ איז דאָס געהערט געוואָרן?״...

עס האָבן אָבער נישט געפעלט קיין יידן, וואָס האָבן געהאַט דערפון הנאה — אפילו צווישן די ״קאַרפּן־קעפּ״ גופא.

שבת, ביי קריאת התורה האָט ר׳ יויזיפ גוט אויפגעפּאַסט, אַז די ״קאַרפּן־קעפּ״ זאָלן נאָר נישט פאַר זיך אַליין פאַרכאַפּן די עליות, אַז עס זאָל די ״געמיינע לייט״ קיין עוולה נישט געשען, און נישט איינמאָל פלעגט ר׳ יויזיפ זיך קריגן וועגן דעם מיט די גבאים. — וווּ איז יושר, הע? — פלעגט ער זיך אויפשטעלן און קאָכן; מ׳האָט דעם און דעם מבייש געווען, קיין עליה נישט געגעבן. און נישט פרעגנדיק קיינעם קיין וואָרט, שטייט ער אויף אויפן באַלעמער און שרייט אויס:

— יידן, וואָס שווייגט עץ? אַזאַ עוולה, מבייש געווען אַ ייד, וווּ איז יושר, פרעג יעדן. יעדן וועל איך ווייזן, וואָס ס׳הייסט אַן אָרימאַן, אַ בעל־מלאכה מבייש צו זיין — האָט ער זיך געווענדט צו די ״קאַרפּן־קעפּ״, — ״יושר״! — האָט ער געגעבן אַ קלאַפּ אין שולחן. דאָס פּנים האָט דעמלט געפלאַמט ביי אים, ווי אַ פייער און די הענט האָבן ביי אים געציטערט. ווען ער איז שפּעטער אַראָפּ אויף די טרעפּלעך פון באַלעמער, איז דאָס פּנים געווען ביי אים ווייס ווי קאַלך.

אַן אַלגעמיינע שטילקייט. פּלוצים האָט זיך איינער פון די ״קאַרפּן־קעפּ״ אָנגעהויבן צו היצן: — אַזאַ חוצפּה! וואָס? — האָט ער געטענהט — וואָס? מיר האָבן שוין נישט קיין וואָרט? ווער עס וויל, זאָגט אַ דעה, הע?...

אַז ״קאַרפּן־קעפּ״ האָבן געברענגט פאַר פּסח מעל אויף מצות און דער שמש האָט אויסגע־

רופן ביים דאוונען, אז קיין אנדער מעל טאָר מען נישט נוצן, אַז ס׳איז געאַסרט, האָט ער, ר׳ יויזיפ, דער שניידער פאר פויערן, אָפּגעמאכט ביי זיך, נישט זאָגנדיק קיינעם קיין ווארט — ״אויב אזוי, מוז מען טאקע ׳זייער מעל׳, אויך אסרן״. און ווי געטראכט, אזוי געטאָן. לויערט ער, ר׳ יויזיפ, אזוי לאַנג אויף זייער מעל, ביז ס׳האָט זיך אים אין א שיינעם העלן טאָג איינגעגעבן, אז די גערעכטיקייט זאָל נישט פארשעמט ווערן: א באגאָס דאס מעל — און אויס מורנו...

געווען איז ר׳ יויזיפ א ייד אַ אָרימאן, א אביון, ער האָט אָבער פארמאָגט א ווארעם יידיש הארץ. ער פלעגט זיך טיילן מיטן ביסן, און וויפל אָרימעלייט עס זענען געקומען אין שטעטל, זענען זיי געווען זיינע אורחים — דער עיקר בעת די ווינטער־חדשים. זיי, די אָרימעלייט, האָבן נעבעך געוואַרט, ביז די פרעסט וועלן זיך אביסל אָפּשטעלן; ער, ר׳ יויזיפ, האָט נישט באדארפט גיין דאוונען מיט מנין — ער האָט געהאט א בית המדרש ביי זיך אין שטוב. אינדערפרי און ביינאכט פלעגט מען ארויסהערן פון זיין שטוב די ״ברוך הוא׳ס״ און די ״ברוך שמו׳ס״ און די ״אמן׳ס״...

די אָרימעלייט פלעגן ביי אים עסן. כל זמן ס׳זענען געלעגן אין קעלער אביסל קארטאָפל און קרויט־קעפּלעך, איז נאָך צוגעגאנגען ביי ר׳ יויזיפ׳ן אלץ כשורה, אז די קארטאָפל מיטן קרויט האָבן זיך געהאלטן ביי אים אין אויסלאָזן, פלעגט ר׳ יויזיפ אויך נישט ארייַנפאלן צוליב דעם אין קיין עצבות; ער פלעגט צו זיינע אורחים זאָגן מיט א שמייכל: — ״זאָרגט נישט יידן, מ׳עט גיין צו די נגידים. געמיינע לייט דארפן אויכעט עסן״. און אז ר׳ יויזיפ איז געגאנגען צו די ״נגידים״, האָט געמוזט זיין אזוי ווי ער, ר׳ יויזיפ, האָט געוואָלט, און די נגידים פלעגן מוזן געבן, וויפיל ער האָט ביי זיך אָפּגעמאכט. ער פלעגט מיט זיי איינטעהנען אויף ״דו״, איינבייגנדיק בשעת מעשה אביסל דעם קאָפּ: ״הער נאר, שמחה, — ווענדט ער זיך צו איינעם פון די נגידים, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אהין און צוריק און נעמנדיק א פעסטן שמעק טאביק, צוגעגעבן: אַן אָרימאן, מיינסטו, שמחה, דארף נישט עסן? — הע? — איך פרעג דיך?״

גערעדט האָט ר׳ יויזיפ אביסל אונטער דער צונג.

ווינטער, ווען ס׳זענען אָנגעפאלן די גרויסע שנייען און דער פראָסט האָט געהאט אויסגע־מאלעוועט אויף די שויבן פון ר׳ יוזיפס פענסטער כלערליי בלומען, איז ביי ר׳ יוזיפן נישט געווען קיין שטאָך ארבעט — צוליב די זאוויערוכעס זענען די פויערן נישט געקומען אין שטאָט אריין. אז ס׳האָט זיך יאָ באוויזן אמאָל א פויער, איז ר׳ יויזיפ דעמלט צוגעגאנגען צו זיין שכן, אויך א שניידער, און אריינגעקלאָפּט אין פענסטער: ״קום, שאמע, מיר א ברויט, דיר א ברויט״. און ר׳ יויזיפ און שאמע האָבן זיך גענומען ביידע נייען דעם פויערס הויזן.

ר׳ יויזיפ שניידער האָט ליב געהאט יינגווארג. אויף זיי, ״אויף די קינדער״ — ווי ער פלעגט זאָגן, האָט ער נישט געלאָזט זאָגן קיינמאל קיין שלעכטס. ״די קינדער״ האָבן ליב געהאט ר׳יוזיפן מיט זיין שטענדיק גוטן הומאָר, מיט זיין שמייכל און פשוטער גוטסקייט.

אז עמיצער האָט חלילה גערעדט אויפן יינגווארג, אז זיי זענען נישט פרום, בחורים גייען שפּאצירן אונטערן ״וואל״ מיט מיידלעך, פירן זיך ביי די הענט, רעדן פון ״ציצעליזם״, פון

ארץ־ישראל, זינגען און טאנצן — האָט ר׳ יויזיפ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ זאָגנדיק: ״טאקע, טאקע״, און דערנאָך באלד מוסיף געווען, באוועגנדיק אהין און צוריק זיין קאָפּ: ״און וואָס שאדט דיר אזוי, דו, דו בהמה — כ׳בעט דיך איבער א־א־אז די קינדער פרייען זיך? קענסט נישט באשטיין, הע?״

אז ס׳האָט זיך געמאכט אין שטעטל א מהומה, גויים פון די דערפער זענען געקומען ראבעווען און שלאָגן יידן, די גויים האָבן געטענהט, אז ס׳איז היינט ״וואָלנאָשטש״ (פרייהייט) און פאָלסקא (פוילן) — איז ער, ר׳ יויזיפ, דער יושר־מאָנער, געווען צווישן די קרבנות. די גויים האָבן געקלאָפּט ביי אים אין די פענסטער, געקאָפּעט אין די טירן, ביז זיי האָבן זיך ארייגגעריסן אין שטוב, זי אויסגעליידיקט און דאָס רעשט אָרימקייט צעבראכן, צעהאקט. ר׳ יויזיפ האָט זיי געזידלט מיט דער בלאָטע צוגלייך, זיך אנטקעגנגעשטעלט און געזופן: ״טי, פשאַקרעוו!״ (דו, הינטיש בלוט!)...

און אָט שטייט ער פאר מיר, דער דאָזיקער הויכער ייד מיט זיינע שווארצע, גלאנציקע סאמעט־אויגן, ווי ער טראָגט אין א זומערדיקן פרימאָרגן, הינטערן שטעטל, ווו אויףביידע זייטן וועג האָבן זיך לייכט געוויגט קאָרנפעלדער, א קינסטלעכן פוס פון א קאליקע. ער האלט אים אָנגעלענט אויף זיין אקסל; ער גייט צום קאָוואל וואָינאראָווסקי, לאָזן אים פאריכטן. עפעס א גוי ווארט אויף אים, זיצנדיק אינמיטן וועג אין א ראָוו, ער קען נישט גיין ווייטער. — א מענטש — האָט ר׳יויזיפ שניידער געזאָגט — דארף מען העלפן. און ר׳ יויזיפ האָט טאקע שטענדיק געהאָלפן א מענטש.

אחוץ מיט דער שניידעריי זיינער, האָט ר׳ יויזיפ זיך אויסגעצייכנט מיט זיין בקיאות אין ״כירורגיע״; ביי די בעלי־שבר איז ער געווען א גאנצער מומחה. אז א ייד איז געשען א מכשול, איז מען תיכף געלאָפן נאָך ר׳ יויזיפן — ער האָט זיי באלד געשטעלט צוריק אויף די פיס. בשעת דער ״אָפעראציע״, וואָס ער פלעגט אדורכפירן מיט א זעלטענער פלינקייט, פלעגט ער זיך וויצלען און לאכן און געמאכט פארגעסן דעם ייד אין זיינע ווייטיקן. אָפטמאָל פלעגט ער קומען צוגיין אינמיטן דער נאכט. פאר די דאָזיקע אָפעראציעס האָט ר׳ יויזיפ קיינמאָל קיין שום באלוינונג נישט גענומען. ער פלעגט נאָך ארויסנעמען די טאבאק־פושקע, זי ברייט געעפנט און געגעבן דעם, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהאָלפן, א גוטן שמעק טאביק.

פון אלע ימים טובים האָט ר׳ יויזיפ שניידער געהאט אמליבסטן שמחת־תורה. זיין גרעסטער און פריילעכסטער יום טוב איז אָבער געווען ווען ער, ר׳ יויזיפ, האָט זוכה געווען חתונה צו מאכן א קינד; ווער איז דעמלט געווען זיינס גלייכן?... אינמיטן גאס האט געמוזט זיין די חופה; געכאפט דערנאָך דעם חתן ביי איין האנט און די כלה ביי דער אנדערער, און א פריילעכער און שטאָלצער געפירט חתן־כלה איבערן מארק און געגעבן בשעת מעשה א ווינק צו די קלעזמער צו שפילן עפעס ״א פריילעכס״. זיי, די קלעזמער, זענען געווען די אָרימע שניידער און טרעגערס פון שטעטל. נאָך זיי, די קלעזמאָרים, זיינען געגאנגען די מחותנים, די געסט און די קינדער פון שטעטל.

און אָט לאָזט ר׳ יויזיפ שטיין דעם חתן מיט דער כלה. מיט א לאנגן, גילדענעם געפלאָכ־

טענעם קוילעטש, וואָס ער האַלט פאַר זיי אין דער לופט מיט זיינעביידע הענט, טאַנצט ער פאַר דעם חתן מיט דער כלה און דער עולם פּאַטשט מיט די הענט.

שמחת תורה איז אַ פריילעכער יום טוב. אַ שטראַלנדיקער האָט זיך ר׳ יויזיפ געלאָזט אין גאַס אַריין מיט אַ זאַק פול מיט עפּל און ניס. וויפל קינדער עס זענען געווען אין שטעטל, זיינען זיי אים נאָכגעגאַנגען. ר׳ יויזיפ האָט זיי, די קינדער, געטיילט עפּל און ניס פונעם זאַק און די קינדער האָבן געזונגען, צוהאַלטנדיק אַ האַנט ביי דער באַק.

פאַר די הייזער זענען געזעסן שורות ווייבער אָנגעטאָן אין בגדי יום־טוב. ר׳ יויזיפ האָט זיי צוגעוואָרפן פונעם זאַק עפּל און ניס, געוואָרפן עפּל און ניס צו דער מחנה קינדער וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען. די קינדער האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד צו כאַפּן די פּירות. ר׳ יויזיפ שניידער האָט געקוואָלן מיט זיין יומטובדיקן, שטראַנלדיקן פּנים, ווידער געגעבן אַ וואָרף מיט דער האַנט די עפּל און די ניס און גערופן צו די קינדער כסדר: זינגט, קינדערלעך טייערע, היינט האָבן מיר שמחת תורה!

חברה קינדער האָט זיך צעזונגען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, געפּאַטשט מיט די הענטלעך. ס׳האָט זיך געהערט פון פריילעכע, זינגענדיקע קינדערישע מיילער: "שישו ושמחו בשמחת תורה!" און ער, ר׳ יויזיפ אַליין, האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן אין געווירבל פול קינדע־רישער פרייד, וואָס ער, ר׳יויזיפ, דער יושר־מאַנער, האָט היינט אַליין אַרויסגערופן.

פייגע "טשייטש"

אַזוי ווי יעדעס שטעטל, האָט אויך באַרניוו פאַרמאָגט זיינע "טיפּן" — פאַרביקע און אינטערע־סאַנטע. ווער פון די לעבנגעבליבענע, צעזייטע און צעשפּרייטע באַרניווער יידן ווערט זיך דאָס נישט דערמאַנען אין פייגע "טשייטש", יענע הויכע פעסטגעבויטע יידענע מיט די קליינע אייגעלעך, וואָס האָבן אַלץ געזען און אַלץ באַמערקט?

אַז ס׳איז געקומען זומער־לעב, פלעגט פייגע "טשייטש" זיצן אין סאָד, וואָס זי האָט געהאַט געדונגען ביי איינעם פון די שטעטלדיקע גויים, דאָרט נעכטיקן אין דער בודע, באַדעקט מיט צווייגן און שטרוי. זיצנדיק אין מאַרק אויף אַ קעסטל, פלעגט זי פאַרקויפן די פּירות פון סאָד און די געלייזטע גרייצערס האַלטן פאַרשטעקט אין אייזערנע שוואַרצע טעפּלעך.

אין די שבתים און אין די ימים טובים פלעגן באַרניווער בחורים און מיידלעך קומען אין פייגע "טשייטש"ס סאָד, אָדער אין אַ סאַד פון אַן אַנדערן יידישן סאַדאָווניק, זיך אוועקזעצן אין שאָטן פון אַ בוים אויפן גרינעם גראָז, זיך דערציילן מעשיות, לאַכן און זינגען, און בשעת מעשה טועם זיין פון אַ פרישער, זאַפטיקער פּירה.

קיינער אין שטעטל, און אויך זי, פייגע טשייטש אַליין, האָט נישט געוווּסט, וויפל יאָרן זי טראָגט אויף זיך — 85? 90? און אפשר... נאָך מיט אַ שפּיצל דערצו? און אַז ס׳איז עמעצער געשטאָרבן אין שטעטל, האָט פייגע־טשייטש, אַ יידענע אַ דאַמבּ, ווען זי האָט געזען די לוויה, אויסגערופן — פאַרמאַנכדיק בשעת מעשה פעסט אירע פינקלדיקע אויגעלעך און אויפהויבנדיק איר באַטיכלטן קאָפּ: "אוי, גאָטעניו הארצעדיקער, זיסער, — נאָר נישט

קיין עלטערס!...נאָר נישט קיין עלטערס, גאָטעניו!...״ בחורים, ליצנים, פלעגן זאָגן: ״זי, פייגע־טשייטשע, וועט נישט שטאַרבן...״.

ר׳ שבתאי וואָליק—דער גרויסער אוהב ישראל

אונדזער טראַגיש פאַרשניטן שטעטעלע האָט פאַרמאָגט יידן מיט הערצער וואַרעמע און גוטע. עס שטייט פאַר די אויגן איינער פון די קדושים און טהורים — ר׳ שבתאי וואָליק ז״ל. א ייד, א הויכער, א שלאַנקער ווי א טאָפּאָל; געקרייזלטע לענגלעכע פאות און א מיטל־לאַנגע באָרד פון טונקלעם טאַבאַק־קאָליר און א ביסל פלאַטשיקער נאָז.

ר׳ שבתאי איז געווען א ייד א שטילער און אַן ערליכער, קיינמאָל זיך מיט קיינעם נישט געקריגט און קיינמאָל נישט געזאָגט קיינעם קיין מוסר. ער האָט געטון זיינס. געטראַכט, וויאַזוי צו העלפן א ייד א נצרך דורך א גמילת חסד, לייען אים א פּאָר גילדן, וכדומה.

ר׳ שבתאי אַליין האָט זיך קוים קוים מפרנס געווען מיט זיין ווייב (זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער) פון זיין קליינעם מסחר מיט מעל און קערנער. ער פלעגט אַרומלויפן איבערן שטעטל צו יידן נאָך א הלוואה, כדי מיט דעם געלט צו קענען העלפן א נויטבאַדאַרפטיקן ייד. נישט תמיד איז דאָס ר׳ שבתאי׳ן אָנגעקומען איינגאַנצן לייכט. אויב ער האָט זיך נישט געקענט לייען ביי צמיצן פּריוואַט, פלעגט ער לויפן אין דער קליינער באַרניוווער באַנק נאָך א הלוואה, אַבי נאָר צו קענען העלפן א ייד.

מיין קוזין הערש מיטץ גיט איבער, וויאַזוי ר׳ שבתאי איז איינמאָל אַריינגעקומען אין באַנק אָן אויפגערעגטער, פאַרביטערטער און מיט וויטאַג און צער אויסגערופן, אַז אויב דער רבונו של עולם וויל אים אמאָל העלפן מיט געלט, טאָ זאָל ער אים געבן אויך שכל, אַז ער זאָל וויסן וואָס צו טון דערמיט. געלט אָן שכל — איז, א שיינעם דאַנק דיר, רבונו של עולם!...

פאַרשטייט זיך אַז מיט דעם וואָרט ״שכל״ האָט ר׳ שבתאי חלילה נישט געמיינט צו וויסן, האָבנדיק געלט, ווי צו מאַכן א לעבן, צו פאָרן אויף וואַקאַנסן און אויף ״וויק־ענדס״, נאָר פשוט צו טון מעשים טובים, צו זיין ביכולת צו העלפן מענטשן...


און נאָך שרייבט מיר מיין קוזין, אַז ער קען זיך גאַרנישט איינהאַלטן פון וויינען, טראַכטנדיק וואָס פאַרא הייליקע נשמות מיר האָבן פאַרלוירן.

באַרניוווער קצבים

די באַרניוווער קצבים האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך א דינאַסטיע, וואָס האָבן איבערגענומען זייערע פּראָפעסיעס פון טאַטעס, זיידעס און עלטערזיידעס. דאָס זענען געווען יידן הויכע, געזונטע און ערלעכע מיט וואַרעמע הערצער. יעדער פון זיי איז געווען א מכניס אורחים. זיי פלעגן אין זייערע ציכטיק געהאַלטענע שטובער מיט די ווייסע פאַרהענגעלעך ביי די פענסטער, אויפנעמען בסבר פנים יפות היימישע און אויך פרעמדע יידן, אָרימע לייט וועלכע זענען געקומען אין שטעטל בעטן נדבות איבער די הייזער. צווישן די אָרימעלייט האָט זיך אויך געטראָפן נישט איינמאָל א ייד א יורד.

פיר ברידער זענען זיי געווען: ר׳ אהרון, דער עלטסטער פון זיי, איז געווען א ייד א פעסט־געבויטער, ברייטפלייציקער און הויכער, מיט א טונקל־בלאָנדער באָרד און פאות. ווען דאס ווייב זיינס איז געשטאָרבן, האָט ר׳ אהרון, אויף די עלטערע יאָרן שוין, חתונה געהאט מיט א מיידל, די טאָכטער פון גלעזער, יאָסעלע, וואָס האָט ר׳ אהרון׳ען געגעבן עטלעכע יורשים. זיינע דריי ברידער: ר׳ לייבוש, ר׳ הערשל און ר׳ פיניע, וועלכער האָט — דאכט זיך — געהאט די גרעסטע באָרד פון זיי. ווען עמעצער אין שטעטל האָט זיך אויסגעגליטשט, צעבראָכן א האנט, א פוס, איז מען תיכף געלאָפן צו פיניע קצב, וועלכער איז געווען א מומחה אין דעם, און ער האָט אומר ועושה — צוריקגעשטעלט א האנט, א פוס — ווי ס׳באדארף צו זיין. פאַרשטייט זיך, אז ער פלעגט דאָס טון אָן געלט און נאָך מיטגעגעבן א ברכה דעם באטראָפענעם. זייער משפחה־נאמען איז געווען טאפער.

א גאנצע וואָך זענען די ברידער געווען פארנומען מיט זייער פרנסה — געגאנגען אין דאָרף איינהאנדלען א בהמה, א קעלבל, געשטאנען אין יאטקע, אָבער אז ס׳איז געקומען שבת, האָבן



אהרון קורץ

זיי אויסגעזען גאנץ אנדערש. אָנגעטון אין זייערע שוואַרצע זיידענע, גלאנציקע בעקעשעס מיט די געפלאָכטענע שווארצע גארטלען און די שניי־ווייסע העמדער, אָן שניפסן ביי די קעלנער, אין די שטריימלען און אין די לכבוד שבת אויסגעפוצטע שטיוול און שטיוועלעטן; איינגעהילט אין זייערע טליתים ביים דאווענען אין בית המדרש און האלטנדיק די סידורים אין האנט מיט די שבתדיקע תפילות, אָדער צוהערנדיק זיך צום לייענען די סדרה אויפן באלעמער, האָבן זיי אויסגעזען ווי רבנים. ווער שמועסט נאך ראש־השנה און יום־כיפור, ווען זיי האָבן געטראָגן זייערע ווייסע קיטלען און פרום ארויסגעדאַוונט פון די מחזורים די ימים־נוראים׳דיקע תפילות. זיי זענען געווען מיט זייער געבן צדקה, מיט זייער שטענדיקער גרייטקייט צו העלפן א ייד, מיט זייער ערלעכקייט און שטילקייט — פון יעדן מענטש געאכטעט.

יאָסעלע טאָפּער

מיר האָבן רעדנדיק וועגן ר׳ אהרון׳ען, דערמאָנט יוסעלען, דעם שוואָער זיינעם. דאָס איז געווען א ייד נישט זייער קיין הויכער, אָבער א קרעפּטיקער, מיט קלוגע אויגן. זיין נישט־לאַנגע באָרד און געקרייזלטע פּאות זענען געווען א געמיש פון פעפער און זאַלץ איניינעם.

איך זע אים אָפּט, ווי ער גייט אין גאַס מיט דעם פּלאַטשיק־ברייטלעכן קעסטעלע אויף די פּלייצעס, אין וועלכן עס געפינען זיך די שויבן מיט קיט. גייענדיק אזוי אין גאַס, פּלעגט ער ליב האָבן זיך אָפּצושטעלן פאַר דעם הויז, פאַר יענעם הויז און זאָגן צו די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסן פאַר די הייזער: ״צי ווילט איר וויסן, יידן, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן? כ׳עלענק באַלד זאָגן — פּסח — מצה, שבועות — צאַצע און ראש־השנה — פּלאַטשע״ (געוויין) — שאָקלענדיק בשעת מעשה מיטן קאָפּ. געמיינט מיט דעם האָט ר׳יאָסעלע מיטן צונאָמען ״קוץ״ (וויפיל האָבן עס נישט געהאַט עפּעס א צונאָמען?), וואָס איז געווען א וואוילער ייד, א רירעוודיקער, אז פּסח איז א שיינער יום־טוב, א ליבער יום־טוב — מ׳טרינקט ארבע כוסות, חול־המועד טוט מען שידוכים, מ׳קומט אויף א ״באַשוי״ (זען דעם חתן אָדער די כלה), און שבועות איז דאָך אויך נישט אוועקצוזאָגן מיט דער האַנט, א שיינער יום־טוב, א ליבער יום־טוב — עס שמעקט ביי יידן מיט גרינס, מיט שטשאַוו־באָרטשטש און מיט אַנדערע גוטע מילכיקע מאכלים; און די ראש השנה־טעג זיינען פול געבעט, און געוויין, תשו־בה און פון — נעבעך ״מי לחיים ומי למוות...״.

״אט״ — פּלעגט ר׳ יאָסעלע זאָגן — ״איז ס׳גאַנצע ביסל לעבן נעבעך פון א מענטש״, און געבנדיק בשעת מעשה א הויב אין זייט פּלייצע — אוועקגיין.

ער איז אוועק פון דער וועלט אסך פריער פאַרן חורבן און האָט נישט געמוזט זען, וואָס רוצחים און רשעים האָבן געטון מיט זיינע באַרניוער יידן, וועלכע ער פּלעגט דערקלערן, וואָס דאָס איז אזוינס דאָס גאַנצע ביסל לעבן פונעם מענטש.

וועלוול — א קרבן פון רציחה און רשעות

עס דערמאָנט זיך מיר מיט א זעלטענער געניאַקייט זיין פיזיאָנאָמיע, אָבער נישט זיין משפּחה־נאָמען, און מיר וועלן אים דאַפאַר רופן ביי זיין ערשטן נאָמען — וועלוול.

וועלוול איז געווען אן איידעלער, שטילער, שלאַנקער, בלאָנדער בחור. זיין העל פּנים האָט אויסגעדרוקט גוטסקייט און תמימות. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער א דעמאָבילי־זירטער צוריקגעקומען אין זיין געבוירן־שטעטל באַרניוו. ער איז געווען א בן יחיד ביי זיין מאַמען, אן אָרימע אלמנה, וואָס האָט געוווינט אין א ווייס־געקאַלעכט הילצערן הייזל אין דער ״יענער־גאַס״.

וועלוול האָט דעמלט געטראָגן די מיליטערישע בגדים, ווייל קיין אַנדערע האָט ער נישט פאַרמאָגט. גויים פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען אין שטעטל, שלאָגן יידן און זיי באַראַבעווען, מיט דער טענה: ״פּשעטשעש פּאָלסקאַ, פּשעטשעש וואָלנאָשטש!״ (״ס׳איז דאָך

פוילן, ס׳איז דאך פרייהייט״). וועלוול מיט נאָך אנדערע בחורים, לרוב דעמאָביליזירטע, איז אריין אין זעלבסטשוץ, וואָס איז אויף דער גיך געשאפן געוואָרן, כדי צו פארטיידיקן יידיש לעבן און יידישן כבוד. ווען די פאָגראָם־כוואליע האָט געבושעוועט נאָך דעם אויפקום פון ״פרייען, אומאָפּהענגיקן פוילן״, איז ביי זיין אָרימער מאמען, דער אלמנה, אין שטוב קיין ברויט נישט געווען. וועלוול מיט נתן פאָמעראַנץ (נאָסעלע יוזיפס) האָבן צוזאמענגענומען א ביסל עסנוואַרג און געלאָזט זיך מיט דעם קיין מזרח־גאליציען, ווו ס׳האט זיך געפירט א מלחמה צווישן די פאָלאקן און די אוקראינער, וואָס יעדער פון זיי האָט מיט ״שלאָגנדיקע ארגומענטן״ געטענהט, אז נאָר איִם געהערט לעמבערג. פּוילישע באוואָפנטע גרענעץ־שומרים האָבן זיי ביידן געכאפּט און נישט נאָר צוגענומען ביי זיי דאָס וואָס זיי האָבן מיטגעפירט מיט זיך, נאָר געהייסן אראָפּלאָזן די הויזן און ביידע געשלאָגן מכות רצח. וועלוול מיט זיין שלאנקן, צארטן און פון די מלחמה־יאָרן אויסגעמוטשעטן גוף, האָט נישט אויסגעהאלטן די קלעפּ וואס ער האָט באקומען פון די ״באפרייטע און אומאָפּהענגיקע״ פאָלאקן; נאָכן אפּליגן א שטיקל צייט ביי זיין אָרימער מאמע, איז ער געשטאָרבן.

די בארניווער יוגנט מיטן קולטור־פאריין י״ל פרץ בראש, צו וועלכן וועלוול האָט געהערט, האָבן דעם קרבן פון רציחה און רשעות געמאכט א רירנדיקע לוויה מיט הספדים און מיט פארקלעמטע הערצער פארלאָזן דאס פרישע בערגל ערד אויפן בארניווער בית עולם.

נאך א יידישער קרבן — דער הויכער געצל

דער ״הויכער געצל״ איז געווען א ייד א הויכער, א שלאנקער ווי א טאָפּאָל. ער האָט געוווינט מיט זיין משפחה אין א קליין הילצערן הייזל, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון בית המדרש, צווישן די אויבסט־בוימער און גרינע גראָזן פון זיין גאָרטן.

דער הויכער געצל האָט נישט גערעדט קיין איבריקע, אומנויטיקע רייד. אויף א פראגע האט ער תמיד געענפערט רויק, געלאסן און פריינדלעך און געטון ווייטער זיין ארבעט אין זיין באגראָזטן גארטן מיט די אויבסט־בוימער.

בשעת דעם צפלאקער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז איינמאָל אריינגעקומען צום הויכן געצל אין הויז א זעלנער פון פראנץ־יאָזעפס ארמיי, וואָס דאָס יינגווארג האט גערופן ״פרוים יוסלס ארמיי״. דערזעענדיק די יונגע, געזונטע און שיינע טאָכטער פון הויכן געצל, האָט דער זעלנער זי געשטשעפּעט און זי נישט געוואלט אָפּלאָזן. דער הויכער געצל איז צוגע־לאָפן פארטיידיקן דעם כבוד פון זיין קינד, די בת־יחידה און דארויף האט דער זעלנער אריסגענומען זיין רעוואָלווער און אים דערשאסן.

זיין זון, משה, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט שניידעריי ביי הערש יצחק שפּרינגער, איז געווען ענלעך צו זיין פאָטער: שלאנק, הויך, מיט א שיין בחוריש פּנים. אזוי ווי דער פאָטער, אזוי האָט אויך ער נישט גערעדט קיין איבריקע רייד און שטענדיק זיך צוגעהערט צו דעם, וואס אנדערע דערציילן.

ער איז געווען א גוטער חבר און א געטרייער מיטגליד פון קולטור־פאריין י. ל. פרץ.

פנחס בירנבוים ז״ל

פארן גייסטיקן אויג שטייט דער מיטלוויקסיקער קרעפטיקער מענטש מיטן תמיד ווארעם צעשמייכלטן פנים.

ער איז געווען פון כאראקטער א לעבעדיקער, א פריילעכער, הגם ער האָט אויך געהאט שעהן פון אומעט. ער איז געווען א ברויזנדיקער און פול מיט לעבנספרייד, און איז געווען באקאנט אלס גוטער העברעיש־קענער סיי אין שטעטל, סיי אין די מקומות, ווו ער איז שפעטער געוואָרן אויך א העברעישער לערער. ווען ס׳איז אין בארניוו געגרינדעט געווארן די ערשטע העברעישע שול פאר קינדער, איז ער אויפגענומען געוואָרן דא אלס לערער. דערנאָך איז ער געווען לערער אין ריישע און אין א שטעטל פון די פוילישע ראנדגעביטן — דאכט זיך — אין בערעסטעטשקאָ.

ער איז געווען א בן יחיד ביי זיינע עלטערן, וועלכע זענען געווען באלעבאטישע פרומע מענטשן. זיין פאָטער פלעגט זיצן אין בודאפעשט און שיקן אהיים פון דאָרט געטראָגענע מל־בושים, וואָס די מוטער פלעגט פארקויפן און פון דעם מפרנס זיין די שטוב.

ער האָט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פארברעגנט א לענגערע צייט אין בודאפעשט, ביי זיין פאָטער ; נאָך דער מלחמה האט ער געלעבט א שטיקל צייט אין ווארשע, ווו ער האט געהאט בדעה זיך צוצוגרייטן צו מאטורע.

פנחס בירנבוים ז״ל האט געקענט און געלייענט די דייטשע קלאסיקער — געטע, שילער, לעסינג און אנדערע — אין אריגינאל.

ער האָט חתונה געהאט און געוווינט מיט זיין פרוי און בן יחיד אין ריישע און דאָ אויך אומגעקומען בעת דעם חורבן.

אליעזר נחליאל

מטיפוסי בארניב

יוזיפ

תחילה ביצעו הבוזזים את זממם בכיכר השוק*. המונים הגיעו מן הכפרים, בעגלות מלאות וגדושות וברגל. לאחר התפילה בכנסיה פרץ הגל הגועש של אנשים ונשים לרחובות העיר; נשמע טירטור חזק של העגלות ותרועות ההמון שנתערבב במהרה בקול צליל שמשות מתנפ־צות והלמות כלי ברזל. ממקומות התצפית בעליות הגג וחרכי התריסים ראו היהודים את הכנופיות ליד החנויות. כאן פורצים ומקעקעים דלתות וחלונות ומכאן חומקים עם גלילי בדים ועורות, קושרים את הצרורות ועומסים על העגלות...

לא בכל מקום הצליחו הבוזזים; קצת מהסחורות הוסתרו בחדרי המגורים, בעליות ובמרתפים, ויש שהפריצה קשתה עליהם. בסימטה של יוזיפ לא הספיקו הרבה על כל פנים, כך שמשהגיעו לביתו של יוזיפ כבר עלתה חמתם, וכאן — סיפרו — פגשו את הזקן על סף ביתו עם גרזן ממורט בידו: — לא תזכו זרע כלבים לגעת בעמלו של יוזיפ! — צווח אליהם.

— קטלוהו לזקן! — הדהדו קולות — קטלוהו!

— לא תעברו את הסף!

הביט אחד בשני וניסו לדחפו ממקומו, ויוזיפ החל מנפנף בגרזן מעלה ומטה, ימינה ושמאלה, עיניו התיזו רשפים וגופו התפתל כאחוז טירוף, עד שכיפתו נפלה מעל ראשו. וכך מדובלל שיער וזקן עמד כמסומר בפתח וחיוך מעוות על שפתיו, עד שהמיושבים שבהם החלו נסוגים.

— משוגע האיש — לחשו. — חבטוהו על הקרקע! — אמרו אחרים. אך באותו רגע נשמע הד יריות מקרוב. הניחוהו ליוזיפ ונסו בבהלה לרחוב.

יוזיפ, כפי שהכרתיו בזמני, יהודי בעל זקן דק, קלוש ואפרפר; ישר גו ומוצק למדי ובעל קומה זקופה היה. יהודי פשוט היה, לא תלמיד חכם אך שומר מצוות, לא בעל נכסים ועושר, אך בעל פרנסה, לא מפורסם בפקחותו, אך בעל שכל ישר. ברם, היה בו נופך משלו, שלא היה מצוי אצל יהודי מסוגו ומעמדו. אפשר שעזות היתה זו, רוח של קפידה או עקשות, אך מין יהודי תקיף היה ולרוב דעת הבריות לא היתה נוחה ממנו, — מאידך עורר במנהגו לא פעם תהיה ופליאה.

* המחבר מתאר אפיזודה של התפרעויות ביהודים משנת 1919 בזמן שקמה פולין המשוחררת לתחיה.

עיקר עיסוקו של יוזיפ היה ממכר עורות להנעלה לבני הכפרים, אך לא היה זה עיסוקו היחיד. לפנים עסק באפיית לחם, ועדיין אני זוכר שנפלתי פעם לתוך עריבת בצק, שעמדה בחדר האפיה הגדול ויוזיפ הוציאני משם, כששובל של בצק מתמשך ממכנסי והוא מחתך בסכין ומקרצף את הבצק הדבק... אחר־כך נטש את האפייה והחל חוכר גני פרי, אך שייר לעצמו אפיית מצות לפסח.

היו שביטלו את יוזיפ כסוחר וזלזלו בכושרו, ובאמת מנהגו של יוזיפ עם לקוחותיו, לאו מעשה סוחר היה. היה נוהג באיכרים ביד גסה ועולבם קשות, כגון: — אמרתי לך, מַצ׳יק, 2 זהובים ומחצה וזכור — זהו סוף פסוק! — פאני יוזיפ, אוסיף לך חמש אגורות. — ״תוסיף״? כלך לך, אמרתי, כלך לך! — אה, אל נא באפך, הרי לא בפעם הראשונה אני קונה אצלך! אתן לך 2 זהובים. — לך הביתה — צווח יוזיפ, חוטף את טבלת העור מיד מַצ׳יק ומטיל ברעש תחת השולחן, — לך הביתה לאשתך ואל תקנה אצלי...

ממצמץ מאצ׳יק בעיניו וממשמש בצרור כספו: — אה, קשה אתך, יוזיפ, קשה. טוב, אתן לך שני זהובים ומחצה, אך לא עכשיו. — ומתי אתה נותן? — שואל יוזיפ בניחותה.

— לאחר הקציר, לאחר דייש ראשון.

גוזר יוזיפ את הסוליות, כשהוא מפזם ניגון ישן. — קח, הוא אומר, ברשמו את הסכום בגיר על הדלת. — שיהיה לבריאות ודע שטוב לקנות אצל יוזיפ!

יודעים זאת האכרים והם אינם נפגעים מגערתו וחוזרים אליו שנית.

אך עם כל תקיפותו היה יוזיפ יהודי מצניע לכת בדרך כלל, מתרחק משהו מן הבריות, טרוד לביתו ולמסחרו עם הכפריים, ועם ערב עולה מוקדם על יציעו. רק לפעמים, בימי שישי בשבוע, על ספסל בבית המרחץ, שעה שלבש ונסתפג, היה נטפל לנושא שדשו בו רבים ומביע דעתו בקצרה ובחריפות, קם והולך ואינו מחכה לתשובה...

ואם נודע היה יוזיפ בעיר יותר מיהודים אחרים מסוגו, הרי זה בזכותם של ערבי פסחים ושמחת־תורה שלו. הרבה אופים אפו מצות לפסח, אך מצה שמורה בערב פסח — זכותו של יוזיפ היתה.

עוד מבעוד יום, אור לי״ד ניסן, קורא יוזיפ לשכנו הנגר, שיקציע שנית את לוחות השולחנות לרידוד המצות, מבעיר את התנור עד שיאדים ויתלבן. אותה שעה חוזרים חשובי בעלי הבתים בשירה ובזימרה מן הבאר שבכיכר השוק עם דליי מים, מכוסים כיסוי בד חדש — ״המים שלנו״ לאפיית מצות ״שמורה״. מקבלם יוזיפ בפתח ביתו כ״בעל שמחה״ ומזמינם לבדיקת התנור ולתפילת מנחה. ולמחרת הבוקר נכבש אולם האפייה על ידי בחורים, אברכים ו״פני העיר״. התנור בוער ודומה שלא אש רגילה היא זו, אלא אש קודש, המחממת את הגוף ואת הנפש כאחד. העבודה גועשת ושוקקת עבודת קודש מתוך אמירת ״הלל״. ויוזיפ סובב הולך סביב, סביב, כיפתו מופשלת על מצחו המזיע, שרווליו חפותים כאילו לעבודה, והוא רוטן בקורת רוח ומנצח בידו הגרומה כלפי הצעירים: ״נו, נו, שירו שיר!״

שמחת תורה של יוזיפ — שמחה שובבה ומשובבת היתה, שגבלה כמעט במעשי קונדס אך דומה שעל זה דווקא היתה גאוותו, ששמחת תורה של כולם שמחת גדולים — הקפות, ריקוד

ולגימה של מצווה. שמחת תורה של יוזיפ — לילדים היא, שחזקה היא בידו משנים רבות לשמח את הילדים אותו יום בתפוחים. כיצד? גומר יוזיפ סעודה של חג, עולה על העליה ונוטל מן התפוחים, ממלא את סל הנצרים, משלשלו על גבו ויורד לרחוב. מיד הילדים מתכנסים סביבו בהמון, מצהילים פניהם ופוצחים בשיר. והוא דוחף סלו מלפניו, מפשיל את מצנפת השועלים ומכווץ עיניו במעין רוגז מעושה: — "אה, כך שרים בשמחת תורה?" ומשעולה וגוברת השירה, הוא שולח את ידו החזקה והארוכה ומטיל מלוא חופניים תפוחים לכאן ולכאן: — שירו שיר ילדים! — מהלך הוא לאטו ברחובה של עיר ונהרה טמירה על פניו. והילדים — אחריו בקול ובזמר. עתים מרקד לפניהם ברגליו הגדולות והמגושמות, קורץ וממצמץ בעין, ועתים נח ומנסה למשוך בניגון צורמני לקול צחוקם של הילדים. לא הגיע לאמצע הרחוב והסל נעשה ריק, ויוזיפ סר אל אחד מחוכרי הגנים וממלא את הסל מחדש. כך הוא מושך מרחוב לרחוב ומסמטא לסמטא ומטיל תפוחיו, מצהיל פני ילדים וגדולים וממלא את העיר שירה ומצהלות שמחה.

נטע בר

דגל תכלת־לבן גדול נישא בראש תהלוכה של צעירים דרך רחוב העיר לבית־הכנסת: הצהרת באלפור, נאומים, חוצבי להבות. יהודים תוהים ואינם מבינים פשר המאורע. יש הנסחפים בשמחה, יש המבטלים את העניין בבחינת "ישחקו הנעורים", יש מתנגדים ובראשו נטע בר.

כל ימיו של נטע בר היו קודש לתורה ויראת שמים, היה פרוש כמעט מכל הוויות העולם. פרנסתו באה מאשתו ביילצ'ה, שהחזיקה חנות קטנה לדברי סדקית והוא ישב בבית המדרש, משקיע עיניו וראשו בגמרא שלפניו ואוטם אוזניו מלשמוע דברים בטלים, ובשבת אינו מוציא מפיו דיבור של חולין אפילו לצורך, לא בלשון יהודית ולא בלשון קודש. היו מספרים עליו, שהוא מסגף את עצמו בעדשים, שהוא שם בסנדליו וכדומה, אך אחד ממנהגיו שראו בעין היה מטיל יראה בלב הילדים. מנהגו משהוא פותח ב"קריאת שמע", לתחוב שני אגודליו לתוך בית בליעתו ו"לפרפר" ולחרחר — משל רוצה היה להוציא את נשמתו ב"אחד"...

גדול גוף, בעל מצח רחב מגוון הקלף וזקן מדובלל וחסר צורה, היה מהלך בבית־הכנסת, דמות שתקנית וסלעית, שקוע בעולם נעול משלו — אינו דורש דבר ואינו מבקש...

רק משבאה הציונות לעולם התנער נטע משריונו ויצא חוצץ נגד התנועה החדשה. הוא נטש לפתע את שתקנותו והיה עורך ויכוחים ארוכים עם ראש הציונים מאיר חיים הויזר, שהיה בא יום־יום להתפלל בבית הכנסת. היה עמל בכל כוחו לשכנע את מאיר חיים על אפסות הרעיון, מאמין שאם הצליח להעביר אותו לדעתו שלו, של נטע בר, הרי בטלה הציונות מבא־רניב, ואפשר מן העולם... משום כך כאילו ויתר על מידותיו והטה אוזן לפעמים לחדשות, שמח על כל כשלון בעולם הציוני ומצטער בהצלחותיו...

כמובן, שכל פעילותו של נטע בר כמתנגד לציונות היה לה אופי מוסרי, נקי מכל שמץ של פוליטיקה. לפניו היתה רק מטרה אחת: לעמוד בפרץ בפני רעיונות חדשים המסכנים את אורח החיים המסורתי וכל המשתמע מזה, ועצם הרעיון הציוני היתה חריגה מהישן והמקודש,

בפרט שנלוו לו מועדונים, בו בילו בצוותה בחורים ובחורות, ספריות עם ספרים חיצוניים וכו׳.

זכורה עוד הצגת תיאטרון באולם ״בית יהודה״ ע״י להקה ציונית מקומית, כאשר קבוצת חרדים בניצוחו של נטע בר לחמה בחרוף נפש לביטול ההצגה. החרדים ביקשו לפרוץ לאולם וחבורת בחורים הדפום מעל המדרגות. ברחוב הסמוך היתה התקהלות של סקרנים וביניהם גויים, עוברי אורח. מספרים שנטע בר עמד שם זועק בחמת רוחו: ״עס ברענט! עס ברענט!״ (דליקה!). שאלו הגויים: מה קרה? ונטע בר השיב: הדת בוערת!... לאחר שנים מצא — כנר־אה — נטע בר, שאין טעם להתווכח עם מאיר חיים הויזר ולהיאבק עם הציונים, והוא נטש את שדה המערכה.

את המאבק בציונים, מאבק מדיני בעיקר, ניהלו אחרים, מנוסים יותר ממנו ולא לשם שמים בלבד... הוא, בר, חזר לשריונו, הצטמצם בד׳ אמות של תורה והרחיק עצמו עוד יותר מן הבריות.

א׳ נהרי

שמעון טייכמאן ובנו אלתר ״החלוץ״

בחיצוניותו היה ר׳ שמעון טייכמאן טיפוס רגיל של יהודי מבארניב, חנווני הטרוד כל שעות היום בעסקי פרנסה בחנות המכולת הקטנה שלו. ובערבים בא לבית המדרש לתפילת מנחה־מעריב וללימוד דף גמרא ; יהודי צנוע, הולך תמים ובלתי מתלבט. אך בנפשו פנימה התרוצצו דעות ורעיונות בלתי מקובלים. עם שפרנסתו היתה על החנות, ניכר היה שאינו מוצא את סיפוקו בחנות וכל הכרוך בה. היתה לו מעין נטיה לעיסוק יצרני יותר, שבתנאי בארניב קשה היה לו למצוא שדה־פעולה הולם.

כך ניסה את מזלו ב״תעשיה״ ביתית של תיקי־ניר, סוכריות, מליחים כבושים. את תיקי־הניר מכר לחנויות, את הסוכריות שבישל בקדרה על הכיריים, מכר בחנותו הוא, ואת הדגים הכבושים מכר לשתי המסעדות שברחבת השוק. ״התעשיה״ נכשלה בעיקר מתוך שלא היה לה שוק, אך ר׳ שמעון לא אמר נואש וניסה מחדש. מה״תעשיה״ הוא עבר לחקלאות. כיצד הבשיל רעיון זה במוחו, לא ידוע. אך ביום בהיר אחד הלך וקנה מורגה אחת (5 דונאם) אדמה בכפר מיטריב, הניח את החנות בידיה האמונות של גיטלה אשתו, ויצא לעבוד בשדהו...

את העבודה העיקרית היה עושה מאצ׳יק הגוי, ששכרו לתכלית זו. מאצ׳יק היה חורש, זורע וקוצר ור׳ שמעון היה מפזר את הזבל ומעמר את העמרים בעזרת בנו אלתר לייזר. מאצ׳יק דש את החיטים ור׳ שמעון זורה את המוץ. כדי לספק זבל לשדה, קנה ר׳ שמעון להקת עופות וגם עז, שהיתה העז הראשונה אצל היהודים בבארניב. לפני שבנה בשבילה דיר בחצר, שיכן אותה במטבח. היו הקונות שואלות את גיטלה, מה קול הפעיה הזאת ? וגיטלה בושה ומגמגמת ואינה משיבה...

אך ר׳ שמעון לא היה בוש כלל. הוא התקין לו מריצה, הפשיל את כנפי הקאפוטה וקשרם כלפי מעלה והיה יוצא לשדה, מרחק 3 קילומטרים, להביא עשבים בשביל העז. בזמן הקציר היה יושב בראש העגלה העמוסה אלומות וכולו רצון ואושר...

עם שהיה מקום לפקפק בכדאיות העיסקות של עיבוד השדה, היה ר׳ שמעון גאה על כך, שיש לו תפוחי־אדמה מתנובת שדהו, חיטה משלו, חלב ועזים, עופות וביצים. הוא זכה גם לחיבה יתרה מצד האכרים הגויים, שכינוהו ״האכר החסיד״. ר׳ שמעון טייכמאן המשיך לעבד את שדהו שנים רבות.

אלתר לייזר, בנו היחיד, היה נער בית־מדרש מגודל פיאות ולבוש קאפוטה ארוכה ומגבעת

לבד שחורה, אך מנעוריו נתפס בלהט עז לרעיון הציוני והעליה לארץ. אם אביו לא הגה חיבה לחנות, הוא בחל בה מתוך הכרה: "חנות זה סמל הגלות" — היה רגיל לומר. ביקש אביו ללמדו אמנות נקיה ומכובדת, כגון: שען או צורף, אמר אלתר לייזר: "אלו אומנויות של גלות". ביקש ללמדו השכלה ושפות, טען בנו: "אלו, מה צורך בהם בארץ־ישראל?" מה שמשך אותו בעבותות־אהבה — היו השדות, שם ראה אכרים חורשים, רועים פרות, מסיעים עגלות עם שחת; "אלה הם חיים" — התלהב — "זו ארץ־ישראל"... כאשר קנה אביו את השדה, הדבר נפל עליו כמציאה מן השמים. הוא בילה שם את ימיו: מעשב, עודר, מתלל, ולומד ממאצ׳יק קצירה בחרמש...

רבי שמעון טייכמאן לא היה ממתנגדי הציונות; הוא לא האמין בה, כרוב היהודים, אך לא נלחם נגדה. כשהיה אלתר לייזר צעיר, הוא הניח לו לשגות בחלומות שלו, לקרוא ספרים וכתבי־עת ציוניים, אך משגדל ואת "שגעון א"י שלו" לא נטש, פתח במאבק עז עם בנו. "הנשמע כדבר הזה?" — טען — "שבן יחיד זונח את אביו ואמו ועוקר לארץ זרה ורחוקה! לב־אבן לך וסופך שתיספה שם במדבר!" — שח במר לבו.

היה על אלתר־לייזר להיאבק לא רק עם אביו, אלא גם עם עצמו. הוא ניסה לתהות על דרכו, אך חרף לבטיו המרובים לא עלה בידו לתאר לעצמו המשך ישיבתו בארץ הגויים, בזמן שארץ־ישראל קוראת ומחכה לו...

האמצעי היחיד שהיה בידי ר׳ שמעון, היה מניעת המימון של ה"שגעון", אך לא היתה בכך תועלת רבה.

כאשר הגיעה עת נסיעתו של אלתר לייזר ל"הכשרה", לקח שק, צרר בתוכו כיכר לחם, כותונת וזוג נעליים ועם שקו על שכמו, יצא ברגל דרך רחובות העיר לתחנת הרכבת...

כאשר חזר מה"הכשרה", חש כבר את עצמו כ"חלוץ" ממש — התהלך ברחובות כאורח מארץ־ישראל, בחן בבוז את כל היהודים הנמקים בגלות בארניב, ויותר מזה את הציונים שהמשיכו לשבת בעיר יחד עם מתנגדיהם ועל "עליה" לא חלמו כלל... לכולם היה לו כינוי אחד: "ילדי הגלות" (גלות־פראָדוקט"). אלתר לייזר עלה לארץ בשנת 1930. הוא יצא עם סל נצרים, שקנה לו, שמה ארז את רכושו הדל. רבים מן הנוער הציוני ליווהו לתחנת הרכבת, וזמן רב אחר־כך דובר על אלתר־לייזר "החלוץ".

איציע געלבער ז״ל

איך געדענק אים ווי אין חלום. מיט א קנאפע פיר צענדליק יאָר צוריק איז געקומען קיין בארניוו א טישעוויצער יינגערמאן מיטן נאָמען איציע געלבער. באליבט געוואָרן ביי דער גאנצער באפעלקערונג צוליב זיין הומאָר, פאָלקסטימלעכקייט, זיין שיינער שטימע און שטענ־דיקער אויפגעהייטערקייט; באזונדערס איז ער געווען באליבט ביי דער יוגנט. זיין צוקערניע (די גרינע בודקע) אינמיטן מארק, איז שטענדיק געווען פול מיט יינגלעך און מיידלעך פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג.

פרייטיג־צו־נאכטס, שבת און יום־טוב, איז זיין היים פארוואנדלט געוואָרן אין א קלוב פון דער ציוניסטישער יוגנט; מ׳האָט געזונגען ציוניסטישע לידער, גערעדט וועגן פאליטיק, יעדער האָט זיך דאָ געפילט ווי ביי זיך אינדערהיים.

גרויס איז געווען אונדזער פרייד, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט נאָך דער מלחמה, אז איציע געלבער לעבט מיט אונדז אין ישראל. יעדעס יאר אויף דער אזכרה נאך די בארניווער קדושים האָט ער מיט זיין רירנדער שטימע געמאכט דעם ״אל מלא רחמים״, ביז ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן נאָך א שווערער קראנקהייט.

יהי זכרו ברוך.

צבי מגן (מאגנהיים)

מאיר חיים הויזער ז״ל

פאָרזיצער פון די סתם־ציוניסטן אין שטאָט, געארבעט מיט מסירת נפש פאר דער פארטיי. זיין שטוב איז געווען די איינציקע, ווו מ׳האט גערעדט העברעאיש. בעת די סיים־וואלן ארגאַניזירט פארזאמלונגען, געבראכט רעדנערס, אליין ארויסגעטרעטן און אגיטירט פאר דער יידישער נאציאנאלער ליסטע. ער איז געווען מעורב בציבור. אליין געגעבן שיינע נדבות און בעת צרה געגאנגען זאמלען געלט ביי אנדערע — למשל פאר די זבאָנשינער פליטים אין יאָר 1938. זיין לאָזונג דעמלט איז געווען — ״אויף ברויט און תכריכים״.

איך דערמאן זיך, אין יאָר 1942 איז אויסגעבראָכן א מהומה. אין דעם טייל שטאט, ווו הויזער האט געוווינט, זיינען דייטשן געגאנגען פון שטוב צו שטוב, גענישטערט און צעגענומען די טייערסטע און וויכטיקסטע זאכן ; די גאס איז געווארן אפגעשטארבן, קיינער האט נישט געוואגט ארויסצוגיין פון שטוב. — פלוצים עפנט זיך ביי אונדז די טיר און עס לויפט אריין מאיר־חימס יינגערע טאָכטער, פייגע, איינגעהילט אין א גרויסן שאל, הינטערן שאַל טראָגט זי א ספר־תורה. זי האָט דערציילט, אז בעת די דייטשן האָבן באפאלן זייער הויז, האט דער פאטער ארויסגענומען פון שאנק די ספר־תורה, געגעבן זי איר אין די הענט אריין און זי ארויסגעלאָזט מיט דער הינטער־טיר, געהייסן איר לויפן צו אונדז, ווייל מיר האבן געוווינט אויף דער אנדערער זייט פון שטאָט און מ׳האט גערעכנט, אז צו אונדז וועלן די דייטשן נישט דערגיין...

ווער עס ווייסט, וויפל סכנה עס האט געדראָט אין בלויזן באווייזן זיך דעמלט אין גאס, — בפרט פאר א מיידל — וועט קאנען ווי געהעריק אפשאצן די מסירת־נפש — סיי פון דער טאכטער, סיי פון איר פאטער.

תהא מנוחתו עדן !

ישעיה לאסער

חנינא היימאן

ער איז געווען א לערער פון דערוואקסענע בחורים, וועלכע זענען געזעסן אין די ד׳ אמות פון בית המדרש און געלערנט תורה און געפונען דאביי צייט אויף צו לערנען אויך וועלטלעכע לימודים ביי חנינאן. ער האָט געהאט תלמידים ווי: שלמה לייביש ליס, לייביש ליפא סאפרינס, אלטער קינסטלער, יחיאל נוסבוים, לייביש פישלס, ירמיה לייבאָוויטש און אנדערע. די ערשטע צוויי זענען געווען באקאנט אין דער גאנצער געגנט אלס גרויסע תלמידי חכמים.

ס׳איז שווער צו פארשטיין, וויאזוי חנינה אליין, וועלכער האָט נישט דורכגעמאכט קיין שום שולע, איז געווען באהאוונט אין דער גריכישער און אין אנדערע קולטורן, און נאָך דאצו געקענט לערנען מיט אנדערע. די באציאונגען צווישן דעם רבין און זיינע תלמידים זענען געווען חברישע — נישט ווי ס׳איז געווען אנגענומען אין יענע צייטן. אין די זומערדיקע חדשים פלעגט ער שפאצירן מיט זיינע תלמידים אויפן וועג צום הויף און געשמועסט וועגן הויכע ענינים.

איך האָב געהאט אין משך פון די לעצטע 25 יאָר די געלעגנהייט אסך צו רעדן מיט חנינן און נישט איינמאָל בין איך געווען איבערראשט צו הערן פון אים געדאנקען, וואָס זענען נישט שכיח, און עס פרעגט זיך די שאלה, פון וועלכן ברונעם האָט דער מענטש געשעפט זיין בילדונג?

דער גורל האָט אזוי אָפגעשפילט, אז צום באדויערן לעבט קיינער נישט פון די דערמאָנטע תלמידים.

משה וויינריב

מאָריס (משה) היימאן

א זון פון א בארניוווער משפחה, מענדל קנאפיס, איז היינט אין די פאראייניקטע שטאטן אינזשיניר און פאָרזיצנדער פון א אָרגאניזאציע, וואָס רופט זיך מיטן פארקירצטן נאמען "טכניון". זייער אויפגאבע איז צו העלפן דעם חיפהער טעכניקום. בעת דער מלחמה צווישן ישראל און די אראבער האָט משה היימאן אָרגאניזירט א גרופע סטודענטן און ביינאכט געפאקט שטיקלעך פון וואפן אין א געגנט, ווו הייזער זענען געווען באלויכט 24 שעה און מעת־לעת. כדי עס זאל נישט פאלן קיין חשד, געפאקט קליינע פעקלעך און געשיקט מיט דער פאָסט קיין ישראל. אין ישראל האָבן אינזשינירן די שטיקלעך צוזאמענגעשטעלט פארטיק צום באנוצן.

בן העיר

משה אהרן ויזן (1953-1878)

משה אהרן ויזן, בן אחותם של מרדכי ופסח שליסל ז״ל, נולד בעיירה בארניב שבמערב גליציה. הוא גדל על ברכי התורה והחסידות ובכוחות עצמו רכש לו השכלה עברית וכללית מקיפה, ובמיוחד התמחה בדקדוק הלשון העברית. בתחום ההוראה נתפרסם כמורה מעולה, בתחילה בטרנוב בה היה כאח ורע למרדכי דוד בראנדשטטר ולליאון קלנר. לאחר מכן הרחיב את ידיעותיו במכללת ברן שבשווייץ. בפדגוגיון העברי בוינה שימש מורה ללשון העברית והעמיד מאות מטובי המורים בארץ ובארצות הגולה. כן עשה למען טיפוח הלשון העברית והקנייתה על ידי ספרו ״תורת הלשון״ ומילונו השימושי. מצוי אצל הפולקלור וההווי פירסם ספר בדיחות ״חכמה און חריפות״, הכתוב ביידיש עסיסית ועממית. כמו כן הוציא את ״לוח השעשועים״.

בשנת 1938 עלה לארץ והחל בפעולת הוראה בקורסים מיוחדים, ובכללם קורס מיוחד לסופ־רים ולעיתונאים. בקיבוצים הורה במסגרת סמינארים וסייע רבות להעמקת הלשון והשתרשותה בקרב המורים. כחבר ועד הלשון הרבה לעסוק בפיתוח הלשון. עם זאת הסב לבו אל עניני העולם הרחב וכתב חיבור, ״היחיד ומצפונו״, שעיקרו ביקורת השיטות הנובעות מתורתם של מארכס וניצשה וחיפוש דרך למוצא ממשבר התקופה. תוך שאיפה זו אף ניסה להקים מיסדר מיוחד בשם ״בני אמונה״, אולם נסיונו נכשל.

שליסל זבולון

ניבא וידע מה ניבא

״...חוששני שתצמח לנו פעם מן הפורענות הזאת רעה כה נוראה חלילה שיחוור לעומתה חורבן בית המקדש״.

אימרה מחרידה זו, שמכוונת הייתה כלפי הבולשוויזם, יצאה מפי משה אהרן ויזן ז״ל, המורה והמלומד, בשנות העשרים, כשטיילנו באחד מימי הקייץ בחוצות וינה והתווכחנו על הוויות העולם.

כבן חמישים היה אז, והבדל הגיל בינינו היה כמעט כבין אב לבנו, אלא שוויזן ידע בעומק בינתו, ברוב פשטותו וביושר הליכותיו ליצור בינינו יחס מעין זה, שהרגשתי את עצמי במחיצתו, כאילו היינו בני גיל אחד. לפיכך גם לא נזהרתי בדיבורי והגבתי בהתרגשות על

אותה אימרה שהרטיטה אותי. אינני זוכר בדיוק מה השיבותי, אך היה בתשובתי משהו על קרתנות, על בטלנות — ועל דקדוק. באותה תקופה שימש ויזן מורה לדקדוק בפדגוגיון של הרב חיות, ולא הייתה בינינו אף שיחה אחת בלי תבלין דקדוקי. רמזתי לו אפוא כי חריפות בדקדוק אין בה משום סימן להבנה בפוליטיקה. כיצד זה עלה על דעתו להיאחז דווקא בחורבן הבית? וכיצד ייתכן לדמות לעצמו אסון נורא יותר לעם מן האסון ההוא? אין זאת אלא אחת הגוזמאות של אנשי שניפישוק או של — יהודי בארניב עיירתו.

מעקיצה זו התעלם ויזן ז״ל, כאילו לא נאמרה כלל, אך על דעתו עמד: ״כן, כן, אני יודע מה שאני אומר — כחורבן בית המקדש חלילה או אף יותר...״. אין צורך לומר שלא שוכ־נעתי. טענתי, שהייתה זאת לדעתי פליטת־פה בלתי מוצלחת בלבד, ותמהני שאיש כמוהו מתעקש ואינו חוזר בו ממנה.


כעשרים שנה אחר אותו ויכוח בווינה, כשראיתי במו עיני, כיצד נחרבו המוני בני עמנו בימי היטלר, הגיתי רבות באותה נבואת זעם של ויזן. ברור היה, שאילולי הרס הדמוקראטיה והחירות, לא היתה יורדת עלינו שואה זו. ומי ומי היו אלה שביטלו לראשונה את ערכי הדמוק־ראטיה, עשו לצחוק את חרויות האדם והאזרח, למרמס את כבודו האנושי ובכך סללו את הדרך לפאשיסטים? אכן, נתקיימו דברי ויזן: עינינו ראו חורבן שמוראותיו היו איומים מחורבן בית־המקדש ותוצאותיו — מי ידען? האם ידע האיש מה שניבא? האם לא ידע? — שאלתי את עצמי. —

בעל הלכה היה ויזן וכן בעל אגדה. הנה הוא מדבר על נושא רציני כלשהו, מעמיק בפרטים, מבריק בחריפותו וקופץ מנושא אל נושא; עודנו מסביר, מתפלמס ומנתח, והרי — פתאום משתנים פניו, משתפכת עליהם בת צחוק טובה ופיקחית, בעיניו נראים גיצי עליזות — והוא פולט בדיחה. אך תמיד — בהלכתו ובאגדתו, בדברי תורה ובשיחות חולין, ברצינותו ובליצנותו — תמיד שקופה וברורה היתה דמותו: דמות אדם ישר ונקי דעת, רך ועדין, בעל מצפון וטוב לב.

ד״ר נתן עק

ראה גם: בספר יזכור, טארנע, ת״א, 1954. מאמרו של בן־ציון צאנגן: ״צרור זכרונות על המדקדק משה אהרן ויזן ז״ל, הקנאי לעברית״.

יהודה לייבויינריב ז"ל



יהודה לייב ויינריב

אחי יהודה לייב (לייביש) נולד להוריו פישל ופייגה ויינריב בשנת 1890 בעיר בארניב. בימים ההם לא היה שם שום בית ספר יהודי או עברי מלבד "החדר" הנודע. אבא היה שומר מסורת בקלה כבחמורה ומסר אותו וגם את כל 7 בניו אחריו, למלמדים ב"חדר". אחי לייביש היה הבן הבכור. כשהגיע לגיל 14–15 עזב את החדר ועבר ללמוד לבית־המדרש שבעיר. אצל בחורים יותר מבוגרים ממנו לקח שעורים בגמרא ובמפרשים. אבל גם כאן לא מצא סיפוק לשאיפותיו הפנימיות — ליהנות מקרן־אור ההשכלה, שחדר ממזרח וממערב כאחד לכל המקומות הקטנים, וכן גם לעירנו. במאמצים על־אנושיים הוא חיפש דרכים ותחבולות, כדי להגיע לספרים מודרניים ולעיתונים. הוא חיפש ומצא מקורות שונים, ורכש לעצמו לאט לאט ספרים. בעזרת מילונים וספרי־עזר למד יומם ולילה, ממש בלי ליאות ישב רכון על יד הספרים ושתה בצמאון את תוכנם, ליקט פרורים קטנים מכל מקום עד שסוף סוף הגיע לידיעות הגונות.

בשנת 1914 אחי יהודה לייב התחיל לכתוב מאמרים ב"קול מחזיקי הדת", שיצא לאור בלבוב, ב"המצפה" שיצא בקראקוב, ולפעמים גם ב"הצפירה" שיצא בווארשא. כתב שורה של מאמרים תחת הכותרת "לרוח העת והזמן" משבת לשבת, כתב על המתרחש בעולם בפוליטיקה, ובמשק; גם ב"טאָגבלאַט" הלבובאי וב"פאָלקסצייטונג" שיצא בסאנוק, ועוד ועוד.

בשנת 1915 אחי בא לפראנקפורט דמאין וכאן הוא כתב מאמרים בגרמנית ב"פראנקפורטר צייטונג"; כמו כן כתב הרבה מאמרים בעתון הגרמני־יהודי "איזראעליט" וב"פראנקפורטר פאמיליינבלאט". בשנת 1917 נלקח לצבא האוסטרי. בתום המלחמה, בשנת 1919 התחתן עם שרה נוסבוים מפשמישל וחזר לפראנקפורט, שם נולדו לו שתי בנות ושם גם חי כל השנים.

כשהיטלר י"ש עלה לשלטון, סבל הרבה מאוד, כי אסרו אותו והאשימוהו האשמות כבדות. רק ע"פ נס הצליח להימלט מצפורני החיות הנאציות. הוא ברח מגרמניה לבלגיה.

בינואר 1943 תפסו אותו אנשי הגסטאפו והוא נשלח לאושוויץ ושם נספה.

משה ויינריב

ר׳ יחיאל מאיר טענענבוים ז״ל

דאָס אָרט און יאָר, ווען ר׳ יחיאל מאיר איז געבוירן געוואָרן, ווייס איך נישט. איך ווייס אויך נישט, אין וועלכן יאָר ער האט חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון מיין עלטער־זיידן ר׳ לייביש וויינרעב, שרה. לויט מיין השערה, האָט עס באַדארפט זיין בערך אין די יאָרן 1847–1850. מיין עלטער־זיידע ר׳ לייביש איז אָנגעגאנגען פאר דעם רייכסטן ייד אין שטעטל און ס׳פארשטייט זיך, אז ער האָט געזוכט פאר זיין טאָכטער שרה א חתן אן עילוי פון א גוטער משפחה און מיט גוטע מידות, ביז ער האָט געפונען יחיאל מאירן. די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה איז דער איידעם געזעסן באַם שווער ״אויף קעסט״ און ממשיך געווען אין לערנען. דער ענערגישער יינגערמאן האט אָבער געזוכט פאר זיך א ״תכלית״ און גאָר אינגיכן זיך גענומען צו וואלד־מסחר. ער האָט ארויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן אין מסחר און מצליח געווען. ער איז אזוי געגאנגען מחיל לחיל און געקויפט אין דער ארומיקער געגנט גרויסע וועלדער ביי פריצים און באשעפטיקט פיל יידן און קריסטן ביי זיין מסחר. מיין פאָטער ע״ה פלעגט דערציילן, אז יעדן פרימארגן פלעגט קומען א בריטשקע געשפאנט אין א פאָר פערד און אָפּפירן ר׳ יחיאל מאיר אין וואלד, און דאָרט איז ער פארבליבן א גאנצן טאָג. איינמאָל איז זיין שווער גראָד אריינגעקומען אין קיך און געזען ווי זיין טאָכטער שמירט פרישע בייגל מיט פוטער און פאקט דאָס איין אין א פעקל; פרעגט ער זי, פאר וועמען זי גרייט דאָס צו, האָט זי אים געענפערט, אז זי גיט דאס מיט דעם מאן אויף א גאנצן טאָג. דער שווער איז שטארק אויפגערעגט געוואָרן אויף דעם לוקסוס — פון פרישע בייגל מיט פוטער. ער האָט אררייגערופן צו זיך זיין איידעם און אים געזאָגט: ״זעסט יחיאל מאיר, פון דיר וועט קיינמאל קיין לייט נישט זיין, ווייל וועלכער מענטש דערלויבט זיך דאָס צו עסן בייגל מיט פוטער? בייגל מיט פוטער!!!״... אָבער אין א גאר קורצע צייט ארום איז ר׳ יחיאל מאיר געוואָרן כמעט דער גרעסטער וואלד־סוחר אין גאליציען און שפעטער אויך אן אייגנטימער פון א גרויסער דאמף־מיל אין שטשעפאנאוויטש ביי טאַרנע. זיין הויז איז גאָר שנעל באקאנט געוואָרן פאר א הויז פון גמילות חסדים, תורה, חסידות און הכנסת אורחים.

ביי דער חתונה פון זיין יינגסטער טאָכטער סערעלע האָט מען גערעדט אין שטעטל, אז ר׳ יחיאל מאיר האט באצויגן א גאנצן וואגאָן פעפער צו פעפערן די פיש צו דער חתונה...

משה וויינריב

מנחם מנדל לסר ז״ל

לזכר סבא וסבתא

דמדומי הזריחה מצאו את העיירה היהודית שרויה בשנתה. הוויסלונג העוברת דרכה זרמה בשקט, כאילו אין בכוונתה להפריע לצמד הקולות שהשתפך לתוך חללו של עולם. קולות התנצחות על דברי אביי ורבא בקעו מתוך בית המדרש הישן העומד במרכז העיירה. סבא, ר׳ מנחם מנדל לסר, נתן את שיעורו לנזקקים שלא מסוגלים היו לשקוד על הלימוד לבדם. היה זה מנהגו להשכים בוקר בוקר, כי בכך ראה חובה לעצמו.

בשל מעלותיו הרבות התחבב ר׳ מנחם על בני העיירה והיה אהוד עליהם. בקיאותו הרבה בגמרא הקנתה לו יראת כבוד בקרב קהילתו. זמן רב הקדיש ר׳ מנחם למצוות צדקה. לעיתים קרובות היה אוסף תרומות מאנשי עיירתו ומנדב מכיסו הוא, כדי להקל על חיי העניים. לא עברה שבת בה לא הכניס הלך עני לביתו, כדי שישבות. שש היה לעזור לאחרים מבחינה חומרית ורוחנית כאחד.

לא פחות ערך ייחסו אנשי העיירה לאשתו שיינדל. אף היא חוננה במעלות רבות. טובת לב הייתה עצמה וכן חינכה את ילדיה, פרל, רוחמה ושמעיה, על פי רוח התורה.

גדליה לסר [בן 12]

ד״ר יעקב מעלער ע״ה



ד״ר יעקב מעלער

ד״ר מעלער איז געווען דער איינציקער ארצט אין שטעטל בארניוו. געוועז איז ער דא קרייז-דאָקטאָר זייט 1895. ער האט נישט געזוכט קיין געלט צו מאכן, געהיילט ארעמע און רייכע מיט דערזעלבער איבערגעבנקייט. מיר זענען באקאנט פאלן, ווען ער האט געזען אז דער קראנקער איז נוטה למות, האט ער אינגאנצן נישט געוואלט נעמען קיין געלט פאר זיין טרחה. אויף זיין טיר איז געווען א טאוול אויף פויליש ״פון 11 -12 אומזיסט״. ער איז געווען איבערגעגעבן דעם קראנקן. נישט איינמאל אפילו געזעסן ביי אים א גאנצע נאכט, כדי צו קענען לינדערן זיינע שמערצן. ער פלעגט זאגן, אז אפילו ווען ער ווייסט, אז דעם קראנקן איז אוממעגלעך צו ראטעווען, אבער אז ער קען אים פארלענגערן בלויז מיט 5 מינוט דאס לעבן, טוט ער דאס באהבה. אלס ספעציאליסט פון פרויען-קראנקהייטן האט ער געשמ׳ט אין דעם גאנצער געגנט.

ד״ר מעלער איז געווען אויך דירעקטאר פון א באנק, וועלכע ער האט געגרינדעט אין יאר 1896 אלס גמילת-חסדים-קאסע. די באנק איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אין אן אלגעמיינע קאאפעראטיווע באנק, מיט וועלכער ער האט אנגעפירט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. לאנגע יאָרן איז ער געווען וויצע-בירגערמייסטער פון שטעטל און ווען ס׳האט זיך געהאנדלט אין פארטיידיקן יידישע אינטערעסן, איז ער שטענדיק געווען דאביי, הגם דאס איז נישט געווען קיין לייכטע שטעלונג, ווייל ער איז געוועלט געווארן אויך פון נישט-יידן פון שטאט.

אין שטעטל האט מען אים געהאלטן פאר אן אסימילאנט, ווייל ער איז ווייניק וואס געקומען אין א יידישער געזעלשאפט — ער האט נישט געהאט דא פאר זיך קיין אנטשפרעכנדיקע סביבה, אבער ער האט געהאט א שטארק פארשטענדעניש פאר יידישע ענינים. ער האט קיינמאל נישט אפגעזאגט קיין געלט-אוטערשטיצונג פאר יידישע צוועקן. ראש-השנה און יום-כיפור פלעגט ער קומען אין שול אריין דאווענען.

צבי מיץ

לזכר אביגדור משל

נולד בבארניב, עלה לארץ בשנת 1913; נפטר בתל־אביב ב־1943.

"לא זרים ולא הספדים; את ספרייתי תמסרו ל'שערי ציון' (הספרייה העירונית של תל־אביב); בקשו מהעיריה שתשלם את חובותי" — זו היתה צוואתו הקצרה של אביגדור משל לידיד נעוריו.

משל השאיר חובות ולא כסף, אף על פי שמשכורתו בעירייה היתה הגונה, והוצאותיו לא היו גדולות (היה רווק). ידו היתה פתוחה לחבריו, אנשי העלייה השנייה, ולאחרים. בערבויות ובכסף מזומן היה תומך בידידים ובמכרים. מלבד הספריה הטובה לא צבר שום רכוש.

אם כי ישב בתל אביב כל השנים שאחרי המלחמה העולמית הקודמת, לא קיבל עליו נוסח חיים עירוניים. לבו היה נתון לפשטות בסגנון חיים, ביחסים עם האדם ובנימוסים.

לפי תפקידו במישרתו — עסק בטיפוח הירק בתל אביב. הוא שמר על עקרונות ונוסח מתקופת עבודתו כפועל חקלאי בבן שמן, פתח תקווה וכרכור. משל לא המיר את השאיפה לראות את עם ישראל כעם עובד, עם המפתח חקלאות גדולה. חבריו מהעלייה השנייה מצאו אצלו תמיד את הנכונות המלאה והכנה לעזרה, לסידור בעבודה, אם רק אפשר היה הדבר.

בשמחתו לקראת כל הרחבתם של הנטיעות העירוניות ושל שטחי הדשא והפרחים בעיר, היתה מעורבת גם שביעת הרצון מהאפשרות להעסיק עוד ועוד אנשים וחברים בעבודת הגננות. לפני זמן מה הוא שב מסיור ביישובי העובדים שנוסדו בתקופת המאורעות. אליהם נסע לחפש דקלים בשביל גן־מאיר — ועם שובו אמר לכותב הטורים האלה: באתי, ראיתי ונוצחתי.

ב־1913 עלה לארץ מווינה בה קנה לו את השכלתו. שם למד, לימד והרביץ תרבות עברית, ואף ייסד פעם אגודת תרבות בשם "יהודה הלוי". בכל מקום בו עבד בארץ כפועל חקלאי, העריכו מיד את ידיעותיו ואת השכלתו. סביבו ריכז מבני "עמך" בכשרון הביקורת והסאטירה הנוקבת שלו. באכזריות נלחם במה שנדמה לו כרקוב. במלחמתו זו היה בתקופה מסוימת קיצוני וקשה־לב. מעיתון היתולי הקטוגראפי בבן שמן בשם "האבטיח הגדול" עבר להוצאת עיתון היתולי מודפס "המצליף", שהיה מופיע בתל־אביב לפרקים. בשנים האחרונות חדל מעיסוק זה וריכז את כל כוחו במקצועו, הגננות. שאיפתו היתה להשתלם בגננות עירונית, ולפני המלחמה התכונן למסע גדול על פני ארצות רבות, כדי לעמוד מקרוב על הישגי הגננות במזרח ובמערב.

משל התרחק מעסקנות, אך משקיבל על עצמו תפקיד ציבורי, מילא אותו בהתמסרות.

אך איש מידידיו לא ידע, כי גופו של אדם עליז זה — הבריא לגמרי לפי הרושם החיצוני — כבר נפגע במחלת לב קשה. הוא הסתיר אותה מעין כל וגם בימים המועטים למחלתו האחרונה לא גילה את הדבר לאיש. ביום השני למחלתו, למחרת ההתקפה הקשה, שבה אליו התקווה לחיים, והוא ערך תכניות לחופשת הבראה אחרי המחלה, אולם הדבר לא ניתן לו עוד.

י. בן־דור
(מן העיתונות)

רפאל ראָזענצווייג ז״ל

געבוירן אין בארניוו. זיין פאָטער אלימלך א נאציאָנאל־רעליגיעזער ייד, א אינטעליגענטער און באלעזענער מענטש, געהערט שוין צו די פארגעשריטענע אין שטעטל; מ׳האָט אים גערופן ״דער משכיל״. ער האָט גוט פארשטאנען די יוגנט און געגעבן זיין זון א גוטע דערציונג.

רפאל ראָזענצווייג האָט געהאט א שרייבער־טאלענט, אויסגעצייכנט זיך מיט א גאָר גוטן זכרון, געקענט גוט העברעיש, און פון צייט צו צייט האָט ער איבערראשט מיט זיינע ארטיקלען אין די העברעישע טאָג־צייטונגען — ״היום״, ״הצפירה״, און טיילמאל אויך אין דער פוילישער טאָג־צייטונג ״נאָווי דזיענניק״. יעדער ארטיקל זיינער האָט ארויסגערופן א רעש אין שטעטל. ער איז פון צייט צו צייט אויך ארויסגעטרעטן מיט רעפעראטן אין בארניוו און אין דער אומגעגנט. זיינע וויצן זענען תמיד געווען טרעפלעכע און גוט צוגעפאסט צום שמועס פון א יעדן. פון שמועס מיט אים האט מען שטענדיק עפעס ״געגאשט״ און הנאה געהאט.

יאָרנלאנג פלעגט ער אין די ווינטער־פרייטאָג־צו־נאכטסן ביי אונז שעהן־לאנג זיצן און אונטערהאלטן דעם עולם. ער האָט געהערט צו דער פארטיי פון די אלגעמיינע ציוניסטן — ער איז געווען דער שטאָלץ פון אונזער שטעטל. —

זיין פאָטער איז געווען דער בעסטער קענער פון דער דייטשער שפראך אין שטעטל. ער האָט געהאט א קליין געוועלבל פון שיך, פון וועלכן מ׳האָט נישט געקענט ציען קיין חיונה. זיין מוטער איז געשטאָרבן — ווי מיר דוכט זיך — ארום 1925. די באלעבאטישקייט אין שטוב האָט געפירט זיין יינגערע שוועסטער (די עלטערע שוועסטער האָט חתונה געהאט און אין א קורצער צייט דאנאָך זיך געגט).

אזוי ווי ס׳איז מיר געווען א רחמנות אויף פוליען, וואָס איז געווען זייער א אינטעליגענטער יוגנערמאן, אזוי האָב איך אויך רחמנות געהאט אויף זיין יינגערער שיינער שוועסטער. פוליע איז געווען בטבע א אינטערעסאנטער און פריילעכער, אָבער זיין לאכן איז מיר טיילמאל פאָר־געקומען ווי א מין ״גאלגן־הומאר״. ער האָט אָפט נישט געהאט קיין פרוטה ביי דער נשמה און ארבעטן אין שטעטל איז נישט געווען ביי וואָס. ער, וואָס איז נישט געווען פעיק צו קיין מסחר, איז נאָך זיין חתונה אוועק קיין ניי־סאנדעץ און דאָרט געעפנט א שיך־געוועלבל.

ער איז נישט געווען פון די גאָר אקטיווע נאטורן — ער איז געווען מער א מענטש פון ספר. איך גלויב, אז ער האָט אנגעהויבן צו פארעפנטלעכן זיינע ארטיקלען אין דער ״הצפירה״ ארום

יאר 1919—1920. צוזאמען מיט אנדערע בחורים איז ער אוועק פון פאריין א. נ. פרץ, וועלכער איז געווען אביסל צופיל ראדיקאל, לינק, פאר זיי און געשאפן דעם אלגעמיינעם ציוניסטישן פאריין ״בית יהודה״, הגם אויך זיי, די באלעבאטישע בחורים, זענען נישט געווען קיין קינדער פון עשירים. אָבער די באציונגען זענען אויך נאך זייער אוועקגיין געבליבן פריינדלעכע.

צבי מיץ

חיים שאלער ז״ל



חיים שאלער ז״ל

ווען עס גייט אוועק פון אונז עמעצער פון די על פי נס לעבנ־געבליבענע יידן פון די פארלענדעטע דורות, אלטע קהילות קדושות פון מזרח־איראָפּע, נעמט ארום א טיפער ווייטיק און צער — מיר זיינען אָרימער געוואָרן מיט נאָך א ייד פון יענע טייערע מקומות, וואָס האָבן געשפרודלט מיט א זאפטיק און פארביק יידיש לעבן, און מען פילט זיך עפּעס נאָך איינזאמי־קער פון איינזאם אין א וועלט וואָס האט צוגעלאָזט צום גאזן און ברענען פון מיליאָנען קינדער פון אן אלטער אומה מיט א גרויסער, אלטער קולטור און פארגאנגענהייט.

אזא געפיל האָט מיך ארומגענומען, ווען עס איז צו מיר דערגאנגען די טרויריקע ידיעה, אז מיין טייערער בן־עיר און פריינד פון די יינגסטע יאָרן, חיים שאלער ז״ל, מיט וועלכן איך פלעג לערנען אינאיינעם ביי די מלמדים פון אונזער געבוירנשטעטל, איז מער נישטא.

פאר מיר און פאר אלע וואָס האָבן געהאט די זכיה צו קענען דעם דאָזיקן אידעלן ייד, א ייד וואָס איז תמיד געווען גרייט צו טון מענטשן טובות, איז דער טויט פון חיים שאלער ע״ה א גרויסע אבידה.

חיים שאלער ז״ל האט פארן חורבן געוווינט אין שכנישן דזיקיוו (טארנאָבזשעג) מיט זיין ווייב און קינדער, האָט זיך געראטעוועט מיט זיין בני בית קיין רוסלאנד. ווען ער איז פון דאָרט געקומען צוריק, איז פון אלע בארניוװער יידן געבליבן איבער גאנץ פוילן בלויז איין ייד! ער האָט פול מיט אבלות פארלאָזט פוילן און עולה געווען מיט זיין משפחה קיין ישראל. ער האָט געוואוינט אין פתח־תקוה, אין שכון פון הפועל־המזרחי, וועמענס געטרייער חבר ער איז תמיד געווען.

פון די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו מיר פון ישראל, פילט מען דעם גרויסן ווייטיק זיינעם צוליבן אומקום פונעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.

ער האָט זיך געמיט צו שטעלן א ״מצבת זכרון לקדושי ברנוב״ אין מרתף השואה אויפן הר ציון אין ירושלים. ער האָט מיר אויף א זייער רירנדיקן אופן באשריבן, ווי ס׳האָט אויס־


געזען בעת דעם שטעלן די דאָזיקע מצבה. די אָנגעצונדענע ליכט, די תפילות, די קאפיטלעך תהילים וואָס מען האָט געזאָגט, און דעם ים טרערן, וואָס די בארניוווער שארית הפליטה האָט דאמאלס פארגאָסן.

ער האָט מיר געשיקט א בילד פון דער דאָזיקער מצבה און דערביי מיך געבעטן, אז איך זאָל למען השם דאָס דאָזיקע בילד אויפהענגען ביי מיר אין שטוב, בכדי מיינע קינדער זאָלן קיינמאל נישט קענען פארגעסן, וואָס מען האָט געטאָן דעם יידישן פאָלק, זייערע זיידעס און באבעס, און די קינדער זאָלן איבערגעבן דאָס שפעטער זייערע קינדער.

ער האָט זיך אויך באלד גענומען זאמלען אין ישראל מאטעריאלן פאר א יזכור־בוך פאר די קדושים פון בארניוו, זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט פארשידענע בארניוווער לאנדסלייט פון ישראל און פון די תפוצות; געזאמלט בילדער פון די קדושים, געשריבן זכרונות און געבעטן אנדערע צו שרייבן. ער האָט אין דער דאָזיקער הייליקער ארבעט ארייגעלייגט אסך הארץ, דאָס גוטע, מיטפילנדיקע יידישע הארץ זיינס.

הערש פענסטער

פסח שליסל ז״ל וביתו



פסח שליסל (1916)

עברו שנים רבות מאז עזב אבי, פסח שליסל ז״ל ובני ביתו, את בארניב, ואין באפשרותי להעלות על הכתוב את תווי דמויותיהן של הנפשות הקדושות והטהורות שנספו על קידוש השם.

אך לעולם לא אשכח את יום פרידתי מן העיירה — לפני כ־28 שנה — כאשר יצאנו לעלות ארצה, כדי להיפגש עם פרימצי, נתן ורבקה, שהקדימונו בבואם לארץ־ישראל. באותו מעמד לא העלינו על דעתנו ששוב לא נראה את בני עיירתנו, משפחות שלמות על נשים וטף, שנילוו אלינו ביום ההוא בצא־תנו לתחנת הרכבת שהייתה מרוחקת מן העיר קילומטרים.

אבי ז״ל היה מחסידיו הנלהבים של האדמו״ר מרוזוואדוב. בבית אבא היינו חמישה ילדים, שהתייתמו מאמא בעודם בגיל רך. אבינו ז״ל חינך אותנו למעשים טובים ולהליכה בדרכי יושר. ממנו ירשנו את אהבתו למולדת.

אף כאן בארץ, בנס־ציונה, השתלב יפה בין תושבי המקום על אף זקנתו. במושבה ארגן אגודה לביקור חולים וחברה קדישא על יסודות של התנדבות והמשיך בעבודת הקודש במקום מגוריו החדש. מי שלא ראה את אבי ז״ל בימי ביקורו הראשון בירושלים, את דבקותו הלוהטת ואת דמעותיו שניגרו בשעת התפילה לפני הכותל המערבי, אינו מסוגל להעריך כראוי את משמעות התייחדותו של בעל אמונה כמותו עם ארץ הקודש, בה ראה את מולדתו מאז ומתמיד. שבור מרוב צער, הביע את זיקתו לארץ ליד קברו של אחי, צבי ז״ל, שנפטר כאן בגיל צעיר. בהספדו אמר אבינו ז״ל: ״זכות גדולה נפלה בחלקך, בני, להיקבר בארץ־ישראל. זכות זו תעמוד לך עד לתחית המתים בקץ הימים״.

סידה בן מנחם (שליסל)

החורבן

בארניוו, מיין קליין שטעטעלע בארניוו — מעג אפילו ניו־יאָרק זיין גרעסער . . . געפעלסטו מיר, מיין שטעטעלע, בעסער. איך דארף בלויז ארויסזאָגן דאס איינציקע וואָרט "בארניוו", און פאר מיינע אויגן שוועבן פארכשופטע בילדער, וואָס וועקן אויף אין מיין זכרון אָנגענעמע דערינערונגען פון דעם שטעטל, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

אזוי פיל יידישקייט, הארציקייט און ליבשאפט פון איין מענטש צום צווייטן האט דאָס שטעטל פארמאָגט, אז ווען איך גיב א טראכט, אז דאָס געהערט שוין נישט מער צו דער ווירקלעכקייט, נעמט מיך אדורך אציטער, און מיין מוח קאן דאס נישט באַגרייפן, וויאזוי דאס האט געקענט געשען, אז דאָס אלץ איז שוין מער נישטאַ. ליידער איז דאָס אמת! נישטאָ מער די גוטע ווילע מענטשן, נישטאָ מער מיין טייערע ליבע פאמיליע . . . מיט גרויס צער בויג איך מיין קאָפּ פאר די הייליקע קדושים: איך וועל אייך קיינמאל, קיין־מאָל, נישט פארגעסן.

א ס ת ר ו ו י י נ ר י ב ־ ד אָ נ ע ר

הערש לייב פענסטער

מיין חרובע היים, בארניוו

נישט פון זון, בלומען, פון זייערע פארכשופטע ריחות און פון לעבנספרייד וויל איך היינט שרייבן, נאָר איך וויל, מיין אָרימע, פארבלוטיקטע היים, מיין גאליציש געבוירנשטעטעלע בארניוו דערציילן — ווי דו האָסט געלעבט, און וויאזוי דו ביסט, היים מיינע, אומגעקומען, מיט די שכנישע קהילות קדושות: דזשיקיוו און מעליץ, מיט וועלכע דו האָסט זיך מתחתן געווען, געטון שידוכים מיט דיינע זין און טעכטער, ווי די פארשאָלטענע רוצחים האָבן אייך, יידן פון מיין געבוירנשטעטלע, ארויסגעשלעפט פון אייערע אָרעמע שטילע היימען און אייך געטריבן צו אייער גרויסן היימישן מארק, ווו קרענצלעך יידן פלעגן שטיין פאר מנחה־מעריב און שמועסן.

דאָרט אהין האָבן אויך געשלעפט די רוצחים די יידן פון די קהילות קדושות דזשיקיוו און די יידן פון די דערפער.

דאָרט האָבן זיי, די אויף אייביק פארשאָלטענע רוצחים, געלאָזט אייך לאנגע שעהן קניען, געשלאָגן אייך מכות רצח מיט די קאָלבעם פון זייערע ביקסן; א טייל יידן תיכף געשאָסן אויפן מארק.

געווען איז דאָס ו׳ מנחם־אב תש״ב (דעם 20־טן יולי 1942), צוויי טעג פאר תשעה־באב.

פון דער מחנה צונויפגעטריבענע יידן אויפן מארק איז ארויס מיין אלטער פעטער ר׳ מענדל לאסער, דער אייביקער שוויגער, מיטן פנים פון א ספרדישן ייד, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דער צער פאר דורותדיקן יידישן ווי. ער איז צוגעגאנגען צו די רוצחים און געבעטן זיי — אים צו שיסן אין זיין קהילה. זיי, די רוצחים, האָבן מסכים געווען. דעם רעשט יידן פונעם מארק האָבן זיי אוועקגעפירט גלייך אין טויטן־לאגער בעלזשעץ.

איך זע דיך, מיין אלטער פעטער מענדל, ווי די גייסט שטאָלץ צום טויט מיט טיפער פאראכ־טונג צו די פייניקער פון דיין פאָלק. דיר גייען נאָך פופציק הייליקע זקנים און זקנות פון אונדזער אָרימער קהילה קדושה בארניוו.

שטיל האָט איר געלעבט, יידן פון מיין געבוירן־שטעטל בארניוו און שטיל איז געווען די וועלט בעת מ׳האָט געפירט אייך צום טויט.

אָפגעמעקט אן אלטע יידישע קהילה ביי די ברעגעס פון דער ווייסל.

קדושים און טהורים, איצט בעת איך שרייב וועגן אייער אומקום, שטייט איר אלע פאר

מיינע אויגן, אויסגעמישט אין איין היילקער עדה: לומדישע יידן, מיט ערלעכע יידישע טרעגערס, קצבים, בעלי־עגלות, שניידערס און סאדאָווניקעס. איר, אָרימע יידישע טרעגערס, וואָס פלעגט זיצן טעג גאנצע אויף די שוועלן פון די הייזער און אויסוואַרטן אויף א גראָשן פארדינסט.

עס שטייט פאר מיינע אויגן די אלטע הארציקע חנה די סארווערין, וואָס איז געווען שטאָלץ מיט איר לעקעך־מאכן, מיט איר קאָכן אויף יידישע שמחות; איינגעהילט אין איר שאל, גייט זי פארבעטן יידן אויף א חתונה.

און דער אלטער, שטאָלצער, הויכער ר׳ יויזיפ דער שניידער, וואָס פלעגט אָפלאכן פון די שונאי ישראל פון שטעטל און קוקן אויף זיי מיט ביטול און מיט רחמנות פאר זייער נארישקייט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן א פארצווייגטע קולטור־טעטיקייט אין שטעטל. אויף מיר איז אויסגעפאלן צו זיין ״דער וועקער״ צו א באנייט יידיש לעבן אין מיין שטעטעלע. פון אונזער פאריין, פון אונזערע שפאצירן אין די אָוונטן האט זיך געטראָגן דאָס יידישע געזאנג: יידישע פאלקסלידער, לידער פון ארבעט, פון קאמף, לידער פון נאציאָנאלן און סאָציאלן אויסלייז. דאָס גאנצע שטעטל האָט זיי געקענט, די נייע לידער און זיי געזונגען. יידישע בחורים און מיידלעך האָבן זיך ארומגעטראָגן מיטן יידישן בוך, גערעדט וועגן יידישע שרייבער, וועגן פרץ׳ס ״גאלדענע קייט״...

נישט אלע יידן זענען די ערשטע צייט געווען צופרידן פון מיין טעטיקייט — זיי האָבן מורא געהאט, אז איך וועל נאָך אוועקפירן די בארניוווער יוגנט ״לתרבות רעה״, אוועקפירן פון יידישקייט...

אויב איך האָב אייך, איר פרומע יידן פון מיין געבוירן־שטעטל אפשר־אפשר ווייי געטון אמאָל, מיט מיין טעטיקייט, איר — וואָס זענט אומגעקומען אלע אויף קידוש־השם, — ווילט זיך מיר טיילמאָל בעטן ביי אייך מחילה. איך בין דאָך געווען דאָס בלוט פון אייער אלעמענס בלוט דאָס פלייש פון אייער אלעמענס פלייש, פון מיר האָבן גערעדט אייער ווייטיק און אייער צער.

שבת אין די פארנאכטן זענען מיר געגאנגען איבערן גרין־באגראָזטן און באבלימלטן ״וואל״, אנטקעגן דעם אלטן, לעגענדארישן שלאָס און געזונגען מיט בענקשאפט אין אָוונטיקער שטילקייט. אין בית־המדרש זענען געזעסן יידן ביי שלוש־סעודות און אויסגעגאנגען פון בענקשאפט און טיפער דבקות — ס׳איז זיי געווען שווער צו שיידן זיך פון שבת קודש און אריין אינדערוואכן מיט אלע זייערע שווערע דאגות און מאטערנישן.

אין דאזיקן בין־השמשות האָבן יידישע מאמעס פון שטעטל געזאָגט אין דער שטילקייט ״גאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, דער ליבער היילקער שבת קודש גייט אוועק...״. זיי, די אָרימע יידישע מאמעס האָבן געבעטן פאר געזונט און פאר פרנסה, כדי נישט צו ווערן פארשעמט. זייערע קינדער האָבן געזונגען דאמאלס הינטערן שטעטל, אויף די גרינע גראָזן: ״די זון פארגייט אין פלאַמען״ פון דיכטער־קדוש יצחק קאצענעלסאָן.

דאס רוב יוגנט האט אָנגעהויבן אויסצוואַנדערן — ווער קיין ארץ־ישראל, ווער קיין אמע־ריקע אדער אנדערע מקומות. קיינעם פון אונז איז אָבער נישט געקומען אויף דער מחשבה — ס'איז דאָך געווען אין א צייט געבענטשט מיט גרויסע, באפליגלטע האָפנונגען, מיט רעוואָלוציאָ־נערע באפרייערישע שטראָמען — אז די זון וועט פארגיין אויף שטעניק פאר די יידן פון מיין גאליציש געבוירן־שטעטל בארניוו, אז דער גרויסער מארק, ווו יידן האָבן געשעפט וואסער זיך צו דערפרישן, וועט ווערן אמאָל דער זאמלפונקט פון די יידן אויפן וועג פון אומקום, אז קיינמאָל וועט דאָרט א יידיש קינד נישט קענען מער באגריסן דעם פרילינג.

אויסגעלאָשן זענען איצט די פרומע שבת־ליכט, וואָס האָבן ארויסגעשיינט דורך ווייסינקע פאָרהענגעלעך פון די אָרימע, צניעותדיקע יידישע היימען פון מיין געבוירן־שטעטעלע און מיין היים, מיין פארבלוטיקטע, אָרימע היים!...

צבי מגן (מאגענהיים)

די ערשטע טעגביים דייטש

גלייך מיט אלע אנדערע פוילישע שטעטלעך איז אויך אונדזער שטעטל נישט געווען צוגעגרייט צו דער מלחמה. נישט צוגעגרייט אפילו די נויטיקסטע זאכן, ווי שפייז, קליידונג, באלויכטונג און באהייצונג. גרויסע עשירים זענען אין שטעטל נישט געווען. צווישן די עטלעכע צענדליקער יידישע פאמיליעס, וואָס האָבן געהאט פרנסה, זענען געווען איינצעלנע, וועלכע האָבן באוויזן איינצוקויפן פאר זיך גרעסערע קוואנטומס צוקער, מעל, קאווע, קוילן און נאפט. די מערהייט האָט דערפילט דעם קריג באלד צומאָרגנס נאָך זיין אויסברוך; ס׳איז שווער געווען צו קויפן עסנווארג, די בעקערייען האָבן זיך פארמאכט. די גרעסטע בעקעריי פון וואָלף אנמוט איז געווען געשלאָסן, ווייל דער אייגנטימער איז גענומען געוואָרן צום מיליטער. די איינציקע בעקעריי וועלכע איז געווען אָפן און האט געבאקן איז געווען אונדזערע. מענטשן זענען געשטאנען אין דרויסן און געווארט, ביז מ׳וועט ארויסנעמען דאָס ברויט פון אויוון און מ׳האָט צעכאפט דאָס-שווארצע ברויט הייסערהייט. פרייטיק האָט מען געבאקן חלות און יעדער האָט זיך געוווּנטשן: הלוואי ווייטער זאָל נישט זיין ערגער! דער דאָזיקער ווונטש איז אָבער ליידער נישט מקוים געוואָרן.

אויך דער מאנגל פון נאפט צו באלויכטן די שטיבער האָט זיך באלד דערפילט. מענטשן זענען געזעסן אין דער פינסטער. און אז עמעצער האט יאָ געהאט אביסל נאפט אָדער ליכט אינדערהיים, האָט מען עס געהאלטן אויף א שווארצער שעה.

די פונאנדערטיילונג צווישן אָרים און רייך איז נאָך מער פארשארפט געוואָרן אין די שווערע אָקופאציע־צייטן. צענדליקער משפחות, וועלכע האָבן אין פרידנס־צייטן געהאט פרנסה בדוחק, זענען געווען די ערשטע צו ליידן הונגער. מ׳קען נישט באשולדיקן די מענטשן, וועלכע האָבן געהאט געלט און גענוג שפייז־פראדוקטן, וואָס זיי האָבן נישט געגעבן די אָרימע, ווייל קיינער האט נישט געוווּסט, וואָס דער מארגן וועט ברענגען.

פונדעסטוועגן האָט א טיפער אָפטימיזם באהערשט די באפעלקערונג נאָך איר ערשטן צוזאַמענטרעף מיט די דייטשן. ווען די דייטשן האָבן פארנומען באראנאָוו, האָבן זיי פאראָרדנט, אז אלע יידן זאָלן זיך פארזאמלען אויפן מארקפלאַץ. מען האָט זיך דערשראָקן, אָבער צום מזל האָט זיך אלעס געענדיקט צום גוטן. די דייטשן האָבן בלויז צו וויסן געגעבן די יידן, אז זיי וועלן דארפן ארבעטן און יעדע שלעכטע טאט קעגן דער דייטשער מאכט וועט שטרענג באשטראָפט

ווערן. ווען די יידן זענען צוריקגעגאנגען פון מארק, האָט מען זיך געוויצלט, אז דער שד איז נישט אזוי שרעקלעך ווי מען מיינט, און דער יידישער אָפּטימיזם האָט געבוירן געדאנקען, אז אפשר וועט גאָט געבן און היטלער — ווען ער וועט האָבן נצחונות — וועט ער ענדערן זיין אנטי־יידישע שטעלונג. איין זאך איז קלאָר: קיינער האָט זיך דעמלט נישט פאָרגעשטעלט, אז די דייטשן וועלן צוגרייטן א פלאנמעסיקע פארניכטונג פון די יידן — פון מענער, פרויען און קינדער.

איך דערמאָן זיך ווי איינמאל, ווען מיר זענען געזעסן עטלעכע בחורים אין "בית יהודה"— פאריין, האָט מען ארויסגעזאָגט מיינונגען וועגן די אויסזיכטן פאר דער יידישער באפעלקערונג אונטער דער דייטשער אָקופּאציע — ס׳איז געווען עטלעכע וואָכן נאָך דער אָקופּאציע; יידן זענען שוין געגאנגען צו צוואנגס־ארבעט, אָבער מ׳האָט נאָך נישט געשלאָגן און געהרגעט, מ׳האָט נאָך נישט גערויבט, אָבער עס האָט געהאָנגען אין דער לופט א פחד פאר דעם מאָרגנ־דיקן טאָג. מיר זענען געזעסן אין דער פינסטער און שטילערהייט גערעדט. אברהם הירש בירנבוים איז אריינגעקומען און פון הינטערן מאנטל האָט ער ארויסגענומען א קליינעם רידיאָ־אפאראט און מ׳האָט געפרווט כאפּן אויסלענדישע סטאציעס. פאר אזא זאך האט מען דעמלט באקומען טויט־שטראָף. מיר האָבן טאקע געציטערט און געהערט. די ידיעות זענען אָבער נישט געווען קיין פריילעכע. איך געדענק, אז מיינע חברים זענען געווען אָפּטימיסטיש געשטימט, זיי האָבן געגלויבט, אז מען וועט קענען אדורכלעבן די מלחמה און סוף־סוף וועט היטלער האָבן די מפלה. איך בין דער איינציקער צווישן זיי, וואָס איז געווען זייער פעסימיס־טיש געשטימט. הלוואי וואָלטן אלע געווען אזוי, וואָלט דאָס באראנאָווער יידנטום ווייטער עקזיסטירט.

איך האָב דעמלט געזאָגט, אז אויף וויפיל איך האב געלייענט און געהערט די אנטי־יידישע רעדעס פון היטלערן און זיינע העלפער, פארשטיי איך, אז זיי וועלן פארוואנדלען אלע יידן אין שקלאפן, און אלס דראסטישן ביישפיל האָב איך געבראכט, אז זיי קענען איינשפאנען יידן צום אקער־אייזן. אז מען וועט יידן פארגאזן — אויף אזוי ווייט איז מיין פעסימיזם נישט דערגאנגען . . .

אברהם נאָרד

דער אָנהויב

עס איז געווען אין א שיינעם שבת נאָכמיטאג, דעם 2־טן סעפטעמבער 1939. די זון האָט געשיינט, די לופט דורכזיכטיק און ווארעם, ווי ספעציעל אז די יוגנט זאָל קענען פארברענגען הינטער דער שטאָט. אויך איך בין געגאנגען פארברענגען מיט מיין מיידל גיטל גאנץ, און זיך באָדן אין טייכל. די עלטערע מענטשן — א טייל שלאָפן נאכמיטאג דעם שבת־שלאָף, א טייל קוקן אריין אין א ספר, די מאמעס זאָגן פרקי אבות און לייענען די "צאינה וראינה". פלוצים... טראָך! 5 שווארצע פייגל זענען געקומען צופליען און אָנגעהויבן שיטן מיט פייער. מיר לויפן שנעל אהיים. מיר קומען אין שטעטל אריין — אן איבערקערעניש — מענטשן לויפן, מענטשן שרייען, יידן גייען פון בית־המדרש פון מנחה, לויפנדיק און שרייענדיק, — קיינער ווייסט נישט וואוהין, וואָהער...

צומאָרגנס, זונטיק אין דערזעלבער צייט — ווידער א באָמבארדירן, און דאָסזעלבע מאָנטיק און דינסטיק. מיטוואָך האָבן מיר — מיין פאָטער ע"ה, מיין שוועסטער ברײַנדל מיט איר מאן יצחק ראזענפעלד און קינד, און מיין יינגסטע שוועסטער שרה און איך — געקויפט א פאָר פערד און וואָגן און אנטלאָפן פון שטעטל. וואוהין לויפן? איין גאָט אין הימל ווייסט. אויפן וועג טויזנטער מענטשן געהרגעטע, פארוווּנדעטע, שריפות און באָמבארדירונגען. דאָס פוילישע מיליטער ציט זיך צוריק קיין מזרח צו. אלע וועגן פארנומען. נאָך גרויס מאטערניש, הונגער און דורשט זענען מיר געקומען אין א קליין שטעטלע אין קאָנגרעס־פוילן — טארנאָגרוד. דאָרט — האבן מיר געגלויבט — וועט היטלער י"ש נישט קומען, ווייל עס איז א פארפוואָרפן שטעטלע אָן א באן־ליניע און אָן א שאסיי. דאָרט האָבן מיר געטראָפן נאך שטעטישע, וואָס זענען, ווייזט אויס, אויך געווען אין דערזעלבער מיינונג ווי מיר, אז די דייטשן קענען אהין נישט קומען. צוויי וואָכן זענען מיר דאָרט געווען ווי אין "קיינעמס לאנד", אָבער מיר זענען נישט געווען רואיק, ווייל מיר האָבן שוין געהערט, וואָס די דייטשן האָבן אָפגעטון אין אנדערע יידישע שטעטלעך. דערווייל איז געקומען ראש־השנה. אלע יידן גייען אין שול אריין מיט אראָפגעלאָזטע קעפ און גרייטן זיך צום יום־הדין מיט גרויס הארץ־קלאפעניש. פלוצים — א טומעל א רעש — די דייטשן זיינען אריין. מיר לויפן אהיים אינמיטן דאווענען. ביינאכט זענען מיר שוין נישט געשלאָפן און געווארט — וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. צומאָרגנס איז געווען רויק, אָבער מיר האָבן מורא געהאט ארויסצוגיין. מוצאי ראש־השנה — אויך כמעט

רויק, אחוץ ... א פּאָר געשאָסענע יידן. שבת אינדערפרי — אַן אלארם: אלע יידן מוזן ארויס אויפן זאמל־פּונקט אין מארק. איך גיב א קוק, וואָס עס טוט זיך, זיינען מיר די אויגן פארגלי־ווערט געוואָרן, האָר און נעגל האָבן זיך אויפגעשטעלט ... איך זע אזא בילד אויפן מארק: הונדערטער יידן מיטן רב בראש אין טלית און תפילין ארומגערינגלט מיט באוואָפנטע דייטשן; אלע הייזלעך מיט די יידישע געשעפטן ברענען. די דייטשן נעמען קליינע יידישע קינדער און ווארפן זיי אין פייער און די עלטערע שלאָגט מען ביז בלוט. מיט גרויסע צרות איז מיר געלונגען צו לויפן אהיים מיט הינטערגעסלעך און ס'איז אונז נאָך געלונגען ארויס צו לויפן פון שטעטל מיט פערד און וואָגן. געגעכטיקט האבן מיר אין א דאָרף ביי א גוי. צומאָרגנס שטייען מיר אויף און זעען, אז דער פויער האָט אונדז אלעס צוגענומען וואָס מיר האָבן פארמאָגט. אויף אונדזער פראגע, ווו זענען אונזערע זאכן, האָט ער ציניש געענפערט: דאנקטס גאָט, אז איך האָב אייך געלאָזט לעבן און איבערגעלאָזט די פערד מיטן וואָגן, אז איר זאָלט קענען ווייטער לויפן.

נאָך עטלעכע טעג וואנדערן זענען מיר ווידער אָנגעקומען אין אונזער שטעטל בארניוו. געקומען זענען מיר פארנאכט, איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָליציי־שעה, ווען יידן איז נישט געווען דערלויבט צו געפינען זיך אויף דער גאס. אָנגעקומען צו אונזער הויז — א חורבן! — אלעס צעבראכן, דאס געשעפט אויסגערויבט. ביי שכנים האָבן מיר זיך געררוווסט, אז אין עטלעכע יידישע הייזער איז פאראן אונזער סחורה, וואָס זיי האבן כלומרשט געוואָלט ראטעווען, און אפשר איז טאקע דאס געווען די כוונה זייערע — אביסל האָב איך באקומען צוריק. פון דעם ביסל וואָס מיר האָבן צוריק באקומען, האָבן מיר דערווייל געלעבט. אין שטעטל א הונגער; די דייטשן יאָגן אויף שווערע קאטאָרזשנע ארבעט אָן עסן און אָן טרינקען. ביי דער ארבעט שלאָגט מען; ווער עס האָט די מעגלעכקייט, אנטלויפט אין די וועלדער, אָדער צו באקאנטע גויים אין די דערפער. מענטשן הויבן אָן קרענקען פון הונגער און קעלט. דאָס שטעטל הויבט אָן אונטערצוגיין ביסלעכווייז. אין א שיינעם פרימאָרגן זיינען געקומען צופאָרן דרי געסטאפּאָ־אָפיצירן מיט טויטן־קעפּ אויף די ארבל און הויבן אָן זוכן יידן, ביז זיי זענען געקומען צו אונזער הויז. איך האָב געבעטן מיין פאָטער ע"ה, מען זאָל אנטלויפן, האָט ער נישט געוואָלט. "גאָט וועט אונדז היטן" — איז געווען זיין ענפער. ליידער האָט גאָט נישט פארהיט. זיי זענען אריין צו אונדז און מיך מיט מיין פאָטער ע"ה געשלאָגן ביז בלוט. איך בין נאָך דעם געלעגן צוויי וואָכן אין בעט. דעם ערשטן טאָג נאָכן אראפּגיין פון בעט, בין איך גלייך אנטלאָפן.

נאָך דער מלחמה האב איך זיך דערוווסט, אז פון מיין משפחה איז קיינער נישט געבליבן.

ישעי׳ לאסער

פון יענע יאָרן

דער ערשטער יום־כיפור מיטן דייטש

ווען דער קריג איז אויסגעבראכן, איז אנטשטאנען א גרויסע פאניק אין שטעטל. מען האָט ארויסגעפילט, וואָס עס שטייט פאָר. די יוגנט האָט אָנגעהויבן צו אנטלויפן. מ׳האָט געזאָגט, אז די דייטשן נעמען דאָס ערשטע צו די יוגנט, האָט מען געפרווט ראטעווען זיך דורך אנטלויפן. דאָס דייטשע מיליטער האָט כמעט אלעמען געכאפט. איך בין צוריקגעקומען קיין בארניוו. צומאָרגנס, ערב יום־כיפור, האָט מען געמאָלדן, אז די גאנצע יוגנט זאָל זיך צושטעלן צו ארבעט. ס׳איז געווען זייער א געדריקטע שטימונג.

ערב יום־כיפור פלעגט כמעט דאָס גאנצע שטעטל אויפשטיין צו סליחות; די שוחטים פלעגן גיין פון הויז צו הויז שעכטן די ״כפרות״. דער עולם פלעגט לויפן אין מקוה אריין, מען האָט געציטערט פארן יום־הדין. און היינט רעדט מיך דער טאטע צו, אז איך זאָל גיין צו דער ארבעט, ווייל איך האָב קיין חשק נישט געהאט; מען טאָר נישט איינשטעלן דאס לעבן. איך בין ארויס אויפן פלאץ, ווו מ׳האָט זיך פארזאמלט. די געסטאפּאָ האָט צוגעטיילט אויף ארבעט און ווען אביסל קלעפּ. א גאנצן טאָג שווער געארבעט — מיט קלעפּ דערצו. נאָך דער ארבעט האָט מען געמוזט מארשירן מיט דער לאפּעטע אויף דער פּלייצע ביז פאדעוו און פון דאָרט קיין בארניוו. געקומען אין שטעטל — פינסטער אין אלע פענסטער, אלע טירן פארהאקט, פארמאכט. איך קלאָפּ אן ביי אונדז אין טיר; די מאמע עפנט און לאָזט מיך אריין. אין שטוב לייכטן זיך צוויי קליינע ליכטלעך. דער טאטע שטייט אין ווינקל און דאוונט מעריב — שטיל, מען הערט נישט קיין וואָרט, נאָר עס גיסן זיך טרערן. די נאכט פון יום־כיפור איז אדורך רויק. פאר די נעכט האָט מען מער מורא געהאט ווי פארן טאָג. אינדערפרי האָט מען געמאכט א מנין ביי מרדכי שליסעל. בגניבה, דורך הינטערוועגן זענען זיך צוזאמענגעקומען צוויי מנינים יידן.

א פשוטער פרייטיק

עס זענען אָנגעקומען צוויי געסטאפּאָ־לייט אין שטעטל. יידן האָבן אָנגעהויבן צו אנטלויפן און באהאלטן זיך. מ׳זאָגט, אז זיי גייען פון שטוב צו שטוב, הרגענען און שלאָגן. מ׳קען נישט וויסן דייטלעך, וואָס עס געשעט, ווייל מ׳האָט מורא צו באווייזן זיך אין גאס. איך מיט מיין

טאטן ע״ה זענען מיר אוועק דורך א הינטערוועג צו וואַלוויש פייט, ווייל דאָרט איז א גויישע גאס, קומען זיי נישט אהין. ס׳איז פשוט געווען א נס, וואָס מיר זענען אוועק. אין א פּאָר מינוט ארום זענען זיי געווען ביי אונז אינדערהיים און געטראָפן האָבן זיי מיין קאשקעט, וועלכן איך האב אין איילעניש פארגעסן. זיי האָבן אויסגעלאזט די רציחה צום...היטל, געשטאָכן אין אים און צעריסן אים.

דייטשע פארוויילונגען

מיין שוועסטער פערל שרייבט מיר אין לאגער אריין: ״היינט געווען א חתונה ביי יחיאל שעכטער און משה קעמפלער; זיי האָבן זיך געטובלט אין דער ווייקסל...״ — זי שרייבט פארשטעלט. דערנאָך בין איך געוואָר געוואָרן, אז מ׳האָט געכאפּט צו דער ארבעט. אלע יידן האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן אין מארק. דערווייל מאכן זיך די דייטשן אביסל לוסטיק איבער די יידן. דער גורל איז געפאלן אויף יחיאל שעכטער און משה קעמפלער, ווייל זיי טראָגן ברילן — דאָס הייסט ביי די דייטשן, אז זיי געהערן צו דער יידישער אינטעליגענץ. אויף משהן זאָגן זיי, אז ער איז א רב; אויף יחיאלן — אז ער איז א בורזשוי. מען נעמט זיי שלאָגן און הרגענען גאנצע שעהן, דערנאָך נעמט מען זיי צו דער ווייקסל און מען טובלט זיי אין די מלבושים צענדליקער מאָל. האלב־טויט ציט מען זיי ארויס, מ׳לאזט זיי אָפּאָטעמען, קומען צו זיך און ווידער דאָסזעלבע. נאָך דעם אלעמען זעצט מען זיי אריין אין צוויזמער תפיסה. יחיאלס און משהס מיטער פאָרן אסך מאָל קיין צוויזמיר, ביז עס איז זיי געלונגען פאר פיל געלט זיי צו באפרייען.

די מאכט אין שטעטל

די ערשטע צייט האָט געהערשט די קאָמאנדאנטור פון דערווערמאכט. זיי האָבן פארלאנגט, אז מען זאָל ארבעטן. זייער באציונג איז נישט געווען קיין ספּעציעל שלעכטע. געווען אפילו א פאל, ווען זייערס אן אָפיציר האָט זיך פאָטאָגראפירט מיט א יידיש מיידל, האָט מען אים באלד אוועקגעשיקט. שפּעטער האָט די פוילישע פּאָליציי געהיט די ארדנונג. פון צייט צו צייט זענען אריינגעקומען עס־עס־לייט אדער אנדערע אָנשיקענישן און יעדער פון זיי האָט געטון מיט די יידן וואָס נאָר עס האָט זיך אים געגלוסט. קיין שום געזעץ האָט נישט געהערשט און אלעס איז געווען אין די הענט פון נומעריק, י״ש. פאר דער מלחמה האָט ער געפּאָשעט קעלבלעך ביי אברהם טאפּער און געלעבט בשפל המדרגה; איצט האָט זיך אויפגעוועקט זיין דייטש בלוט פון פאר עטלעכע דורות, ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער געהערט צום ״הערן־פאָלק״ און געוואָרן דער נישט־געקרוינטער שליט פון שטעטל. געלט האָט ער גענומען און דערצו געשלאָגן און געהרגעט. אפילו יאנעק דזשעווינסקי, דער בכבודיקער בירגערמייסטער, האָט אים געמוזט כבוד אָפּגעבן. דער דאָזיקער נומעריק האָט ארגאניזירט די ״אויסזידלונג״ און מען דערציילט, אז ער אליין האָט געשאָסן פיל יידן.

אין יודנראט זענען געווען מרדכי גראָס און משה גוטפריינד. לשבחם מוזן מיר באמערקן,



נערות יהודיות בעבודת כפייה
יידישע מיידלעך ביי צוואנג־ארבעט

אז זיי האָבן געטון אַלעס מעגלעכע צו שיצן די קהילה. זייער אויפגאבע איז געווען זייער א שווערע. אָט קומט א דייטשער אָפיציר און פארלאנגט 10 קילא פעפער, און אויב נישט... א פאָר טאָג שפעטער קומט אן עס־עס און פארלאנגט 20 ראָווערן. ווו שאפט מען דאס אלעס? דאָס שטעטל איז קליין, די קהילה אָרים, אָפגעהאקט פון דער וועלט. און אזוי אָן אויפהער. נישט געווען זיי וואס מקנא צו זיין.

אין יענער צייט איז אויך ארויס די גזירה פון אָפשערן די בערד. די הענט האָבן מיר געציטערט, ווען מיין פאטער הי״ד האט מיר געהייסן זיין באָרד אָפשערן. איך האָב דאס נישט געקענט טון און איך האָב געבעטן דאָס פאר מיר צו טון יחיאל שעכטער.

אין ארבעטס־לאגערן

אָנהויב 1942 האָט מען פארנומען אין ארבעטס־לאַגערן, אין חודש יאנואר האָט דער ארבעטס־אמט אין שטעטל באפוילן, אז די יידישע יוגנט זאָל זיך שטעלן אין זאל פון "סאָקאָל". דאָס מאָל איז דאָס געשען לויט א רשימה. די פארזאמלטע האָט מען אפגעפירט אין ארבעט־לאגערן אין דער סביבה.

אין פעברואר איז ארויס אן אלגעמיינער באפעל, אז אלע יוגנטלעכע, ארבעטפעיקע מוזן קומען אין "סאָקאָל". דאָס מאָל בין איך אויך געגאנגען. שטייענדיק אין זאל, האָב איך צוזאמען מיט ישעיה וואגנער באמערקט, אז די פוילישע פאָליציי רינגלט ארום די געביידע. ישעיהן איז געלונגען ארויסצושפרינגען דורכן פענסטער. איך האָב פארשפעטיקט. ביי דער טיר איז געשטאנען א באקאנטער פאָליציאנט. איך האָב אים צוגעזאָגט לאפוווקע (שוחד) און ס'איז מיר געלונגען צו אנטלויפן. דאָסזעלבע איז געלונגען אויך יחיאל שעכטער. די פארזאמלטע האָבן פארנומען די עס־עס־לייט, וועלכע איז ספעציעל געקומען אהער מיט א לאגער־אויטא.

דאָס לעבן פון די איינצלנע איבערגעבליבענע איז געווען פול פיין. מען האָט זיך געשראָקן



גאָלדע צוקער און ליידנער מיטן
״יידישן קענצייכן״

ארויסצוגיין פון באהעלטעניש. דער פחד פאר א מסירה אָדער א באזוך פון פּאָליציי איז געווען שרעקלעך. איך האָב שוין באדויערט וואָס איך בין אנטלאָפן. אין איין הויז האָט מען נישט געוווסט, וואס עס טוט זיך אין צווייטן; יעדעס הויז איז געווען ווי א באזונדערע תפיסה. און דעריבער, ווען מ׳האָט נאָך עטלעכע וואָכן ווידער באפוילן זיך צוצושטעלן, בין איך שוין געגאנגען אָן ספקות. ערגער קען דאָך שוין נישט זיין! אָפּגעפירט האָט מען אונדז אין ארבעטס־לאגער ביעשאדקא [1] ביי מיעלעץ, א 20–30 קילאָמעטער פון שטעטל. דער קבלת פנים אין לאגער איז געווען זייער א ״העפלעכער״... ביי אונדזער אויטאָ האָבן זיך אוועקגעשטעלט צוויי פוילישע היטער און געשלאָגן מכות רצח מיט שטעקענעס יעדן איינעם, וואס איז אראָפּגעשפּרונגען. איך האָב זיך באמיט וואָס שנעלער צו לויפן און קומענדיק אין באראק, האָב איך שוין קיין שום חשק נישט געהאט צו גיין עסן נאָך די קלעפּ. צו מיין ביטער מזל האָט מיך דאָ געפונען אן אנדערער ״היטער״ און ווידער גוט צעשלאָגן.

די ארבעט איז געווען אין וואלד. דאס ארויסגיין צו דער ארבעט, דאָס צוריקגיין און די ארבעט גופא זענען געווען באגלייט מיט שלעק. די היטער זענען געווען פּאָלאקן; איינער פון זיי איז געווען א בארניווער שגץ, כאָלאָטאַ, מיר האָבן צוזאמען געלערנט אמאָל אין שולע;

[1] די יידן — מענער, פרויען און אפילו קינדער — האָבן דאָ געארבעט אין א בוי־אונטערנעמונג פון ״פּאַול אונד ניקל״. דער לאגער איז ליקווידירט געוואָרן אין אפּריל 1943. (״יד ושם״־ארכיוו, עדות פון עווא מערקרעבס).

האָב איך אים געפּרוּווט געבן געלט, ער זאָל אויפהערן צו שלאָגן, האָט ער נישט געוואָלט. קוים האָב איך זיך ביי אים דערבעטן, ער זאָל נעמען 50 זלאָטיס, אָן וועלכער ס׳איז פאַרפליכ־טונג. ער האָט אויפגעהערט צו שלאָגן, אבער נאָר באַראַנאָווער יידן, אנדערע האָט ער ווייטער געממיתט אָן רחמנות. דער עיקר האָבן מיר געוואָלט ראַטעווען שמעון טייכמאַן, וועלכער איז געווען זיין שטאַבילער קרבן.

אין א קורצער צייט ארום האָט מען מיך מיט ישעיה וואַנגער און נאָך אנדערע איבערגעפירט אין לאַגער דעמביע [2] ביי מיידאַן קאָלבושאָווסקי. אויך דאָ האָבן מיר געאַרבעט אין וואַלד אין דיזעלבע באַדינגונגען. עס זענען צו אונדז דערגאַנגען פאַרשידענע ידיעות פון ביעשאַדקאַ; מען האָט דערציילט, אַז מ׳האָט דאָרט געשאָסן יחיאל צוקערבראָדס זון. מען האָט אים געצוווּנ־גען זיך אליין א קבר אויסצוגראָבן. דער עס־עס־מאַן האָם אים געפרעגט, וואָס ס׳איז זיין לעצטער ווּנטש, אים געגעבן א ציגאַרעטל און אים דערשאָסן. אביגדור בליצער איז ארויס פון לאַגער הוטא זוכן עסן ביי א גוי, האָט מען אים געשאָסן. צוליב אָן ענלעכן פּרווו האָט מען געשאָסן אין לאַגער אויך יהושע קעמפּלער און אהרן מאַדענער. אויך יעקב גרינבערג איז אומגעקומען אויף אזא אופן.

אין הוטא האָט זיך איינמאָל אנגעשיכורט א דייטשער "פאָר־אַרבייטער" מיטן נאָמען ניקעל, איז ער געקומען צו אונדז אין וואַלד און דערקלערט מיר, אַז ער מוז היינט שיסן צוויי יידן.— פאַרוואָס? — האָב איך אים פאַרווּנדערט און ציטערנדיק געפרעגט. ביז איצט איז ער פון די שטילסטע דייטשן געווען. זאָגט ער מיר, אַז זיינע חברים האָבן שוין אַלע פיל יידן געשאָסן און ער קיין איינעם נישט; זיי לאַכן פון אים, ער איז "קיין קערל", שעמט ער זיך ... צוריקגיי־



יהודים קשישים בעבודת־כפייה
עלטערע יידן ביי צוואַנג־אַרבעט

[2] אפיציעלער נאָמען: Dęba

ענדיק פון דער ארבעט, האָט ער געשאָסן אין אונדזער ריי און געהרגעט צוויי ברידער פון טוטשין [3].

דערזעלבער ניקעל האָט איינמאָל ביינאכט סתם אזוי אריינגעשאָסן צו אונדז אין באראק דורכן פענסטער. על־פי־נס איז נאָר געווען איין פארוואונדעטער, שבתי פעפערמאנס א יינגל.

צומאָרגנס, ווען דער דייטש האָט זיך אויסגעניכטערט, האָבן מיר אים געבעטן (אלץ פאר געלט !), מען זאָל דאָס יינגל צוריקפירן קיין באראנאָוו. ער האָט דאָס געמאכט, אָבער שפעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז דאָס יינגל איז געקומען פונקט צו דער אקציע דאָרט און מ׳האָט אים פארנומען צוזאמען מיט אלע.

מיר זענען געווען אין פארבינדונג מיט אונדזערע משפחות אין שטעטל. איין מאָל אין דער וואך האָט מען אונז דערלויבט צו שיקן אביסל אָרעם עסן פון דער היים. פון צייט צו צייט האָט מען פאר געלט באקומען אורלויב ארויסצוגיין שבת נאָכמיטאָג און זיין צוריק מאָנטיק גאר אינדערפרי צום אַפעל. צוריק זענען מיר שוין געקומען זונטיק נאָכמיטאָג, מורא האָבנדיק זיך צו פארשפעטיקן.

אין די אלע ארבעטס־לאגערן זענען געווען ארום 180 באראנאווער יידן.

די אויסזידלונג

זונטיק, חודש אב 1942 (תש״ב) איז יצחק געלבער מיט נאָך עטלעכע באראנאָווער צוריקגע־קומען פון אזא אורלויב און דערציילט, אז ״עפעס גרייט זיך...״.

צומאָרגנס, מאנטיק, האָט אונז דער דייטשער לאגער־פירער דערציילט, אז זייענדיק ביי דער באן־סטאציע, האָט ער געזען איינוואגאָנירן די באראנאָווער יידן. וואָס דאָס הייסט ״אויסזידלען״, האָבן מיר דעמלט נישט געוווּסט. געווען שמועות, אז מ׳שיקט צום רוסישן פראָנט, אנדערע האָבן דערציילט, אז מען שאפט גרויסע געטאָס. א יינגל, וועלכער איז צו אונדז געקומען פון א וויטן לאגער, האָט געזאָגט ״מ׳פארברענט דאָ״, אָבער דאָס האָט קיינער נישט געגלויבט.

צי זענען געבליבן יידן אין שטעטל ? — מיר האָבן געפונען א פאָלאַק, וועלכן מיר האבן גוט באצאָלט און געשיקט קיין באראנאָוו מיט א בריוו. ווען ער טרעפן דאָרט א יידן, זאָל ער אים איבערגעבן דעם בריוו; אויב נישט — דאן זאָל ער אים איבערגעבן אין האנט פון יאשעק ווידוך (א ווילער גוי). נאָך א פאָר שעה האָט ער אונדז געבראכט יאשעקס ענטפער — נישטאָ מער קיין איין ייד אין באראנאָוו !...

[3] Tyczyn — א שטעטל נעבן זשעשאָוו.

פנחס גאָלדנער

די רוצחים

געווען א פּאָליציי־מאַן מיטן נאָמען וואָדעצקי, א פאָלקס־דייטש פון אָבערשלעזיען. זיין הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אין טאַרנאָבזשעג; געקומען פון צייט צו צייט אויך קיין באַראַנוב. יעדעס מאָל האָט ער פאַרלאַנגט פון יודנראַט אַזעלכע אַרטיקלען ווי קאַווע, טיי און אַנדערע, וואָס מ׳האָט נישט געקאָנט באַקומען אויפן פרייען מאַרק. ער האָט געהאַט א געליבטע, א שיקסל, אין באַראַנוב און ער פלעגט נעמען ביי דוד גאַרפינקעל (אן איידעם פון משה גאַרפינקעל) — זייגערלעך, רינגלעך און נישט באַצאָלט. זיין ערשטער קרבן איז געווען יעקל קנאַפּיסער. וואָדעצקי איז איינמאָל געקומען צום יודנראַט און געזאָגט, אז ער האָט דערשאָסן יעקל קנאַ־



יהודי ענוד "אות ההיכר"
א ייד מיטן "יידישן קענצייכן" (קעמפּלער אשר?)

פיסער און אז מ׳זאָל אים ארויסטראָגן אויפן בית הקברות. עטלעכע יידן זענען ארויס און אָפגעפירט דעם בר־מינן אויפן בית־הקברות מיט א טאטשקע. דער צווייטער קרבן איז געווען דוד גארפינקעל. וואָדעצקי האָט אים איינמאָל געטראָפן אין אן אָוונט; ער האָט זיך מיט אים צערעדט, באלד דערלאנגט אים א פאטש אין פנים און אים געהייסן לויפן; ער האָט אים נאכגעשאָסן און געהרגעט. איך מיין, אז ער האט אים דערשאסן, ווייל ער איז אים שולדיק געווען געלט און פאר זיך געהאט דעם תירוץ, אז ער האָט אים דערשאָסן, ווייל ער איז אנטלאָפן.

מאָנטיק, דעם טאָג פון דער אויסזידלונג, איז געווען אָנגעקלעבט א מודעה אויף יעדן יידישן הויז, אז 9 א זייגער פרי מוזן אלע יידן זיך פארזאמלען אין מארק. מען מעג מיטנעמען 25 פונט געפעק און די שליסל פון הויז זאָלן בלייבן שטעקן אין די טירן. אלע יידן האָבן זיך פארזאמלט אין מארק. ס׳איז געקומען א קליינע צאָל פאָליציי און עטלעכע געסטאפאָ־לייט. נעבן דער געמיינדע זענען געשטאנען עטלעכע ליידיקע וועגעלעך מיט פערד געשפאנט און מ׳האָט אָנגעהויבן ארויפצולייגן אלטע מענטשן, און קליינע קינדער. אויף די דאזיקע וועגעלעך האט מען אוועקגעפירט אן ערך פון 20–30 מענטשן; די איבריקע האָט מען געהייסן גיין. אזוי גייענדיק נעבן חיים שניידערס הויז איז געפאלן טויט אן אויסגעמאטערטע, אליעזר שוחטס פרוי. מיך האָט וואָדעצקי געשלאָגן מיט א לעדערנער בייטש אזוי, אז איך האָב געהאט דערפון בלויע צייכנס עטלעכע וואָכן. צו דער באַן־סטאציע איז געקומען צולויפן א ייד פון גרעמבאוו,



יהודי בימי השואה

וואָס איז געווען צווישן די אויף די וועגעלעך, און דערציילט, אז מ׳האָט זיי געפירט אויפן בית־הקברות און דאָרט אלע דערשאסן. אים איז געלונגען צו אנטלויפן.

קומענדיק קיין דעמביץ, האָט מען אלע פארזאמלט אויף א גרויסן פלאץ. עס זענען דאָ געווען מענטשן פון ראָזוואדאָוו, טארנאָבזשעג, קאָלבושאָוו און אויך פון דעמביץ — געווען א 10,000 מענטשן. עס זענען אָנגעקומען אסך עס־עס־לייט פון פוסטקאָוו מיט א הויכראנגיקן אָפיציר. דער אָפיציר איז ארומגעגאנגען מיט א שטעקעלע און יעדן געפרעגט, צי ער קען ארבעטן און מיט דעם שטעקעלע אנגעוויזן אין וועלכער ריי זיך צו שטעלן. די יינגערע האָט ער געהייסן שטעלן אין איין זייט און די עלטערע האָט ער געהייסן לויפן און זיך שטעלן אין א אנדערער זייט. אפילו די מיטלערע, וואָס זייער לויפן איז אים נישט געפעלן, האָט ער גע־הייסן שטעלן זיך אין דער ריי מיט די אלטע. פון די בארניווער יידן האָט ער געהייסן לויפן: חיים מיץ מיט זיין פרוי, שמאי פרייזער מיט פרוי, יצחק ווינער, ברוך גאָרד, בנימין שאלער, ישראל זאלצמאן ע״ה. די עס־עס־לייט האָבן אויסגעטרונקען אסך בראָנפן און געגעבן א באפעל צו די יונאקעס, ארויפצולייגן די אלע וואָס מ׳האָט געהייסן לויפן און די וועלכע זענען זיי נישט געפעלן פאר ארבעט, — אויף לאסט־אויטאָס וואָס זענען געשטאנען אָנגעגרייט. איך האָב געזען, ווי מ׳האָט ארויפגעוואָרפן אויפן לאסט־אויטאָ ישראל זאלצמאן, אזוי ווי מען ווארפט א שטיק סחורה. אין מיין ריי איז געשטאנען משה גוטפריינד, מרדכי גראָס, שמאי פרייזערס 3 זון, משה וויסמאן, משה מיץ, לעווקאָוויטש פון פאדעוו, (וועלכן מ׳האָט געשיקט קיין מיעלעץ), שכנא שניצער האט מען געשיקט קיין פוסטקאָוו, מיך — קיין ריישע אויף ארבעט אין אן עראפלאן־פאבריק.

וועגן דער סעלעקציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט דעמביץ, ווהין מ׳האט געבראכט די יידן פון דער גאנצער סביבה, און זייער ״טראנספאָרט״ אין טויטן־לאגער בעלזשעץ — זע ״ספר־יזכור דעמביץ״.

ישעי׳ לאסער

ביי די דייטשן אויף ארבעט

די ערשטע וואָך פון אריינמארש פון די דייטשן האָבן מיר, יידישע מענער, געארבעט ביים פארריכטן די שאָסייען, און די פרויען — האָבן ביי זיי געוואשן, געררוימט, געשיילט קארטאָפל. אויסערדעם האָבן מיר געמאכט אלע עפנטלעכע ארבעטן, וואָס דער מאגיסטראט האָט פאר־לאנגט. די יידן האָבן געבויט א שטראָז קיין וואָלי, אָבער די גאנצע צייט זענען מיר אלע געווען אין בארניוו, פון דאנען געגאנגען צו דער ארבעט. ערשט נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה האָט מען אָנגעהויבן נעמען יידן אין די לאגערס. דאָס ערשטע מאָל האָט מען גענומען 3 וואָכן פאר פסח תש״ב ; דאָס צווייטע מאָל — א וואָך נאָך פסח. איך געדענק נישט גענוי אלע דאטעס.

די ארבעט־לאגערן ארום זענען געווען אין ביעשאדקא, דעמבא, הוטא קאָמאראָווסקא — ווו די בארניווער יוגנט האָט געארבעט אין וואלד, געקאָרטשעוועט בוימער. דעמלט האָבן נאָך די יידן דאָרט נישט געטראָגן קיין שום אָפצייכנס אדער נומערן. שפעטער האָט מען איין טייל אוועקגעפירט קיין פוסטקאָוו נעבן דעמבעץ און א צווייטן טייל קיין מיעלעץ אין א אעראָפ־לאָן־פאבריק, ווו איך בין אויך געווען.

אין טארנאָבזשעג איז אויך געווען א קליינער לאגער אין רבס הויז. זיי האָבן באדינט די שטאָט. אין מיעלעץ האָט מען אונדז אָנגעטאָן "פאסיאקעס" מיט נומערן און געלע לאטעס.


ווען איך בין געווען אין פלאַשווו ביי דער ליקווידאציע, האָבן מיר געמאכט אָקאָפּעס אין קראָקע. אין פלאַשווו און מיעלעץ האט מען אונדז אויף די הענט אויסטאטוירט די בוכשטאבן : KL.

א קאצעטניק ווייסט נישט קיין דאטעס. איך בין דאָך געווען קנאפע פיר יאָר אין לאגערן און ווייס נישט קיין איין דאטע, ווען איך בין פון איין לאגער אין א צווייטן געשיקט געווארן . . .

יהושע קאלעך

די אויסזידלונג

אונטער דער אויפזיכט פון דער פוילישער פּאָליציי זיינען מיר, די אויסגעזידלטע פון טארנאָ־בזשעגער געטאָ, געגאנגען צופוס קיין בּאראנאָוו, און ווי עס איז זיך איינגעאָרדנט דאָרט אין געטאָ. זונטיק, ה׳ באב תש״ב פארנאכט האָט אונדז גראָס, דער יודענעלטסטער פון באראנאָוו אָנגעזאָגט די בשורה, אז מאָרגן פירט מען אונדז צוזאמען מיט די באראנאָווער יידן ״נאך אָסטען״; 8 א זייגער אינדערפרי דארפן אלע זיין אין מארק!




ההגליה — די אויסזידלונג (1942)

די שטימונג איז געווען זייער א דערשלאָגענע. מענטשן האָבן גערעדט וועגן אנטלויפן איבער דער ווייקסל, אָבער דער פחד פאר די דייטשן איז געווען א שרעקלעכער, און — וואהין לויפט מען? אז מ׳וועט פירן ״אויפן מזרח״ האָט מען געגלויבט. אזוי איז געווען אויך אין נאָענטן שטעטל מיעלעץ, פון וואנען מ׳האט שוין מערץ 1942 אויסגעזידלט די יידן און דעם רוב פון זיי איבערגעפירט אויף די ווייטע קרעסן (אין דריי שטעטלעך). קלאנגען זענען געווען, אז דאָרט וועט מען שאפן א ריזיקן געטא פאר דער גאנצער געגנט. פון דאָרטן זענען אָנגעקומען שרעקלעכע בריוו: הונגער, נויט, קראנקייטן. וועגן דעם האָט מען זיך געשראָקן; וועגן א

שנעלער און געפלאנטער פארניכטונג — איז קיין חשד נישט געפאלן. ביז דאן האָט מען נישט אין טארנאָבזשעג און נישט אין בּאראנאָוו געוווּסט וועגן פארניכטונג־לאגערן.


אינדערפרי האָט זיך דער מארק אָנגעפוּלט מיט יידן און זיי האָבן געהיט עס־עס־לייט און פוילישע פּאָליציי. די שטימונג — א שרעקלעכע און אפּאטישע; קיין שום געוויין. די צרות במשך פון די לעצטע צייטן האָבן שוין אינגאנצן אונדז צעבראָכן, וויינען האָט מען שוין נישט געקענט. לאנגע שעהן איז מען אזוי געשטאנען. גראָס האָט געפּרוּווט רעדן מיט דער פּאָליציי, עפּעס העלפן, אָבער גאָרנישט אויפגעטון. אינמיטן טאָג האָט מען געמאכט א סעלעקציע און א פּאָר צענדליק עלטערע מענטשן האָט מען אוועקגעפירט. מיר, טארנאָבזשעגער, האָבן שוין ליידער געוווּסט, וואָס דאָס באדייט... אזוי האָבן זיי געטון אויך ביי דער אויסזידלונג פון דזשיקאָוו. די גויים האָבן אונדז שפּעטער דערציילט: אלע זענען דערשאָסן געוואָרן אויף דעם אלטן דזשיקעווער בית־הקברות. נאָך א צייט, זייענדיק אין די לאגערן, האָב איך ערשט פארשטאנען זייערע רוצחישע כוונות: זיי האָבן ספּעציעל אויסגעמאָרדעט די אלטע לייט אויפן אָרט, כדי צו שאפן ביי די מאסן א אילוזיע, אז די איבּריקע ווערן געפירט צו ארבעט און וועלן בלייבן לעבן. אזוי האָבן זיי גענארט און געוואָלט אויסמיידן א יידישן ווידערשטאנד.


אביגדור רוזנפלד, בנו של השו״ב
דעם שוחטס זון (בימי השואה)

ערשט פארנאכט האָט די עס־עס אונדז געפירט צו דער באן צוּפוּס. איינוואאָגנירט האָט מען אונדז אין א בהמה־צוג, אין וועלכן עס זענען שוין געווען די יידן פון ראָזוואַדאָוו, ניסקאָ, ליזשענסק און לאנצוט. די טארנאָבזשעגער האָבן באקומען דריי קליינע וואגאָנען, די באראנאָווער — אנדערע. די 50 קילאמעטער קיין דעמביץ זיינען מיר געפאָרן זייער לאנג — א גאנצן טאָג דינסטיק און צוויי נעכט. מיר האָבן געמיינט, אז מען פאָרט אין מרחקים. מיטוואָך 4 א זייגער פרי זיינען מיר געקומען קיין דעמביץ. א פּוסטע גרויסע לאָנקע, ארום הויכע וואלן און אויף זיי די באוואַכנדיקע היטער. דאָס איז געווען ערב תשעה־באב תש״ב.

אָפּגעשטאנען שעה׳ן און ווידער א סעלעקציע, ווידער האָט מען עלטערע מענטשן געפירט צום שיסן. מיטאָגצייט האָט מען פּלוצים געמאָלדן: ווער עס האָט צוויי אנציגע, זאָל ארויס! פארשטאנען האָבן מיר פּשוט, אז זיי ווילן ביי אונז צורויבן דעם איבּריקן אנצוג. אָבער וואָס קען מען טון? אז פאר יעדער קלייניקייט שיסט מען, און לעבן וויל יעדער... בין איך ארויס מיט די אנצוגע אין האנט און אזוי אויך פילע הונדערטער פון צווישן די טויזנטער צוזאמענגעדריקטע און דורכגעווייקטע פון רעגן און אויפגעציטערטע פון שרעק און אימה.

אונז, די ״גבירים״, האָט מען אויסגעשטעלט אין רייען צו זעקס און אָפּגעציילט 4 גרופּן צו 150 מענטשן; די איבּריקע האָט מען צוריקגעשיקט צום עולם. די אנציגע האָט מען ביי אונז כלל נישט פארלאנגט; דאָס איז פּשוט ווידער געווען א דייטשער ליגן, כדי צו נארן די יידן און



חתנו של אליעזר שו״ב
לייזער שוחט׳ס איידעם (אין דער
חורבן־צייט)

אזוי ארום אויסקלויבן די נויטיקע מענטשן. קיינמאָל האָט מען נישט געוווּסט, וואס זיי קלערן צו טון, וואָס זייערע כוונות זיינען .די פיר גרופן האָט מען באלד אוועקגעשיקט קיין ריישע אין אן אוויאציע־ווערק, אין לאגער פוסטקאָוו, א טייל קיין דעמביץ צוריק אין געטא אריין, און איין פערטל — קיין טאר־נאָבזשעג אויף אויסצוענדיקן דעם שאסיי קיין כמיעלאָוו.

איך בין ארייגעפאלן אין טראנספּאָרט קיין ריישע. הינטער אונדז, אויף דער דעמביצער בלאָטיקער לאָנקע, זיינען געבליבן די טויזנטער פארוואָגלטע; אלע — שרידים פון די צענדליקער יידישע קהילות פון צווישן דער ווייקסל און דעם סאַן.

פרייטיק, י׳ באב, האָב איך געטראָפן ביים לאגער א טארנאָ־בזשעגער צוגערייזטן פּאָלאק, מיטן נאמען קאסאק. איך האָב אים געקענט, ער האָט געארבעט ביי דער באַן. ער האָט מיר דערציילט, אז נעכטן, ד. ה. ט׳ באב, האָט ער איבערגעגעבן דעם טראנספּאָרט אין די הענט פון עס־עס ביי א ״ענטלויזונגס־אנשטאלט״ אין בעלזשעץ... וועגן אזא ״אנשטאלט״ האָבן מיר ביז דאן נישט געהערט. וואס איז געשען ווייטער מיט אונדזערע משפחות, ווו זיינען זיי אהינגעקומען — דאָס האָבן מיר זיך דערוווּסט ערשט מיט א יאָר שפעטער.

דער באראנאָווער יודנעלטעסטער גראָס איז געווען מיט מיר צוזאמען אין ריישע. ער איז געווען אן אָרנטלעכער, ווילער מענטש. ענדע 1943 האט מען אים אוועקגענומען קיין פלאשאָוו אין לאגער.

יעקב בראַנד


נתן הויזער דערציילט וועגן חורבן בארניוו

אין אַנוועזנהייט פון די הערן ברוך נוסבוים און יעקב דוד בראַנד, וועלכע האבן באזוכט נתן הויזער מאנטיק, דעם 22־טן פעברואר 1960 אין זיין ״בשר כשר־געשעפט״ אין בראָנקס נעבן ניו־יאָרק, האט דער לעצטער איבערגעגעבן דאס פאָלגנדיקע:


די אויסזידלונג איז פאָרגעקומען 2 טעג פאר תשעה־באב תש״ב. צוויי וואָכן פאר דער אקציע איז געשאפן געוואָרן דאָס געטאָ, וועלכער האָט פארנומען א האלבן מארק־פלאץ און א חלק פון דער גאס צום הויף צו — די ליניע ירמי׳ לייבאָוויטש — חיי דבורה ביז ד״ר מעלערס הויז. די יידן פון די אנדערע גאסן האָבן געמוזט זיך איבערציען אין דעם נייעם קרייז. א טאָג פאר דער אקציע זענען צוגעקומען אין געטאָ ארום 40 יידן פון טארנאָבזשעג.

א קורצע צייט פאר דער אקציע זענען געקומען צוויי מיטגלידער פון יודנראט מאיר חיים הויזער און יונה בערגער צו נתן הויזער און געפאָדערט פון אים א סומע געלט פאר די נויט־באדערפטיקע יידן אין געטאָ, ווי אויך כדי אונטערצוקויפן די פוילישע זשאנדארמעריע. עטלע־כע טעג שפעטער זענען געקומען צו אים מרדכי גראָס, דער פרעזעס פון יודנראט, און משה גוטפריינד, דער סעקרעטאר, מיט א פאָרשלאג, אז לאָלעק וואווזשיצקי, מיט וועלכן ער האָט געהאט א נאָענטע פארבינדונג, זאָל צושטעלן שיפלעך און ״איבערשווארצן״ יידן אויף דער צווייטער זייט ווייקסל. ווען עטלעכע שיפלעך זענען שוין גרייט געווען, האָט מרדכי גראָס ערקלערט, אז אלס פרעזעס פון יודנראט קאָן ער נישט אנטלויפן און איבערלאָזן די עדה יידן אָן א פירערשאפט; ער קען נישט און טאָר נישט באפרייען זיך פון דער פאראנטוואָרט־לעכקייט און ער וועט בעסער אומקומען מיט אלע יידן, איידער זיך אליין ראטעווען. אזוי אויך האָט זיך משה גוטפריינד אָפגעזאָגט צו אנטלויפן מיטן תירוץ, אז זיין משפחה און זיין פרויס משפחה האָבן צוזאמען אזוי פיל מיטגלידער, אז עס וועט זיין אוממעגלעך זיי אלע צו ראטעווען און דאפאר איז שוין בעסער צו בלייבן מיט אלע יידן. אזוי ארום איז דער פלאן צונישט געוואָרן.

צוויי פאָליציאנטן — מראשעק און לעווסקי האָבן געראָטן צו אנטלויפן. נתן הויזער מיטן ווייב און זייער יינגל צוזאמען מיט אלי פערלמוטער פון דזיקאָוו, זיין פרוי און טאָכטער, זענען אנטלאָפן. אויפן וועג האָבן די משפחות זיך צעשיידט. ער האָט דערנאָך געהערט, אז די פערלמוטערס האָבן זיך אויסבאהאלטן אין א סטאָדאָלע ביי א גוי. ווען די עס־עס האָבן זיך



יהודי בימי השואה



יהודי בימי השואה

דערוווסט דערפון, האָבן זיי באלאגערט די סטאָדאָלע. די פרוי האָט דאָס קינד איבערגעלאָזט אויף א לאָנקע און אליין ערגעץ אנטלאָפן, אבער זי איז שפּעטער אומגעקומען. פּערלמוטער האט אונטערגעצונדן די סטאָדאָלע און איז דאָרט פארברענט געוואָרן. דאָס קינד איז געפונען געווארן פון א פּאָלקע, וועלכע האט עס איבערגעגעבן אין א קלויסטער. אגב, דערציילט נתן, אז ער האָט פיל געטון נאָך דער מלחמה צו העלפן ארויסנעמען דאָס מיידעלע פון קלויסטער. ווי ער האט געהערט, געפינט זי זיך איצט אין ישראל.

צוויי טעג פאר תשעה־באב האָבן די יידן באקומען א באפעל, צו קומען אויפן מארק. פון 9.30 אינדערפרי ביז 1 א זייגער מיטאָג האָבן אלע יידן געמוזט זיך שטעלן דאָרט. די געסטאפּאָ האָט דאן "סאָרטירט" די מענטשן. די יינגערע און ארבעטספעיקע זענען געפירט געוואָרן צו דער באן־סטאציע, פון וואנען זיי זענען צעשיקט געווארן אין די לאגערס פוסטקאָוו, מיעלעץ, ביעשאדקא און אנדערע. די עלטערע זענען אָפּגעפירט געוואָרן אויפן בית־הקברות. דאָ האָבן די יידן געגראָבן א לאנגע טראנשעע. ווען זי איז פארטיק געוואָרן, זענען זיי אויסגעשטעלט געוואָרן לענגאויס דער טראנשעע און די עס־עס האָבן מיט צוויי מאשינגעווער די יידן דערשאָסן. די געמיינדע האָט צוגעשטעלט 10 פּאָלאקן פון שטאָט צו פארשיטן די טראנשעען מיט די אויסגעמאָרדעטע יידן. צווישן די פּאָלאקן האָבן זיך געפונען שמעון סאלטשיק, יאַנדעק דיטשעק, די יאנטשעס און אנדערע.

נתן איז מיט דער פאמיליע אוועק קיין אָשיק. זייענדיק דאָרט א שטיקל צייט, האָט ער באמערקט באקאנטע גויים סודלען זיך וועגן אים, איז ער אוועק קיין קאָפּשעוויצע. אומעטום האָט ער געצאָלט שווערע געלדער פאר קליינע טובות. ער איז די גאנצע צייט געווען אין קאָנטאקט מיט עטלעכע באקאנטע גויים אין בארניוו, און ספּעציעל מיט לאָלעק וואוושיצקי, וועלכער האָט אים אָנהויב גוט געדינט — פארשטייט זיך, אז פאר א גוטן פרייז. אָבער דערנאָך האָט ער אים אויך געזוכט צו פארמסרן און נתן האָט זיך געמוזט אויסבאהאלטן פאר אים. ווען קאָפּשעוויץ איז אים געוואָרן פארדעכטיק, איז ער צוריק אריבער די ווייקסל און אריין קיין קליין מיטראָוו. אז דאָס דאָרף איז אים געוואָרן פארדעכטיק, איז ער צוריק אוועק קיין


קאַפּשעווניצע און דאַן צוריק קיין בארניוו, ווו ער האָט פארבראכט עטלעכע וואכן אין דער סטאַדאָלע ביי וואוושיצקי. לכתחילה איז די פאמיליע גוט באהאנדלט געוואָרן, דערנאָך איז אָבער דער פלאַץ געוואָרן געפערלעך און זיי האבן געמוזט זוכן א נייעם מקום מקלט. שימעק סאלטשעק, וועלכער האָט תמיד געלעבט פון יידן, האָט זיך אָפגעזאָגט זיי אויסצובאהאלטן, און אויך אנדערע מיעשטשאנעס האָבן זיך אפגעזאגט. א צייט האָט די וואנדערנדיקע משפחה געפונען א מקום מנוחה ביי א גוי, וואָס האָט געוווינט נאָענט צום בית הקברות. פראנעק סאפין האט זיי פארמסרט, און אדאנק דעם פאָליציאנט מראשעק זענען די הויזערס געראטעוועט געוואָרן.

אין דער צייט פון די וואנדערונגען האט נתן׳ען דעגרייכט די ידיעה, אז יחיאל שעכטער איז ארויס פון ביעשאדקע־לאגער און איז געגאנגען קיין קליין מיטראָוו איינהאנדלען עסנווארג. אין סטאוואוויס שטאל, ווו ער האָט זיך אויסבאהאלטן, איז ער געהרגעט געוואָרן. דערזעלבער גורל האָט געטראָפן מעשעל שערס אן איניקל, הערשל שער. אביגדור בליצער איז געשאָסן געוואָרן אין בארניוו פון די עס־עס־לייט. ווען מ׳האָט אים געפירט צום שיסן, האָט דאָמב־ראָווסקי, וועלכער האט זיך געהאלטן פאר אן אינטעליגענט, צו אים געזאגט: קוק זיך גוט צו צו דער זון, דאָס איז די לעטצע זון וואָס דו וועסט זען. נתן פאָמעראנץ איז דערקענט געוואָרן אין אָשיק און איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פאָליציי, וועלכע האט אים איבערגעפירט קיין בארניוו. ס׳האָט געהייסן, אז יידן האָבן באהאלטן גרויסע אוצרות און נתן פאָמעראנץ איז שרעקלעך געפייניקט געוואָרן, ער זאל אויסזאָגן, ווו די אוצרות געפינען זיך. זיי האָבן ביי אים אָפּגעשניטן די אויערן, אויסגעברענט די אויגן און נאָך שרעקלעכע עינויים אים דערשאָסן. שימעק סאלטשיק האט אים געפירט מיט א טאטשקע צום בית הקברות און מקבר געווען.

אין אָנהויב האָבן זיך יידן געקענט אויסבאהאלטן ביי די ארומיקע באקאנטע גויים — פאר־שטייט זיך, אז נישט בחינם. וואָס ווייטער, איז די לאגע געוואָרן ערגער, ווייל ערשטנס האָבן די גויים אליין אָנגעהויבן מורא האָבן, דאָס האָט געהייסן ריזיקירן צוליב די יידן מיטן אייגענעם לעבן; צווייטנס — האָבן גויים זיך אויסגעלערנט פרעסן געלט פון די יידן און עס איז געווען אויך אין זייערע אינטערעסן, אז די יידן זאָלן פארניכטעט ווערן, ווייל אזוי ארום איז דאָס איבערגעלאָזטע יידישע פארמעגן געבליבן ביי זיי. מיט דער צייט איז די שטימונג געוואָרן ערגער; די גויים האָבן געמסרט צו די עס־עס־לייט, ווו יידן באהאלטן זיך און דערנאָך האבן זיי אליין אָנגעהויבן מאָרדן. א ביישפּיל דאפאר איז סטאוואָווי, וועלכער האָט אין אָנהויב געהאָלפן יידן זיך באהאלטן און דערנאָך האָט ער זיי אליין דערשאָסן.

עס זענען געווען אויך אויסנאמען, ווי למשל דער פאָליציאנט מראשעק, וועלכער האָט עטלעכע מאָל געראטעוועט דעם רב און זיין זון ישראל יוסף. אויך נסן׳ען האָט ער פיל געהאָלפן און ער איז אים דאנקבאר.

פאר דער ליקווידאציע האָט פנחס מלך (איטשע ווינערס איידעם) געגומען ביי נתן הויזער 500 זלאָטיס צו קויפן א פרעזענט פארן קאמענדאנט פוכהאמער, אלס א דאנק פאר די טובות, וואָס ער זאָל האָבן געטון פאר די בארניוווער יידן. אָבער אין עטלעכע טעג שפּעטער, ווען



משפחת פעלדמאַן (1932) — אַלע אומגעקומען

פוכהאַמער האָט זיך דערוווּסט, אַז לייביש, מעכל דודס איידעם איז געווען אין דאָרף עפּעס איינהאַנדלען, איז ער אַריין אין געטאָ און אים גלייך דערשאָסן.

באַלד נאָך דער מלחמה איז נתן צוריק געפאָרן קיין באַרניוו און דאָרט געטראָפן אַ שטימונג פון רציחה. די גויים האָבן מורא געהאַט, אַז די יידן וועלן צוריקקומען און איינמאָנען זייער פאַרמעגן. האָבן זיי געזוכט מיטלען דאָס אויסצומיידן, און אויסצוהרגענען די צוריקגעקומענע יידן — איז געווען דאָס זיכערסטע מיטל. נתן האָט דאָס באַמערקט און תיכף אַוועק.

זייענדיק אין באַרניוו, האָט ער געהערט, אַז דאָס בית המדרש איז צענומען געוואָרן און ליציטירט געוואָרן צווישן די גויים. אויך די מצבות פון בית הקברות זענען פאַרקויפט געוואָרן אויף דער ליציטאַציע.

נאָכן חורבן


עטלעכע יאָר האָב איך געוווינט אין דעם ליבן שטעטעלע בּאראנאָוו. איך בין דאָרט געווען דער איינציקער דענטיסט פאר דער גאנצער באפעלקערונג און אויך פאר די מיטגלידער פון דער אלגעמיינער פארזיכערונג. דאָס שטעטל איז געווען סימפאטיש צוליב דער גוטער יידישער באפעלקערונג און באקאנט מיט אירע נאציאָנאלע שטרעמונגען. אין דעם שטעטל האָב איך גליקלעך געלעבט מיט מיין פרוי בלומע און מיינע טייערע צוויי יינגעלעך ז״ל. דער עלטערער, הערשעלע, איז אלט געווען 5 יאָר, און דער יינגערער, משה אהרן — 11 מאָנאט. מ׳האָט זיי געפלאגט צוזאמען מיט אלע יידן און דאן אוועקגעשיקט צום פארברענען אין די גאז־אויוונס. על־פּי־נס בין איך אליין געבליבן לעבן פון מיין גאנצער משפחה; איך האָב אויך מיטגעמאכט דורך דער צייט א שווערן לאגער אין די רוסישע וועלדער, ווו ס׳איז א גאנץ יאָר ווינטער און א האלב יאָר — נאכט[5]. היינט געפין איך זיך אין ישראל און איך בין מיט מיינע געדאנקען פארבונדן מיט די אומגעקומענע. זאָלן מיינע פּאָר שורות זיין א מצבה פאַר זיי, ווייל איך ווייס נישט ווו זייער אש געפינט זיך. זאָלן די קומענדיקע דורות וויסן אלץ, וואס די נאצישע חיות האָבן אָפּגעטון מיט יידישע קינדער — זיי האָבן זיי צעריסן אויפן פלאץ, ווייל קליינע קינדער האָט זיי נישט געלוינט אפילו אין די אויוונס צו פארברענען...

איך קען נישט מוחל זיין די גרויסע פארברעכעס לגבי אונדז. א אייביקע קללה פאר די נאצי־מערדער! מיט זיי דארף געשען דאָס, וואס זיי האָבן מיט אונדז געטון!


פאר מיין משפחה, פאר מיינע קינדער און פאר אייך אלע, אומשולדיק אומגעקומענע — זאָג איך תמיד דעם יידישן ״קדיש״ אין מיינע געדאנקען, און אין מיין הארצן טראָג איך שטענדיק די מצבה...

מאיר בעקער

[5] דער מחבר איז אין סעפּטעמבער 1939 מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער ארמיי און נאָך פּוילנס צעפאלן זיך, גענומען געוואָרן אין דער סאָוויעטישער געפאנגענשאפט.




גלויתדואר מבלומה בקר לבעלה ברוסיה



Nasz Najdroższy Mężu i Tatusiu!
Jedziemy z pocztą do [illegible] z p.
Bejlą. W tym tygodniu dzwoniłam do p. H.
żeby wzięli K. Józia rzecz, odpowiedział Ma[illegible]
sam, że osobiście będzie lub przyśle. [illegible]-
łam za pomoc Szczerzyka te rzeczy. Chcę wi-
dzieć się z p. H. szczególnie w sprawie K. Józia
Chciałabym siebie i Józia [illegible]
ale tak mało szansy mam. Przecież nie jestem
w ciemię bita i zrobiłabym coby robił Kraków
lecz nikt nie może [illegible]. Błagam Cię
możebyś się napisał do Józia kochanego
może Ty tam coś może [illegible], ja jestem zde-
cydowana na wszystko. Pójdę boso pieszo na-
wet do Matki lub na żebry o kawałek chleba
a ja Józia zdrowie chcę [illegible]. [illegible] jesteś
mądry jak to dziecko ratować. Listy otrzymałam
i kartki wszystkie. Do Wujka piszę stale, również
do krewnych [illegible] Mam. Posłałam Ci fotograf.
K. Mama. — K. dzieci są zdrowe, Twoja K. Matka
i K. brat również — Ja żyję nadzieją wraz z K.
synami, że nasz K. trzeci synek żyje inaczej
nasze życie nie nie warte przysięgam co nam
najdroższe, że się [illegible] bez Niego nie będziemy.—

כאראקטעריסטישע צוויי קארטלעך געשיקט פון בלומא בעקער דעם 19.4.1940 און 28.4.1941 צו איר מאן מאיר, וואָס האָט זיך געפונען צו דער צייט אין א לאגער אין דער ווייטער ארכאנגעלסער געגנט. די פרוי איז געבליבן אליין מיט אירע צוויי קליינע קינדער אין בארניוו; זי איז שטארק באזאָרגט וועגן גורל פון איר מאן און זי גיט איבער אין א פארשטעלטער פאָרם וועגן אירע אָנשטרענגונגען, כדי אים צו באפרייען און אהיים ברענגען. זי האָט געשריבן קיין אמעריקע, געוואָנדן זיך צום יודענראט אין קראָקע, און ווי ס'ווייזט אויס, אפילו געגעבן געלט עפעס "מאכערס", וואָס האָבן איר צוגעזאָגט צו העלפן. זי שטרייכט אונטער, אז אָן דעם מאן איז זייער לעבן גאָרנישט ווערט און זיי וועלן זיין עווענטועלן אומקום נישט איבערלעבן... זי גיט אויך איבער דעם מאן פרטים וועגן זייער משפחה און — דער עיקר — וועגן זייערע צוויי קליינע קינדער, העניא (הערש) און משה אהרן, ווי שיין און קליג זיי זענען, און ווי שטאַרק זיי בענקען נאָך זייער פאָטער; דער


Mój Najdroższy i Najukochańszy Mężu i Tatusiu! - 28/IV 4
Twoja K. Matka przysłała mi Twoją Kartkę z 6/III., lecz ja
poczty od 22/III. wcale nie otrzymuję. Ciężko mi żyć bez K. poczty
Twojej, wciąż tylko Twe Kochane pismo, że zdrowy jesteś, jest na
razie chwilową osłodą. - Dziękuję Bogu, że jesteś zdrowy, musisz
być wciąż zdrowy i silny, bo masz dla kogo. - Ciekawa jestem
czy K. Józiu otrzymał pozdrowienie od Pcisecka Zuckra
Horochów II, więc usilnie piszę. - My jesteśmy zdrowi
tylko zabijają nas myśli o naszym maleńkim dziecku
Józieńku. Chcielibyśmy usilnie go wziąć ze szpitala, lecz
narazie to się nie da, bo K. Sąd nadesłał Kartkę, czy
może realizować Książeczkę Henia, przecież to pytanie
jest całkiem niepotrzebne. K. Maniuś równocześnie na-
pisał do Podolka, żeby w myśl życzenia K. Józia zrobiła
i zaraz Mu pozdrowienie posłała. - Proszę mi napisać co
przyszło w pakunku. Od Hani Zuckrówny Heneczek nie
odebrał zabawek, bo chce by były dla K. Józia, i stale bę-
dzie go pozdrawiał. O K. Maneczku pisze babcia cudnie,
że jest bardzo mądry, wykapany. K. Heniu też jest bardzo
słodki i stale tylko prosi Boga, żeby ... ze szpitala
wziął. K. Heniuś uczy się pilnie u mnie, pewnie wnet na-
pisze sam Kartkę do Ciebie. Proszę Cię bardzo i pisz dużo
i często. Możeby się Zuckrowi ... postarał wziąć K. Józia
do siebie, to przez Herberta poślę Mu wiele pozdrowień.
Proszę Cię napisz dużo, ja i K. Heniuś oraz Maniuś oddaje-
my całe życie i mocno całujemy Twe Kochane ręce Bluma.

גרעסערע, 6 יאָר אלט, העניאָ, לערנט שוין ביי דער מוטער לייענען און שרייבן און וועט שוין באלד קענען אליין שרייבן א בריוו צום טאטן. די מוטער דערמאָנט נישט, אז קיין חדרים האָבן ביים דייטש נישט עקזיסטירט, און אז אין דער אלגעמיינער שול ווערן קיין יידישע קינדער נישט אנגענומען. מיט קיין איין וואָרט דערמאנט זי נישט וועגן אירע אייגענע צרות, זי קלאָגט נישט אויף דער שווערער לאגע, אין וועלכער זיי אליין האָבן זיך געפונען. — קענטיק, אז זי וויל נישט דעם מאן מצער זיין. פון אירע קארטלעך דערוועקט זיך נישט דער מינדסטער חשד אפילו, אז זיי אליין דראָט עפּעס א סכנה.

אירע קארטלעך שיקט זי ארויס פון פּאַדיוו, מיעלעץ — ס'ווייזט אויס, אז פון בארניוו איז דאס נישט מעגלעך געווען צו טון. פאר אונדז האבן די דאָזיקע קארטלעך אן אלגעמיין היסטאָרישן ווערט ווי דאָקומענטן פון יענער צייט וועגן דעם אינערלעכן לעבן פון די יידן, זייער כוח פון ליידן, זייער צוגעבונדנקייט און מסירת נפש פאר דער משפחה און האָפנונג אויף בעסערע צייטן; אפילו אין דעם גיהנום נישט פארלוירן דעם צלם אלוקים.

א בריוו פון פוילן



אליהו קירשנבוים —
הבארניבי היחידי בפולין
דער איינציקער בארניווער
ייד אין פוילן

אויף דער בקשה פון חיים שאלער, איז דער געוועזענער תושב אליהו קירשענבוים (היינטצוטאָג אַן אָנגעשטעלטער אין א מלוכישער אינסטיטוציע אין ביעלסקאָ־ביאלא) אריינגעפאָרן קיין בארניוו זוכן מאטעריאל צו דער געשיכטע פון די יידן אין דער שטאָט און אט וואָס ער שרייבט:

עס איז נישט דאָסזעלבע שטעטל וואָס אמאָל. קודם־כל דער וועג פון דער באַן ביז צום שטעטל איז שטארק פארקירצט. ער גייט נישט איבער סקאָפאניע, נאָר מיט דער גאס (וואג), ווו עס איז געוועזן דער יידישער בית־עולם. ס׳איז נישט א וועג פון קילאָמעטער, נאָר זייער א קורצער. איידער איך האב זיך אומגעקוקט, בין איך שוין געווען אינמיטן שטאָט, ווו עס געפינען זיך איצט נייע פאבריקן, ווו מען ארבעט. אינמיטן מארק שטייט א דענקמאָל צום אָנדענק און כבוד פון יעניקע, וואָס האבן באפרייט די שטאָט פון דער היטלעריסטישער אָקופאציע. אין זאמעק איז איצט איינגעאָרדנעט א פאָלקס־ביבליאָטעק און א קלוב פאר ארבעטער. פון דער פאמיליע דאָלאנסקי, די געוועזענע אייגנטימער פון שלאָס, איז קיין זכר נישט געבליבן.


איך האָב מיך געלאָזט גיין צום בית־עלמין. צום באדויערן איז דאָרט נישט פאראן קיין שום מויער און איך האָב געצווייפלט, צי בין איך טאקע אויפן ריכטיקן אָרט. זייער לאנג האָב איך מיך דאָ ארומגעדרייט. עס שטייען שוין דאָ נישט מער די אמאָליקע אלטע בוימער, אויף זייער אָרט וואקסן איצט בלויז קליינע, יונגע בוימעלעך, הויכע גראָזן און ארום זאמד און זאמד. א גוטע שעה האָב איך מיך דאָ ארומגעדרייט און געוואָלט שוין פארלאָזן דאָס אָרט, אָבער פלוצים האָב איך דערזען צווישן די הויכע קוסטעס אַן איין־און־איינציקע מצבה, וואָס איז דא פארבליבן. דאמאלס האָב איך אלץ שוין פארשטאנען: די היטלעריסטן האָבן אלע מצבות צוגערויבט, נאר די איינע וואָס איז געלעגן פארשטעקט, איבערגעלאָזן; איך האָב פון איר תיכף געמאכט אַן אויפנאמע, וועלכע איך שיק דיר איבער.

צוריקגייענדיק פון בית הקברות אין שטאָט ארייַן, פאראיינזאמט און טרויריק, ווייל נישט



בית־הקברות — דער בית־עולם (1960)

נאָר די יידן זענען אויסגעמאָרדערט געוואָרן, נאָר מ׳האָט אויך די טויטע אויסגעגראָבן און די מצבות צוגענומען. האָב איך זיך צופעליק באַקענט מיטן נאַטשעלניק פון דער באַן־סטאַציע. דאָס איז אַ פוילישע פרוי [1], וואָס האָט מיר זייער פיל דערציילט וועגן די אומגליקלעכע יידן פון אַנהויב מלחמה ביז צו זייער אויסראָטונג. זי האָט דאָרטן ביטערלעך געוויינט. זי האָט מיך פאַרבעטן צו זיך און איבערגעגעבן וועגן דעם גרעסטן יידן־מערדער נומריק, וועגן דעמיענוקן וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהייצט שבת אין די אויוונס ביי יידן און דערנאָך געוואָרן זייער הויפּטמערדער. זי האָט מיר אויך געראָטן צו גיין צום פאָטאָגראַף מיכאל דאָמבראָווסקי,




קבר ההמונים בבית־הקברות
דער מאסן־קבר אויפן בית־החיים (1960)

[1] זי האט דורך דער פארמיטלונג פון פריינט א. ק. איבערגעשיקט די פאָטאָגראַפיע פון בית־המדרש, אלס א ״מתנה פאר די באראניווער יידן״. איר נאָמען: קושעמינסקא.

וועלכער האט נאָך אסך בילדער. איך האָב זי געפּאָלגט און ביי אים אפּגעקויפט דאָס וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער וויל פון די זאכן שלאָגן קאַפּיטאל, פאַר מיר איז דאָס אָבער ווערט.

צווישן אנדערע האב איך די פאָטאָגראַפיע פון נומריקן אין א היטלעריסטישן מונדור מיט א האנקנקרייץ אויפן אָרעם.



די איינציקע איבערגעבליבענע מצבה
המצבה היחידה שנותרה בבית העלמין החרב בבארניב ובה כתוב :
"אשה צנוע' ויקרה מעשי'
בצדק ודרך ישרה המילדת (?)
מרת צלה (?) בת לו"ח יצחקי (?)
נפטרה ח' ניסן שנת תר"ס.
לפ"ק ת'נ'צ'ב'ה' "

די פרוי האָט מיר אויך דערציילט, אז אין די ארומיקע וועלדער האבן א לאנגע צייט ארומגעוואָגלט יידן — פרויען און מענער. זיי פלעגן קומען צו איר בעטן ברויט, וואָס זי האָט זיי גערן געגעבן. ווי זי גיט איבער, זענען דאָרט געווען אויך יידישע און פוילישע פּאַרטיזאנער, וועלכע האָבן נומריקן אדורכגעשאָסן די רעכטע האנט, אָבער דער מערדער איז לעבן געבליבן, און זאל זיך נאָך געפינען היינט־צו־טאָג אין פוילן.

איך האלט פאַר מיין הייליקן חוב נאָכאמאל צו פאָרן קיין בארניוו זוכן מאטעריאל און וועגן דעם אויך שרייבן, אזוי ווי איך בין דער לעצטער לעבנגעבליבענער ייד פון באראנאָוו אין פוילן.

ביעלסקאָ־ביאלא, 27.8.1960

אליהו קירשענבוים

א בריוו פון פוילן

פון א צווייטן בריוו

„...כ׳בין אויך געווען אין שטאָטראַט, כדי דאָרט צו פועלן, מ׳זאָל דאס הייליקע אָרט ארומצוימען מיט א מויער אָדער מיט דראָט, און אויפשטעלן דאָרט אן אייביקן דענקמאל. די ערשטע שריט זענען אדורך מיט דערפאָלג און איך האָף, אז מיט דער צייט וועלן מיר צוזאמען מיט די היינטיקע קראקעווער יידן, די דאָזיקע הייליקע זאך דערפירן צו א גוטן סוף. די אָפּטיילונג פון קולטור־פארבאנד אין קראָקע האָט מיר מיטגעגעבן אן אמטלעכע באשייניגונג, אז איך פאר אין זייער נאמען און דאָס האָט מיר פיל געהאָלפן. דעם אנדערן טאג איז מיר אויך געקומען פון דאָרט צוהילף ח׳ סטעפאן קארפ, א מיטגליד פון פרעזידיום.

איך בין נאָך אלץ אונטערן שטארקן רושם פון דעם אלעמען, וואס איך האב דאָרט איבערגעלעבט, געזען און געהערט.

א ל י ה ו

ביעלסקאָ־ביאלא, 16.10.1960

א. ק. האט אונדז צוגעשיקט צווישן אנדערן א גרעסערע צאָל פאָטאָגראפיעס פון יידן אין בארניוו — קענטיק געמאכט כדי ארויסצובאקומען פון דער דייטשער אָקופאציע מאכט ספעציעלע „אויסווייזן“, א טייל פון זיי ברענגען מיר אין בוך. אויף א טייל זעט מען בולט דעם אָרעמבאנד מיטן מגן־דוד, וואָס יידן זענען געווען געצוואונגען צו טראָגן אין „גענעראל־גוווערנעמענט“. די פאָטאָגראפיעס זענען געמאכט פון די נעגאטיוון, וואָס האָבן זיך אפגעהיט ביים פוילישן פאָטאָגראף.

אגב, פון די פאָטאָגראפיעס איז צו זען, אין וואָספאַראַ קלאָגעדיקן מצב די יידן האבן זיך דעמאלט געפונען [דער פחד אין די אויגן]. אין אומווילקירלעך פארוואנדלען זיך די בילדער אין שטומע עדות פון דעם, וואס געווען.

אונדזערע קדושים

מיט צער שטעלן מיר אויף דעם ארט פעסט, אז עס פעלן אונדז די נויטיקע מקורות אויף צו קאנען צונויפשטעלן א פולע און גענויע רשימה פון אונדזערע אלע קדושים. ס'איז אויך א ספק, צי וועט דאס אמאל בכלל קאנען אדורכגעפירט ווערן. מיר זענען דערפאר געצוווּנגען צו שטיצן זיך אין דעם פרט בלויז אויף אונדזער זכרון, וואס קאן גורם זיין פארשידענע טעותים בנוגע די גענויע נעמען און צונעמען פון די אומגעקומענע. מהאי טעמא ברענגען מיר דא בלויז די נעמען פון די ראשי־משפחות, וואס זענען אונדז באקאנט געווען, נישט קאנענדיק פעסט־שטעלן נישט די נעמען און נישט די צאל פון די אומגעקומענע משפחה־מיטגלידער.
זאל אונדז דאס פארגעבן ווערן !

אבא, שוסטער
אברהם, יוסל
אונטערבערגער, חיים
אלי, שוחט
אנמוט, וואלף
אנמוט, מיכאל
אנמוט, רחל

בירנבוים, חיה
בירנבוים, חיה דבורה
בירנבוים, פנחס
בירנבוים, שמואל
בליצער, בערל
בליצער, מתתיהו
בער, נטע
בערגער, יונה
בראנד, מנשה
ברייט, סיני

גאנץ, יוסף
גארפינקעל, חיים
גארפינקעל, יוסף
גארפינקעל, ישראל
גארפינקעל, משה
גוטפריינד, משה
געלבוואקס, זעליק
געלבוואקס, יוסף
געץ יוסף
גערשטיין, מאיר
גראס, מרדכי
גרינבוים, הערש

דריליך, בצלאל
דריליך עזריאל

האלענדער, שלמה
האראוויץ, אביגדור, הרב
האראוויץ, חיים בעריש
האראוויץ, יוסף
האראוויץ, יעקב

הארעוויץ, ישראל יוסף, הרב
הארעוויץ, שבע׳לע
הויזער, מאיר חיים
הירשמאן, זעליק

וואגנער, יצחק מאיר
וואלאווסקי, יעקב
וואלדמאן, משה
וואליק, שבתאי
וואלף, מלמד
ווארשאווסקי, שלמה
וויינריב, חיה
וויינריב, רייזל
וויינשעלבוים, רבקה
ווייסמאן, שלמה
ווייץ, סערקע
ווינער, יצחק
ווערנער, פנחס

זאלצהיים, ישראל
זאצמאן, ירמיהו
זייוול, יעקב
ויסמאן, מאיר יעקב
זיסמאן, רפאל

חיים שמש׳ס טאכטער
חנה בראנדל
חנה מאטל

טאפער, הענטשע
טאפער, לייביש
טאפער, פיניע
טייכמאן, שמעון
טייל, יעקב
טערלי, משה

כהן חיים, שוחט

לאסער, מענדל
לייבאוויטש, ירמיהו
לייבאוויטש, רחל
לעזער, מעשלס

מאגענהיים, יוסף
מאלץ, אברהם
מאשל, ייטע
מיץ, חיים
מיץ, משה
מיץ, שמואל
מירטענבוים, יעקב
מירטענבוים, מאטל
מירטענבוים, שמעון
מעלער, יעקב, ד״ר
מעשל

נארד, ברוך
נוסבוים, יעקב יצחק
נפתלי, חיים

סאנדאמיערסקי, שלמה

פאדאווער
פאמעראנץ, אברהם משה
פאמעראנץ, בערל
פאמעראנץ, יוסף
פאמעראנץ, יעקב
פאמעראנץ, משה פרץ
פאמעראנץ, נתן
פאנצער, אברהם
פאנצער, מלכה
פאס, אברהם
פארטגאנג, אוריש
פארטגאנג, אנשל
פארטגאנג, שלמה
פארשירם, חיים
פויגל, איטשע
פייט, הערש אלימלך
פייט, יוסף
פייערליכט, ביילע האדיס
פינעלעס, מעכל

פיסטראנג, אברהם
פענסטער, אברהם
פענסטער, אלי דוד
פענסטער, יעקב אלי
פענסטער, ישעיה
פענסטער, קלמן
פעלדמאן, הערש
פעפערמאן, שבתאי
פעפער, וואלף
פרידמאן, מיזשי
פרידמאן, פייגע רחל
פרידמאן, ראובן
פרייזער, אשר
פרייזר, מרדכי
פרייזער, משה יוסל
פרייזער, שמאי

צוקער, פסח
צוקערבראט, יחיאל
צוקערבראט, פסח
צייזל, אברהם
צענגוט, מלכה

קאנער, יידל
קאנארעק, ירמיה מאיר
קאנארעק, שמעון מענדל
קארנבליט, אהרון
קארנבליט, בנימין
קארנבליט, מרדכי
קארנבליט, ניסן
קורץ, אהרון יהושע

קורץ, אלימלך
קירשענבוים, מרדכי
קלײנבלאט, שלמה
קעמפלער, אשר

ראזענפעלד, אליעזר
ראזענפעלד, יצחק
ראזענצווייג, רפאל
ראט, חיה שרה
ראטוואקס, יחיאל
ראטמאן, דוד
ראטענשטרייך, זיסקינד

שאלער, בנימין
שליסל, מרדכי
שליסל, מתתיהו
שנאל, אהרון
שניצער, שכנא
שעכטער, פייוול
שענדארף, מיכאל
שעפס, אפרים
שפרינגער, גבריאל
שפרינגער, לוי
שפרינגער מאיר
שפרינגער, ישראל

פרוי און קינדער פון מ׳ בעקער
פרוי און קינדער פון יצחק געלבער
פרוי און קינדער פון יחיאל זילבער
פרוי און קינדער פון שלום פרידמאן

זאלן דא אויך לכל הפחות דערמאנט ווערן די נעמען פון די דערפער, וואס זייערע יידן זיינען פארטיליקט געווארן צוזאמען מיט די בארניוווער יידן, אן צו לאזן נאך זיך קיין שום זכר: דאמבראוויעץ, וואלא, מיטריוו, מיענדזיוואדזיע, סקאפאן, פאדיוו, פשיקיוו, קניפיס, קראשיצין.

אגודי יוצאי בארניב בעולם


די באַרניװער לאַנדסמאַנשאַפטן
אויף דער גאָרער װעלט

ברוך נוסבאום בן משה חיים

א קורצער איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון די בארניוועער לאנדסלייט אין ניו־יאָרק

די בארניוועער אָרגאניזאציע האָט זיך געגרינדעט מיט העכער 70 יאָר [1] צוריק אונטערן נאָמען "חברת ביקור חולים בני ישראל אנשי בארניוו". דער נאָמען "ישראל" איז געווען נאָך דעם נאָמען פון אלטן בארניוועער רב ר׳ ישראל זצ"ל, א פאָטער פון בארניוועער רב, וואָס אסך לאנדסלייט געדענקען נאָך היינט, ר׳ אברהם שמחה זצ"ל, וועלכער איז נפטר געווארן אין ארץ־ישראל.

די צאָל בארניוועער און איר סביבה איז אין יענער צייט געווען א קליינע. די עקאָנאָמישע לאגע איז אין אלגעמיין געווען א שלעכטע, בפרט פאר די נייַ געקומענע, וועלכע האבן דאס רוב נישט באזיצט קיין שום פאך־קענטעניש.



בית הכנסת של אנשי בארניב בניו־יורק מבפנים

[1] לויט "די יידישע לאנדסמאנשאפטן פון ניו־יאָרק" — אין יאָר 1888 מיט א צאל פון 30 מיטגלידער (אין 1927—220).

אין די יאָרן 1910–1914 זענען צוגעקומען אהער א גרעסערע צאָל פון בארניוו און כמעט אלע האָבן אין יענער צייט זיך באזעצט אין דער געגנט וואָס הייסט דאָ "איסט סייד".

אין יאָר 1915 האָט די בארניווער חברה געקויפט אן אייגענעם בנין פאר א שול, איינגעצאָלט א קליינע סומע און גענומען אויף דעם בנין א גרויסן חוב, אזוי האָט מען געמוזט א גרויסן טייל פון די הכנסות צאָלן דער באנק פאר צינזען. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז — אדאנק עטלעכע געטרייע מיטגלידער און מיט דער שטיצע פון אלע, וואָס געהערן צו דער בארניווער חברה — געלונגען אָפּצוצאָלן דעם גאנצן חוב.

אזוי ווי אלע לאנדסמאנשאפטן דאָ האָבן אייגענע בית־הקברות, האָט אויך די בארניווער איר בית־הקברות. דאָס איז אויך די הויפּט־סיבה, פארוואָס עס עקזיסטירן אזוי פיל לאנדס־מאנשאפטן דאָ.

דאָס גאנצע געזעלשאפטלעכע לעבן פון די נייע־געקומענע אין די דעמלטדיקע יאָרן האָט זיך קאָנצענטרירט אין די ד׳ אמות פון דער שול. די סיבה — א פארשטענדלעכע: (1) די מערהייט מענער זענען דאָ געווען אָן זייערע משפחות; (2) ביים צוזאמענקומען האָט מען געזוכט א גמילת חסד ביי דעם, וואָס האָט עס געקענט געבן.

ביים היינטיקן טאָג באשטייט די בארניווער חברה פון 150 משפחות. צום באדויערן געהערן נישט אלע בארניווער צו אונדזער חברה (סיבות דערצו זיינען פאראן פארשידענע). צווישן די 150 משפחות זענען פאראן מיטגלידער נישט־קיין בארניווער, נאָר שכנים פון דער שול, אָדער קרובים און באקאַנטע פון בארניווער.

עטלעכע סיבות האָבן דאצו בייגעטראָגן, וואָס היינט־צו־טאָג וווינט קוים א מנין בארניווער, וואָס זענען מיטגלידער אין דער בארניווער חברה, אין דער געגנט ווו די שול געפינט זיך:

(1) די געגנט איז גאָר אן אלטע — די הייזער דאָ אלט און ממילא האָבן נישט אלע הייזער מאָדערנע איינריכטונגען;

(2) די עקאָנאָמישע לאגע איז בכלל א בעסערע, אזוי אז מענטשן האָבן זיך אריבערגעט־ראָגן אין אנדערע געגנטן, ווו די הייזער זיינען שענער און האָבן בעסערע באקוועמלעכקייטן;

(3) קינדער פון די בארניווער וווינען נישט אין דער געגנט און מאנכע עלטערן ווילן בעסער וווינען נאָענט צו די קינדער, וועלכע וווינען אין בעסערע קווארטאלן. אָבער די שול איז אָפן יעדן טאָג פאר אלע מתפללים — סיי פאר מיטגלידער, סיי פאר יעדן ייד, וואָס וויל קומען אהער דאווענען.

די חברה איז פינאנציעל נישט אין קיין שלעכטן מצב. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין דער חברה געגרינדעט א קאָמיטעט, וואָס האָט יעדעס יאָר געשיקט מעות חיטין קיין בארניוו, אדאנק חנינא חיים (דאָ הייסט ער היימאן) און משה פרידמאן. דער קאָמיטעט איז געווען אקטיוו ביז צום חורבן פון בארניוו אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די בארניווער חברה מאכט יעדעס יאָר א זאמלונג ביי אירע מתפללים פאר דעם "פארייניקטן יידישן אפיל", וואָס דער גרעסטער טייל פון די געלדער איז באשטימט פאר ארץ־ישראל צוועקן. די חברה קויפט אויך פון צייט צו צייט ארץ־ישראל־באָנדס און פאַרמאָגט היינט אן ערך פון



בית הכנסת של אנשי בארניב בניו־יורק
פון רעכטס: ברוך נוסבוים, משה פרידמאן, ישעיה וואַגנער

1,000 דאָלאר ישראל־באָנדס. בארניוווער זענען בכלל דאָ פארטרעטן אין כמעט אלע געביטן: אין האנדל, אין מעדיצין און אין וויסנשאפט. אויך אויף דעם רעליגיעז־מוזיקאלישן געביט צייכנט זיך אויס א בארניוווער: — בן־ציון פרידמאן איז דא א כאר־דיריגענט און זינגט מיטן גרעסטן חזן פון אונדזער דור — משה קוסעוויצקי, א באקאנטער חזן איז א באראנאָווער איניקל לייבאלע וואלדמאן.

